STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00569

H. LEYVIK, ZAYNE LIDER UN DRAMATISHE VERK

B. Rivkin

Permanent preservation of this book was made possible by
Mark N. Ozer
in memory of
Naomi & Samuel Ozer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. ריווקין

דעם 10טן יולי 1955 איז געוואָרן 10 יאָר
זינט ב. ריווקין איז געשטאָרבן.

ב. ריווקין

ה. לייוויק

זיינע לידער
און דראַמאַטישע ווערק

ב. ריווקין

ה. לייוויק

זיינע לידער און דראמאטישע ווערק

פארלאג „ייִדבוך"

ביי דער

„געזעלשאַפט פֿאַר ייִדיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"

בוענאָס-אײַרעס

1955

אינהאַלט:

אַריינפיר — מינאַ ריווקין 7

ערשטער טייל: ה. לייוויקס לידער

קאַפּיטל איינס — „לידער 1932״ 13
קאַפּיטל צוויי — לייוויקס משיחיסטישער איבערגאַנג 27
קאַפּיטל דריי — 49
קאַפּיטל פיר — אין געיעג נאָכן קאָנקרעטן מענטש 77
קאַפּיטל פינף — „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד״ 95
„לידער פון גן־עדן״ 119
אויפן ברייטן שליאַך 141
אַ תפילה פון אַן אומגלויביקן, וואָס וועט גלייך טון אַ פעולה ביי אים 155

צווייטער טייל: דראַמאַטישע ווערק

אונטערן צייכן פון גולם 165
אַ גולם צו אַ גולם איז נישט גלייך 171
דער שאָטן וואָס גייט פאַרויס 175
די גאולה־קאָמעדיע („דער גולם חלומט״) 183
לייוויקס סאָצ.־פּאָעטישע דראַמע אין קונסט־טעאַטער („שמאַטעס״) 215
אַן אייגנאַרטיקע דראַמע — „באַנקראָט״ 225
דער נס פון „נס אין געטאָ״ 243

אַרײַנפֿיר

אין אָט דעם בוך וועגן ה. לייוויק גייען אַריין אַרבעטן וואָס ב. ריווקין ע״ה האָט געשריבן מערסטנס אין די יאָרן צווישן 1932־1944. דאָס בוך, וואָס ריווקין האָט צוגעגרייט נאָך ביים לעבן, באַשטייט פון פאַרעפנטלעכטע און נאָך נישט־פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן. ריווקין האָט נישט דערוויזן צו שרייבן וועגן אַלע ווערק פון ה. לייוויק. ער האָט יאָ דערוויזן צו שרייבן וועגן אַ טייל פון די ווערק וואָס זענען באַזונדערס אים נאָענט געווען.

די גרעסערע אַרבעט, מיט וועלכער דאָס בוך הייבט זיך אָן, איז ביז איצט נאָך נישט געדרוקט געווען. איך האָב זי פון מאַנוסקריפט געבראַכט אין דער געהעריקער אָרדענונג און צונויפגעשטעלט, ווי ריווקין אַליין האָט עס אָנגעוויזן צו טון. איך נעם אָן ווי אַ זכיה דעם גורל וואָס איז אויסגעפאַלן אויף מיר צו ברענגען צום יידישן לייענער די איבערגעבליבענע כתבים פון ב. רווקין, ע״ה.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן.
ערשטער טייל: ה. לייוויק און זיינע לידער.
צווייטער טייל: זיינע דראַמאַטישע ווערק.

ב. ריווקין איז פיל מאָל נישט ריכטיק אויסגעטייטשט געוואָרן. ריווקין האָט נישט פאַרלאַנגט קיין פּראָפּאַגאַנדע פון דער ליטעראַטור, און פאַר זיין געדאַנק פון משיחיזם זיכער נישט. „משיחיזם״ האָט ריווקין אָנגעווענדט אויף זיינע „אויסדערוויילטע״ שרייבער, (און דער אויסדערוויילטסטער פון די אויסדערוויילטע איז ביי ריווקינען געווען דער גרויסער דיכטער ה. לייוויק) ווייל ער האָט געהאָפט, אַז זיי וועלן זיין די, וואָס וועלן אויפנעמען זיין געדאַנק און אַריינאַרבעטן אים אין זייערע ווערק. אַזוי אַז זייערע שאַפונגען זאָלן זיין אימשטאַנד אָפּצוטון אַ הייליקן כישוף דער נישט־יידישער וועלט. מיט אַנדערע ווערטער געזאָגט, ריווקין האָט געפאָדערט, אַז אַ יידישער וואָרט־קינסטלער זאָל צוגיין צו זיין שעפערישן ווערק

מיט גרויס אַחריות, און די ייִדישע ליטעראַטור־שאַפונג זאָל קענען האָבן די זעל־ביקע פעולה וואָס רעליגיע האָט בשעתו געהאַט.

ווען די ייִדישע רעליגיע וואָלט נישט פאַרמאָגט קיין אויסלייזונג־אידייע און נישט קיין שטרענגע מאָראַלישע געזעצן, וואָס פירן צו אָט דער אויסלייזונג, וואָלט דאָס ייִדישע פאָלק נישט געהאַט אַן וואָס זיך צו קלאַמערן, און וואָלט אונטערגע־גאַנגען. און טאַקע דערפאַר האָט ריווקין געהאַלטן אין איין פאָדערן „ליטעראַטור במקום רעליגיע״. דאָס מיינט, אַז די ליטעראַטור זאָל זיך פאַרהאַלטן מיט דעם זעלביקן ערנסט, מיט וועלכן רעליגיע האָט זיך באַנומען, ווען זי האָט געפורעמט די געשטאַלטן פון אירע הייליקע וועגווייזער און לערער, ערשט דעמאָלט וואָלט די וואָרט־קונסט־ליטעראַטור געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם ייִדישן פאָלק און דורך דעם ייִדישן פאָלק אויף דער מענטשהייט, און די שרייבער־קינסטלער וואָלטן דאַן געוואָרן עכטע געשטאַלט־געבער. זיי וואָלטן אַריינגעבלאָזן אַ רוח־הקודש אין זייערע העלדן.

***

דעם 10טן יוני, 1955 איז געוואָרן צען יאָר זינט ב. ריווקין ע״ה איז פון אונדז אַוועק. פאַר דער צייט זיינען דערשינען זיבן ביכער פון ב. ריווקין:

„אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע״, 256 זייטן, ארויסגעגעבן פון דוד איגנאַטאָוו־ליטעראַטור־פאָנד. ניו־יאָרק, 1947.

„ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע״, 308 זייטן, פאַרלאַג „ציקאָ״, 1947.

„גרונט־טענדענצן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״, פאַרלאַג „איקוף״, ניו־יאָרק.

„יוסף אָפּאַטאָשוס גאַנג״, 59 זייטן, גרשון פּאָמעראַנץ עסיי־ביבליאָטעק, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, 1948.

„ייִדישע יום־טובים״, ניו־יאָרק, 255 זייטן, 1950.

אונדזערע פּראָזאַיקער״, פאַרלאַג „איקוף״, 320 זייטן, 1951.

„ב. ריווקינס לעבן און שאַפן״, פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ, 336 זייטן, 1953.

„ה. לייוויק, זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק״, איז דאָס אַכטע בוך.

איך האָב אויך צוגעגרייט צום דרוק ריווקינס אַ „משה־לייב האַלפּערן בוך״, און דאָס צווייטע בוך „ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע״, אין וועלכן עס גייען אַריין קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן:

„פינף דורות ייִדישע פּאָעטן״ ה. ראָזענבלאַט, י. י. סיגאַל, חיים קרול, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, נפתלי גראָס, א. טאַבאַטשניק, ציליע דראַפּקין, אבא שטאָלצענבערג, חיים גראַדע, א. לוצקי, א. בערגער, אלף כ״ץ, יאָסל קאַהן, לוי גאָלדבערג.

איך האַלט אויך אין צוגרייטן ריווקינס אַ „ליעסין־בוך״, אַן אויספירלעכע אַרבעט וועגן יהואשן, און אַן אַרבעט אונטערן נאָמען „ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס ייִדישער סאָציאַליזם״.

אָט די רשימה שעפּט נאָך אַלץ נישט אויס ריווקינס ליטעראַרישע ירושה.

מינאַ ריווקין

ערשטער טייל

ה. לייוויקס לידער

קאַפּיטל איינס

„לידער 1932“

דאָס בוך „לידער 1932“ איז דער דריטער עטאַפּ אויף לייוויקס וועג. און דאָס בוך פאַר זיך אַליין איז איינגעטיילט אין פיר עטאַפּן, וואָס זאָגן אָן נאָך מער עטאַפּן אויף דעם ווייטערדיקן וועג.

און וואָס איז לייוויקס וועג? פון לייוויקן צו לייוויקן — פון לייוויקן דעם אויסגעחלומטן ביז לייוויקן דעם פאַרווירקלעכטן — אין די זאַכן און געשעענישן וואָס אַרום אים, אין דער ווירקלעכקייט ווי זי איז — ניין, נישט ווי זי איז, נאָר ווי זי דאַרף פון זיין ליד פאַרוואַנדלט, געלייטערט און דערהויבן ווערן.

עס איז דער וועג פון פּאָעטישן אַבסטראַקט צום פּאָעטישן פאַקט; פון גערעדט צום קאָנקרעט; פון אין־זיך זען צו אויסער־זיך זען.

מסתמא איז עס מיט לייוויקן אַליין אַזוי; מער אָדער ווייניקער איז דאָס די ליניע פון יעדן פּאָעט — נאָר ביי לייוויקן איז עס קאָנטיקער, אויסגעשפּראָכענער, אָפענער, און אים איז אַ סך שווערער אָנגעקומען דאָס אַרויסנעמען זיך פון זיך אַליין, ווייל די אין־זיך־זעונג איז דער אָנהייב זיינער, אין וועלכן ער וואָרצלט נאָך עד־היום.

און די צווייטע אַנדערשקייט לייוויקס איז, וואָס אין־זיך געזען האָט ער פריִער פון אַלץ זיין אייגענע געשטאַלט — די פאַרקלערטע, פאַרטראַכטע און פאַרחלומטע אָפּשפּיגלונג אירע אין דעם שוואַרצאַפּל פון זיין אינעווייניקסטן אויג; און פון איר, און צו איר, און דורך איר — פון און צו און דורך זיין זעלבסט־זעונג — האָט ער גערעדט אין זיינע לידער.

און ווידער אַמאָל איז דאָס מער אָדער ווייניקער אמת וועגן יעדן פּאָעט — נאָר ביי די מערסטע איז אָט די זעלבסטזעונג זייערע באַהאַלטן; זי הויערט אומזיכטבאַר הינטערן ליד, און מען דאַרף זי טרעפן — זוכן און געפינען.

ב. ריווקין

לייוויק אָבער האָט זיין זעלבסטזעונג — די וויזיע פון זיין אייגענער געשטאַלט — די זעלבסטגעשטאַלט זיינע — געטראָגן הויך איבער זיין קאָפּ, און זיך געשטרעקט צו איר, און איז געוואַקסן אין איר, און איז מיט איר צונויפגעוואַקסן — דורך זיינע לידער. די פּראָצעסיע פון לייוויקס לידער איז זיין כסדר שטייגנדיקע זעלבסטגעשטאַלטונג.

און איצט, אין דעם איצטיקן בוך, וואָס האָט ער געטון? ער האָט זיך אויסגעטאָן פון זיין זעלבסטגעשטאַלט; זי אומזיכטבאַר געמאַכט און פאַרבאַהאַלטן. האָט ער זי פאַרוואָרפן? ניין, ניין. אויסגעטאָן האָט ער זיך פון איר, און אַריינגעטון האָט ער זי אין דער זאַכלעכער, קאָנקרעטער וועלט. אין די זאַכן, פאַקטן און געשעענישן האָט ער פאַר זיי באַהעלטענישן געמאַכט. און פון אָט די באַהעלטענישן — פון אַלע די זאַכלעכקייטן, וואָס לייוויק באַרירט מיט זיין פען — קוקט און ווינקט דער שוואַרצאַפּל פון זיין אינעווייניקסטן אויג — מיט זיין אייגענער אָפּשפּיגלונג אין איר.

אָט דאָס איז דער אויפטו פון איצטיקן בוך.

אַנשטאָט צו רעדן דירעקט פון דער זעלבסטזעונג אַרויס, ווי ער האָט עס געטון פאַר יאָרן און יאָרן — לאָזט ער זי איצט אומדירעקט רעדן דורךווירקלעכקייט־צייכנס.

אָט איז די באַשרייבונג פון אַן אָונט־הימל:

„וואָלקנס אַהינטערן וואַלד דערנענטערן זיך צו די שפּיצן פון דיביימער,
שטעכן זיך אַרויף אויף זיי, ווי ביינער אויף אָנגעשאַרפטע שפּיזן.
רויט פאַרגיסט זיך דער הימל, און עס נידערט אַרונטער אַליין דער באַשעפער,
מיט אַן אויפגעעפנט אויפגעריסן לייב, און עס זעט זיך זיין גאַנצע אינגעווייד.
עס שמעקט פון אים מיט געזאַלצענער היץ, און עס זידט דאָס געשריי פון זיין וווּנד".

דאָס איז אויפן לעצטן זייטל פון זיין דריטן בוך. מיר וועלן זיך צו דעם נאָך אומקערן. לייוויקס פּנים איז דאָ צו בולט. ער האָט אַ סך אויסגעטאָנענערע לידער אין בוך — אויסגעטאָנענע פון זיין זעלבסטזעונג — ספּעציעל אין דעם דריטן טייל פון בוך.

דורך די אַלע פיר טיילן פון בוך זעט מען, ווי לייוויק טוט זיך אַלץ מער אויס און טוט זיך אַלץ מער אַריין אין דעם דרויסן פון זיך.

וואָס איז דאָ דער געווינס? האָט ער דאָך לכתחילה געקענט דערפון אָנהייבן, ווי אַנדערע פּאָעטן טוען דאָס? האָט ער טאַקע אַזוי אָנגעהויבן. זײַנע ערשטע לידער — „אויף סיבירער וועגן" (זע זיין ערשטן בוך לידער „הינטערן שלאָס") — וועלכע זענען אַלעמען אַזוי געפעלן, זענען אַזאַ פאַרזוך געווען. עס איז אים אָבער נישט גענוג געווען, כאָטש די לידער זענען אַזוי געפעלן. צו־קליין דאָס באַהעלטעניש געווען, און צו וויניק פון זיך האָט ער געקענט אַריינטון.

האָט ער זיך צוריק פאַרטיפט אין זיין זעלבסטזעונג, און אַלץ מער זי פאַר־גרעסערט, פאַרמעסטנדיק זיך מיט איר אויף דער ריזן־געשטאַלט, וואָס האָט איינגעזויגן אין זיך די דערלייזונג־בענקשאַפט פון אַלע צייטן און פון דער איצטיקער אויפגעשטורעמטער און האַרצרייסנדער צייט — און ער האָט מיט זיין זעלבסטזעונג זיך איינגעפאַסט אין איר.

און דאָס איז געווען לייוויקס אַזוי־גערופענער משיחיזם.

און איצט, ביי זיין צווייטן פאַרזוך פון אויסטאָן־זיך און אַריינטאָן־זיך, גייט ער אָנמעסטן זיין פאַרטיפטע, פאַרגרעסערטע און אָנגעטרונקענערע זעלבסטזעונג אויף דערווירקלעכקייט, וואָס האָט זיך פאַר אים איצט אויסגעשפרייט איבער אַלע לענדער...

עס איז אַ לאַנגער, שווערער, אָבער נייטיקער, פאַר לייוויקן וועג געווען — אַן אָנהאַלטנדיקע פיינלעכע זעלבסטאָפּעראַציע — פון אויסטאָן־זיך און אַריינ־טון־זיך, פון אַריין און אַרויס פון דער זעלבסטזעונג, וועלכע איז שוין געוואָרן זיין בלוט אוןביין. און אָט די זעלבסטאָפּעראַציע האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ווי־פיל עס האָט אים גענומען פון זיין ערשטן ביז זיין לעצטן אָנגעשריבענעם ליד — אָבער געוווּנען האָט ער דערביי, וואָס דער שטאָף פון זיין ליד איז איצט אַ פאַרשטאַרקטע, פאַרשאַרפטע, מיטן לייוויק־ריח געדיכט אָנגעווירצטע ווירקלעכ־קייט — אַ געכפּלטע אויף לייוויקס געשטייגערטער זעלבסטזעונג — אַ דורכגעשטאַלטיקטע — אַן אָנגעטריפטע מיט דערלייזונגס־ברכה...

וואָס דאָס זאָגט־צו נאָך אַ גרעסערן נצחון — אַ לייוויק־ווערק, וואָס זאָל גובר זיין און פאַרלייוויקן די וועלט.

ווי ווייט איז ער נאָך פון דעם נצחון? דאָס וועלן מיר ערשט זען, ווען מיר

וועלן דורכגיין דאָס בוך. אָבער כדי ריכטיק אָפּצושאַצן און גענויער אָפּצומעסטן דעם אויפטו פון בוך, דאַרפן מיר אין קורצן איבערגיין לייוויקס וועג ביז אַהער.

אָנגעהויבן, ווי געזאָגט, האָט ער מיט דער סעריע „אויף סיבירער וועגן" — זאַכלעכע און קאָנקרעטע לידער, וועלכע האָבן אַזוי אויסגענומען. אויסגענומען האָבן זיי דערפאַר, ווייל אין זיי איז געווען אַ שפּריץ און אַ הויך פון לייוויקס זעלבסטזעונג, אָבער נישט מער. אַפילו אונדזערע פיינשמעקער קענען מער ווי אַ שפּריץ און אַ הויך פון איבערזאַכלעכן נישט פאַרדייען. צוזאַמען מיט די נישט־פיינשמעקערישע לעזער טיילן זיי דעם אבערגלויבן, אַז וואָס עס איז נישט פּראָסט־פּשוט, צוגענגלעך און פאַרשטענדלעך, איז עס עפּעס נישט קיין פּאָעזיע.

„ערגעץ־ווייט, ערגעץ־ווייט
ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע".

דאָס ערשטע ליד פון ערשטן בוך — אָדער:

„קומען ערגעץ וועלן מיר צופאָרן
ערגעץ אין אַ זומערדיקן לאַנד".

„לאַנד דאָס פאַרבאָטענע, זומערדיק לאַנד" — אַן אויסגעחלומט לאַנד — דאָס זענען אַלץ געווען בלויז שפּריצן פון לייוויקס זעלבסטזעונג, וועלכע ער האָט געזאַמלט אין זיך פון קינדערווייז אָן.

אַ פאַרשוויגענער און פאַרבאַהאַלטענער ייִנגעלע געווען, מיט אַ גוט קעפּל און שטומער צונג. און ווי דער שטייגער איז פון אַזעלכע ייִנגעלעך, חלומען זיי זיך אַריין אין אויסדערוויילטקייט. וואָס אַזאַ ייִנגעלע דעררעדט נישט צו מענטשן, דעררעדט ער אין זיך. ער איז נישט אַבי־ווער. איזן איז ער עפּעס אַנדערש. ער איז טאָפּלט, ער איז צווייִק. אָט אַזוי ווי איר קוקט אים אָן, איז ער אַן אויסגע־טראַכטער, דער אמתער איז ערגעץ ווו אַנדערש. און עס איז גענוג אַ שפּעלטעלע אין אַ שטומער וואַנט, ער זאָל זיך אויסחלומען אין דער וואַנט, הינטער דער וואַנט, אַ וווּנדערלאַנד, ווו דער אמתער ייִנגעלע וואַנדערט אַרום.

אָט די שטימונג פון אַנדערשקייט האָט אין דעם ייִנגעלע, לייוויק, זיך נאָך פאַרשטאַרקט, ווייל זיין טאַטע איז געווען גערעאָטן אין אים — פאַרשוויגן, באַ־האַלטן; פון אויבן־אויף אַ שלעכטער, אָבער ווען קיינער זעט נישט — אַ האַרציק־ליבנדער; און אַ שטומער מיט פייערדיקע חלומות.



ה. לייוויק

(דער טאַטע איז דערפאַר לייוויקס שטענדיקער באַגלייטער אויף אַלע זיינע לידער־עטאַפּן; ער איז אויך דאָ אין די מערסטע דראַמען זיינע — אַ טאַטע־סימבאָל איז ער ביי אים געוואָרן).

און אַט די שטימונג איז אין אים פאַרזיגלט געוואָרן אויף אייביק דורך די איבערלעבונגען אין דער קאַטאָרגע־געפענגעניש. אונטער די קלעפּ פון די קאַ־טעווער איז זייער נויטיק געווען אַט די שטימונג, אום נישט צו פילן די ווייטיק. זיך פאַרטאַיעט, פאַרגאַנגען אין זיך, אַוועקגעחלומט זיך פון אונטער די שלאָגנדיקע פויסטן אין אַ וואונדער־קרייז, ווו די ווייטיקן זענען פאַרשוואונדן, נאָך בעסער, — זיי זענען געשמאַק.

לייוויק דערמאָנט עס נאָך איצט אין דעם אויבן־ציטירטן לעצטן ליד פון זיין דריטן בוך:

„ס'איז מיר זיס אַזוי אויפן צונג, אַזוי מחיהדיק הייס, מיינע אויגן
דערזען אַזאַ טאַנצנדיקע ראָד זיך אומדרייען אין וואונדערלעכע פלאַמען".

אין די מזרח־לענדער גלייבט מען נאָך עד־היום, אַז ווען מען וואַרפט אַ מענטשן אין אַ קאַלך־אויוון, איז דאָס פייער פון זיין אמונה געווג אַרויסצופּרעסן פון זיין לייב אַ הייסע „גייסטיקע פּאַרע", וואָס דינט פאַר אַ מחיצה צווישן אים און די פלאַמען — און מען גייט אַרויס אומבאַשעדיקט.

אַט די פאַרכשופטע קאַלך־אויוון־לופט, וואָס באַשיצט און באַשירעמט — איז געבליבן לייוויקס ירושה אויף שטענדיק.

און אונטער דעם אייביק־וואַכנדיקן אויג פון געפענגעניש־וועכטער האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט צו שפּאַלטן רגעס — פאַנאַנדערדרייסן זיי, און זיך אַוועק־לאָזן אין אַ רחבות פון צייט און רוים, וואָס איז הוילער גן־עדן ,און ווו מען לעבט איבער איבערמענטשלעכן און אויסערמענטשלעכן גליק. זייער ענלעך צו די רגעס, וואָס דאָסטאָיעווסקי און זיינע העלדן פלעגן איבערלעבן אין זייערע עפּי־לעפּטישע אָנפאַלן.

און נאָך איז אים געבליבן אַ ירושה פון דער קאַטאָרגע — זיין גוף — אַט דער וואונדערלעכער אינסטרומענט ,וואָס פאַרוואַנדלט פּיין אין היילונג.

דאָס האָט אַ לעזער מיך אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין יעדן ליד לייוויקס געפינט מען גוף, אָדער די גלידער פון גוף. אויב נישט די הענט, איז לכל־הפחות זייער זשעסט; אויב נישט די פיס, איז לכל־הפחות זייערע טריט.

און מיט אַט דעם געירשנטן פאַרמעגן — פון דער קינדהייט און קאַטאַרגע — איז לייוויק געקומען.

לײַוויק קען לערנען. גיט אים אויף די שווערסטע טעכנישע אויפגאַבע, וועט ער עס מיט עקשנות, ווילן און שכל די אויפגאַבע בייקומען. און נישט ערגער פון זיינע קאָלעגן־פּאָעטן, האָט ער גענומען אויפשטעלן ווערטער־בנינימלעך, אין וועלכע ער האָט אַריינגעשפּריצט טראָפּנס פון זיינע זעענישן. אויף מער ווי טראָפּנס האָט ער אפשר דעמאָלט קיין כוח נישט געהאַט, אָבער דאָס גראָד איז געווען גוט — די קאָלעגן־פּאָעטן האָבן געליבט. ווען אָבער ער האָט שפּעטער גענומען דירעקט זינגען פון זיין זעלבסטזעונג: „איך אַן אויסגעטראַכטער", „איך אַ צוויי־געשטאַלטיקער" — האָבן די קאָלעגן שוין נישט אַזוי געליבט, צוליב זייער איינרעדעניש, אַז אויף אויסערזאַכלעכקייט לאָזט זיך קיין קונסט נישט אויסשפּילן.

(שפּילט זיך דען נישט מוזיק אויס אויף קלאַנגען? און קאָן מען דען נישט אַ זעונג אויסשפּילן אויף ווערטער־קלאַנגען? נו, מילא — נאָר אגב־אורחא רע־דנדיק).

און אַט איז אונטערגעקומען די מלחמה, מיט די פּאָגראָמען, מיט די שחיטות, מיט דער רעוואָלוציע, וואָס האָט לכתחילה אויך אויסגעזען ווי אַ הריגה, מיט די אַלע גרוילן און דערשיטערונגען — און לייוויק האָט באַקומען שטאָף, וואָס האָט פּונקט זיך אַריינגעפּאַסט אין זיינע זעונגען און זעלבסטזעונגען: קאַלד־אויוון־לופט, גוף, געשפּאַלטענע רגעס, גן־עדן פון אונטערן פויסט, אויסדערוויילטקייט — דאָס אַלץ האָט באַקומען רייכן דורויסנדיקן מאַטעריאַל, אויף וועלכן זיך צו פאַרווענדן. האָט ער די לופט נאָך מער אָנגעהיצט, די רגעס נאָך מער פאַנאַנדערגעריסן, דעם גוף נאָך מער פאַנאַנדערגעשרויפט אויף גלידער; און נאָך מער אָנגעלאָדן די ריסן און צעשרויפּטקייטן מיט פאַרבלענדענישן; און נאָך מער אָנגעכישופט גן־עדנ־דיקעס אויף פּיין און טויט, און די כלי־זין פון טויט: מעסערס, העק און חלפים, און דאָס אַלץ געפּאָרט אין הייליקע זיווגים מיט אויסדערוויילטקייט און דער־לייזונג:

„שטייט מיין אויסלייזער
אין מיין הויז —
אַ גערופענער,
אַ געקומענער,
מיך דעם זינדיקן

לייזט ער אויס.
אויף זיין לינקער האַנט
הענגט אַ זאַק,
אויף זיין רעכטער האַנט
אַ צווייזייטיקע,
פאַרבלוטיקטע
שאַרפע האַק".

און עס הייבט זיך אָן לייוויקס ערשטע קאָנקרעטיזאַציע — זיין פאַרזאַכלעכונג אויף אַ נישט־זאַכלעכן שטייגער; נישט קיין קאָנקרעטיזאַציע אויף אמתע זאַכן — די העק זענען קיין העק נישט, די מעסערס זענען קיין מעסערס נישט, נאָר צייכנס און סימבאָלן — אָפּגעצויגענע פון די זאַכן — צייכנס און סימבאָלן, וואָס די צייט, איבעראָנגעזעטיקטע מיט הריגה־שטאָף, האָט אים געליפערט אי־בערגענוג — צייכנס און סימבאָלן, וואָס האָבן געדינט אַלס אַפּאַראַטן פאַר זייַנע זעעניש.

די לידער, געזאַמלטע אין זיין צווייטן בוך — „אין קיינעמס לאַנד" — זענען אַלע אָן אויסנאַם אַזעלכע זעונגען — זעונגען אויף צייכנס אָפּגעצויגענע פון דער ווירקלעכקייט; קיין איינציק דירעקט זאַכלעך ליד; אין יענער זאַמלונג זענען אויך איינגעשלאָסן די גרוילעך־דערשיטערנדיקע פאָעמען האַלוצינאַציעס: „דער וואָלף", „די שטאָל".

אָט די לידער־זעונגען האָבן געמאַכט די לייוויק־שיטה אין דער פּאָעזיע פון די „יונגע". לייוויקן פּערזענלעך האָט אָט די ערשטע פאַרזאַכלעכונג זיינע — אָט דאָס אַרויפזינגען די זעונגען זיינע אויף צייכנס, אַנטליִענע ביי דער ווירק־לעכקייט — מעסערס העק און חלפים — גרויסן נוצן געבראַכט: זיין ליד איז געוואָרן געדיכטער; זיין אויסדרוק קערנדיקער, זיינע שורות אימפּעטיקער; זיין סטראָפע געפורעמטער.

אָט איז אַ ליד, וואָס איז מיט מערערע גראַדן העכער פון דעם אויבן־ציטירטן ליד וועגן דעם אויסלייזער מיט דער האַק, וואָס האָט נאָך זיין פּלאַץ אין ערשטן בוך לידער. אין יענעם ליד איז דער סימבאָל נאָך אינגאַנצן אַן אינעווייניקסטער. מען קאָן אים אָנקוקן מיט פאַרמאַכטע אויגן; און דער אויסלייזער קומט אים פּערזענלעך אויסלייזן פון זינד. און דאָ אין דעם צווייטן ליד — אויך וועגן דעם אויסלייזער — איז דער סימבאָל אויסגעשמאָלצן פון דעם ברענשטאָף וואָס איז אָפּגעשפּרונגען פון דער ווירקלעכקייט־שרפה. און דער אויסלייזער איז נישט פאַר

לייוויקן פערזענלעך געמיינט. דאָס ליד איז צום סוף פון צווייטן בוך, און מערקט דעם פּראָגרעס. — אָט איז דאָס ליד:

„ליכטיקע לאָמפּן אין טויטע פאַרוואָרלאָזטע שטיבער;
ווער האָט געצונדן די ליכטיקע לאָמפּן?
איבער צעטראָמפּלטע פעלדער, פאַרפּעסטעטע גריבער,
לויפן אום מענטשן און שרייען אין גאַליק־אַנגסטיקן פיבער
איינער דעם צווייטן אַריבער:
ווער האָט געצונדן די ליכטיקע לאָמפּן?"

און דער ענטפער קומט מיטן גאַנצן ליד:

„איך האָב די ליכטיקע לאָמפּן געצונדן, אאַ"וו".

פאַרוואָרלאָזטע שטיבער, צעטראָמפּלטע פעלדער, פאַרפּעסטעטע גריבער — דאָס זענען נישט בלויז צייכנס פוןווירקלעכע זאַכן, נאָר טאַקע די ווירקלעכקייט אַליין — די ווירקלעכקייט נאָך אַ פּאָגראָם. און די מענטשן, אין פיבער פון אַנגסט און פאַרצווייפלונג דערזעען פּלוצלונג פונדערווייטנס, זייערע שטיבער באַלויכטן: — ווער האָט געצונדן די ליכטיקע לאָמפּן? — זיי האָבן אפשר שוין פאַרגעסן, אַז אין דער בהלה האָבן זיי אַליין איבערגעלאָזט די לאָמפּן ברענען. און עס דוכט זיך זיי: אַ נס איז געשען!... כאַפּט דער פּאָעט אונטער: אַ נס מוז געשען! — און די מענטשן אין פאַרוואונדערטער פרייד: די דערלייזונג איז דאָ? — דאָ, דאָ, דאָ! — כאַפּט אונטער דער פּאָעט. און עס דוכט זיך זיי שוין, אַז זיי הערן אַ קול: איך האָב די ליכטיקע לאָמפּן געצונדן... כאַפּט דער פּאָעט אונטער: — איך האָב...

דאָ איז לייוויקס זעלבסטזעונג צונויפגעפאַלן מיט דער דערלייזער־געשטאַלט, וואָס דער חורבן האָט לייוויקן אונטערגעזאָגט, וואָס ער לייענט אַרויס אירע שפּורן פון די שטיינער און שוועלן, איבער וועלכע עס שוועבן נאָך די נשמות פון די הרוגים. (זעלבספאַרשטענדלעך, אַז נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע ליד דאַרפן גענומען ווערן אַלס באַווייז פון לייוויקס זעלבסטפאַרהערלעכונג; נאָר דאָ איז פערזענלעכער אָטעם גענומען אויף אָנצוהויכן דעם פּאָלקס דערלייזערישע לעגענדע־געשטאַלט. דאָס איז דאָך אַלע מאָל אַזוי: דער פּאָעט נעמט פון זיי אויף צו האָדעוועז זיין ווערק).

מיט דעם איז לייוויק אַריינגעטראָטן אין זיין איצטיקער לידער־זאַמלונג, וואָס אין איר צווייטער העלפט איז ער שוין אַזוי דערגאַנגען אין קאָנקרעטיזאַציע —

אן זעלבסטפאַרזאָכלעכונג. נישט אויף סימבאָלן בלויז, נאָר טאַקע בפועל־ממש, אויף זאַכן פון דער דרויסנדיקער רעאַלער וועלט — אַז אַפילו די קאַסטע פון די פּראָפּעסיאָנעלע אַנטי־לייוויקיסטן האָט געמוזט צוגעבן — ברוגזלעך, מיט אומ־ווילן, אַז לייוויק איז אַ פּאָעט פון פּאָעטן־לאַנד.

נישט מיט אַמאָל איז לייוויק דערצו געקומען, נאָר שטופנווייז, בהדרגהדיק.

דער ערשטער טייל פון בוך איז נאָך אין דער ליניע „פון קיינעמס לאַנד" — עס הערשט נאָך דיזעלביקע גרוילעך־גרויזאַמע שטימונג.

אין דעם סאַמע ערשטן ליד פירט לייוויק אַרויס זיין לעבן אויף אַ מאַר־טירערשאַפט־פּאַראַד, מיט דעם צוזונג:

„אַט אַזוי ווערט געטון,
אַט אַזוי זאָל געטון ווערן צו דיר,
לעבן מיינס".

דערנאָך גייט אַ סעריע „לידער פון אומקום", וואָס אין זייער צייט, ווען זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן איינציקווייז אין די צייטשריפטן, האָבן זיי געגעבן אומפּריינדלעכע קריטיקער אַן אויסרייד צו באַצייכענען לייוויקן אַלס דעם פּאָעט פון אומקום, אַלס פּרעדיקער פון פינצטערן פּעסימיזם.

לייוויק, אין דעם פאַרוואָרט צום בוך, וואַרפט אָפּ פון זיך די באַשולדיקונג, דערקלערנדיק:

„יעדע איבערלעבונג, אויב דורך וואָרט געלייטערט, פאַרבלייבט אין האַרץ פון מענטשן, און ווירקט אין לעצטן רעזולטאַט ווי אַ סטימול צו מוטיקייט און עקשנותדיקן קאַמף פאַר נייעם לעבן".

דאָס איז אמת. די לידער זענען געלייטערטער פון די לידער „פון קיינעמס לאַנד". זיי זענען לידער — ער מאַכט פון די גרוילן לידער אין דעמזעלביקן זין, ווי אַנדערע פּאָעטן טוען עס — אַראָפּצוזינגען זיך פון האַרצן, אָוועקצוזינגען זיך פון זיי. עס איז נישט לייוויקס טבע: געוויילעך דוכט זיך, אַז לייוויק זאָגט דעם אמת — זאָגט דעם אמת דורך געזאַנג — זינגט דאָס האַרץ פון זיך אַרויס. דאָ אָבער טוט ער עס, ווי ער וואָלט געוואָלט ראַטעווען פון דער בהלה דעם צער, וואָס טאָר נישט אויסגעמעקט ווערן פון האַרצנס זכרון. פּאַסט ער איין דעם צער אין אַ ליד, צום אָנדענקן — אַ שיינע מצבה.

מיר געפינען דאָ דיזעלביקע מאָטיוון פון טויט, ווי אין יענעם בוך — פאַרבראָכענע הענט, פאַרקלעמטע ציין, אויסגעלאָצטע אויגן, אויסגעשטרעקטע

העלדזער; העלדזער בענקנדיקע נאָכן חלף, און געשאָכטענע העלדזער — אָבער דער פּאָעט איז פּאָרט באַרויִקטער — דערוויטערטער פון אָנגעהיצטן קאַלך־אויוון. ער פירט אָן די אַלע טויט־כּלי־זין, באַטאַפּט די אַלע טויט־סימנים אָן שום שרעק.

אָבער מיר געפינען נאָך עפּעס אין די אומקום־לידער: נישט בלויז קיין שרעק פאַרן טויט, נאָר ממש אַ פאַרליבטקייט, אַ תאווה צום טויט. און פון דעם פּריִערדיקן אפשר געצוווּנגענעם פאָרען פון טויט מיט דערלייזונג — עמעצער מוז דאָך קומען ראַטעווען! — איז געוואָרן אַ געוואָלטער, אַ באַשערטער זיווג — און אַ פּרוכטבאַרער זיווג: טויט גיט דערלייזונג, טויט ברענגט שפע.

„זאָג אָן די בשורה אויף רעכטס און אויף לינקס:
פון טויט די גרויסע שפע איז געקומען".

און ווידער:

„דער טויט האָט זיך צעבליט אין אונדזער לאַנד;
אַלע שפּייכלערס וועלן זיין פאַרפולט געלאָדן".

און אַ הימנע צום טויט, דעם שפע־ברענגער:

„גייסט אַרויס אונדז אַנטקעגן
מיט ליכטבענטשונג:
פאַרשפּרייטסט אונדז דעם וועלט־טיש
מיט טישטיכער —
און מיר זעצן אַוועק זיך
הרחבהדיק,
און מיר פּראַוועוען אַ טיש
שבת־קודשדיק".

און אַ יובל־געשריי:

„די צייט פון שניט איז געקומען —
דער טויט שניידט זיין שניט".

וואָס איז דאָס? אַ גלוסטונג צום טויט, צו מאַרטירערטום, אַסקעטיזם, וואָס קוויקט זיך מיט לײַדן?

ער רופט אַפילו דעם פּאָטער פון קבר אַרויס — צו באַרגן ביי אים זיין צעטראָסקעטן פּנים — די ווייטיק־פּאָקן פון שאַנד און שפּאָט.

און נאָך אַמאָל רופט ער דעם טאַטן אַרויס — אין אַן אַנדער סעריע פון דערזעלביקער אָפּטיילונג — כדי צו דערקלערן זיך מיטן טויט פאַר ברידער פון איין טאַטן.

און מאָדנע: וואָס מער טויט, אַלץ ווייניקער דערלייזונג; די דערלייזער־געשטאַלט ווערט אַלץ בלייכער; די געשטאַלט דערשיינט בלויז אין איין ליד — אין ווייסן אָנגעטאָן, אויף אַ ווייסן פערד.

עס קומט אויס, אַז דער טויט אַליין איז שוין די דערלייזונג.

וואָס איז דאָס? איז דאָס אַ זכר נאָך די גן־עדנדיקע רגעס אונטער די קלעפּ פון די קאַטאָרגע־וועכטער? דאָס גן־עדנדיקע האָט זיך אויסגעוועפּט און דאָס טויט־שיידל איז געבליבן?

לידער, וואָס גיבן אָפּט דעם איינדרוק פון אויסטערלישער שיינקייט — פון יענער שיינקייט, וועלכע איז במקום אמת.

דאָס, און אפשר נאָך עפּעס — אָט די אידעע, אַז אַ „קערנדל שפּראָצט נישט, נייערט עס שטאַרבט פריִער". דאָס איז די אמתע סברה. לייוויק אַליין איז אַן עדות. אין אַ ליד „די ערד" טענהט די ערד צו זיין גוף:

„בלייב ליגן און ליג,
אַזוי ווי אַ זאָמען פאַרזייט,
געבויר זיך פון ניי, און דיין וויג
זאָל זיין דיר דיין בייט".

דאָס איז די אידעע פון קרייץ — פון יעדער העלדישקייט, וואָס לאָזט זיך אויף מסירת־נפש — אָבער מאָדנע און ווידער אַמאָל: ביי לייוויקן אין די אומקום־לידער איז די פרוכט פון אַזאַ פאַרזייונג נישט אַזוי די אויפשטייונג צו אַ ניי לעבן, ווי ווידער אַמאָל טויט.

„פאַרזיי זיך און וואַקס
מיט שטיין און מיט גראָז און מיט צוויט,
ביז וואַגען פון שניידראָד די אַקס
וועט אָנזאָגן שניט.
אַז וויל איז צום זאַנג
צום ערשטן, וואָס פאַלט אונטער ראָד,
אַנטפּלעקט אין אַנטפּלעקטן געזאַנג,
דעם שניידמעסערס סוד".

נישט די זאַנג, די נייע שפּראָצונג, איז דער עיקר, נאָר דער שניט איז דער עיקר. און דער עיקר פון עיקר איז דעם שניידמעסערס סוד. און שניידמעסער איז אַ סוד!...

דער סוד פון שניידמעסער איז אים בילכער ווי דער שניט און דער זאַנג.

דער סוד פון חלף איז אים בילכער, ווי דער געשאָכטענער האַלדז.

און דער סוד פון קרייץ איז אים בילכער, ווי די קרייציקונג מיט דער דערלייזונג.

זיינע „אומקום־לידער" זענען אַן אויסלייזונג פון אומקום דורך שיינקייט, און ווי צו באַשטעטיקן דאָס, האָט לייוויק אַ לענגערע פּאָעמע — די גרינד־לעכסטע פּאָעמע אין דער אָפּטיילונג, לויט איר איינגעהאַלטענער גבורה, זיכערן טראָט און לויט דער שניידיקייט און בייסיקייט פון איר וואָרט, וואָס עסט אויס זיין גאַנצע כוונה — די פּאָעמע וואָס הייסט „אין אַ יום־טובדיקן טאָג", ווו דער יום־טוב באַשטייט אין דעם, וואָס עמעצער ווערט געקרייציקט. איז דער עמעצער, דער געקרייציקטער, נישטאָ, גאָרנישט וועגן דעם: ווער? און וואָס? און פאַרוואָס?

ווי אַזוי האָט לייוויקן זיך איינגעגעבן ביז אַזאַ גראַד אויסצוטאָן זיך פון זיך אַליין?

פריער זענען זיינע לידער געווען זעונגען אין ליד־פאָרעם; דאָס ליד איז געווען צוליב דער זעלבסטזעונג; דאָס ליד איז די טרעגערין; איצט איז דאָס ליד צוליב ליד, און די זעלבסטזעונג איז איר טרעגערין; איז די נשמה פון דער זעלבסטזעונג אויסגערונען פון ליד, און איינגערונען טיף אין דעם פּאָעטס אונ־טערבאַוווסטזיין. איז פון דערלייזונג געוואָרן קרייציקונג, און פון קרייציקונג קרייץ.

אָבער עס איז נישט געווען בלויז צום שאָדן. פאַרקערט, דער פּאָעט האָט געוווּנען. פּונקט ווי עס האָט אים גוט געטון זיין אַרויפשפּילען זיין געזאַנג אויף צייכנס, וואָס דאָס איז געווען דער ערשטער שריט צו קאָנקרעטיזאַציע, איז איצט זיין מיִען זיך אויף ליד צוליב ליד, וואָס האָט פון דער דערלייזונג אים געבראַכט צום קרייץ, געווען נאָך אַ גרעסערער שריט פאָרווערטס אין דער ריכ־טונג פון קאָנקרעטיזאַציע. ער האָט געצווונגען זיין ליד אַריינצופלאַנצן זיך אין קרייץ, אין האָלץ, אין די זאַכן פון דער דרויסנדיקער וועלט. אַן אויסגעצייכנטע איבונג אין פאַרזאַכלעכונג איז דאָס פאַר אים געווען. און די ניי־געוווּנענע פעי־קייט וועט שוין פאַרבלייבן ביי אים.

אַט טאַקע אין דער דערמאָנטער פּאָעמע „אין אַ יום־טובדיקן טאָג‟, ווו עס איז קיין שום אינערלעכער סימן פון געקרייציקטן נישטאָ, זענען אָבער דער קרייץ, די קרייציקער, דער געקרייציקטער גוף, די שטריק, די רידלען, דער קבר, און די זעמדלעך ערד, וואָס דעקן צו דעם געקרייציקטן, באַשריבן מיט אַזאַ פּייערלעכער אָביעקטיוויטעט, מיט אַזאַ באַאָבאַכטונגס־קראַפט, אַז עס דערגייט אַזש ביז אומהיימלעכער העלזעערײַ. אַפילו די זעמדלעך, וואָס קלעפּן זיך צו די שלייפן פון געקרייציקטן, האָבן אויגן.

נישט אומזיסט האָט די פּאָעמע געבראַכט אין התפּעלות ד״ר זשיטלאָווסקין, וועלכער האַלט עס פאַר אַ פּערל פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אָבער דעם פּרייז, וואָס לייוויק האָט באַצאָלט דערפאַר? ער האָט דאָ מקריב געווען זיין זעלבסטזעונג צוליב אויסער זיך זעונג; די זעונג־קראַפט איז פון זיין אינעווייניקסטן אויג איבערגעגאַנגען צו זיין דרויסנדיקן אויג.

איינמאָל מעג ער עס, און אַ צווייטן מאָל נישט. עס קאָן איבערגיין אין געצנדינסט, אין אָנבעטערײַ פון האָלץ. מעגן עס אַנדערע פּאָעטן טון אָן שום שאָדן פאַר זיך, נאָר נישט לייוויק. ער מוז אמת זאָגן אַפילו אין ליד. זיין זעלבסט־זעונג איז זיין גרעסטער אמת — און זי מוז ווערן זיין אמתע ליד. אמת געזאַנג איז זיין עליה, זיין גורל אַלס פּאָעט הענגט אָפּ פון דעם, וויפיל אמתע כוונה ער טוט אַריין אין זיין ליד.

אַפּילו אין אַט די לידער צוליב לידער איז נאָך דאָ גענוג אמתע כוונה — אויב נישט דער גרויל פון זיינע פריִערדיקע זעענישן, איז אָבער נאָך גענוג אמתע צער געבליבן קלעפּן צו די העלגעזעענע זאַכן.

און סיי־ווי וואָלט לייוויק לאַנג זיך נישט געקאָנט האַלטן אויף אַט דער פּאָזיציע פון געצקע אָנביטער — פון אַ באַזינגער פון קרייץ אָן קרייציקונג, פון קרייציקונג אָן געקרייציקטן, פון געקרייציקטן אָן יעדער דערלייזערישער מיסיע, אַ באַזינגער פון טויט, וואָס איז אויסגעליידיקט פון יעדן זין, פון זינלאָזן טויט.

דערווייל זאָל פאַרצייכנט ווערן: לייוויקס אומקום־לידער זענען געווען זיין ערשטער ריס פון דער זעלבסטזעונג אַרויס, זיין ערשטער עטאַפּ צו קאָנקרע־טיזאַציע.

קאַפּיטל צוויי

לייוויקס משיחיסטישער איבערגאַנג

לייוויקס אייגנס — איז זיין גוף, וואָס דורך פּייניקונג און קרייציקונג דער־הייבט ער אים צו גייסט, צו אַ גערייניקטן שאָטן פון זיין גוף־געשטאַלט, צו אַ געלייטערטער און געהייליקטער זעונג פון זיך אַליין.

שפּורן פון לייוויק־גוף, אַריבערגעטראָגן איז דמיון פאַר דעם רייניקונג, לייטערונג־און הייליקונג־פּראָצעס, געפינט מען אין לייוויקס יעדן ליד.

די געהייליקטע זעלבסט־זעונג איז דער קוואַל פון לייוויקס אַלע אינספּי־ראַציעס. אין אָט דער געהויבענער זעלבסט־זעונג, זיין אייבער־געשטאַלט, האָט לייוויק אַריינגעטון דאָס גאַנצע בענקעניש פון זיין האַרצן, דעם דערלייזונגס־הונגער פון דעם מעטשן פון אַלע צייטן און ערטער — בפרט פון אונדזער צייט און אָרט — און כהרף־עין ווערט זיין אייבערגעשטאַלט איינס מיט דער דערליי־זערישער אייבער־אייבער־געשטאַלט, וואָס דער ייִד־מענטש האָט זיך אויסגע־חלומט פאַר אַן ענטפער אויף זיין גאַנצן הונגער־געשריי. אין חלום איז דער הונגער, כהרף־עין, הונגער־זעטיקונג; דערלייזונגס־הונגער איז שוין דערלייזונג.

לייוויקס משיחיזם איז נאָר אַן אַנדער נאָמען פאַר לייוויקס זעלבסט־זעע־רישקייט. ער האָט זיין אידעאַליזירטע זעלבסטזעונג, זיין אייגענע אייבער־גע־שטאַלט, דעם לייוויק של־מעלה, דעם מענטשן צו דינסט געשטעלט.

עס זענען געווען צייטן ווען לייוויק איז אינגאַנצן פאַרטרונקען געווען אין זעלבסט־זעונג. זיינע לידער זענען געווען בלויז איינפאַסן — רעמלעך פאַר זיינע פאַרגייסטיקטע זעלבסט־פּאָרטרעטן. די פּאָרטרעטן זענען פאַר אים געווען דער עיקר, די לידער־רעמלעך דער טפל.

ב. ריווקין

אַן איבערברוך איז געווען נישט לייכט:

אין דער לידער־סעריע פון זיין רייזע איבער פוילן, אין 1925 — לעבנס־בילדלעך פון היים, הויף, גאַס און באַן, איז לייוויק אַ באַהאַלטענער, איז ער אין דער היים נישטאָ. דאָ און דאָרט שימערן דורך דין־דינע בליציקייטן, דורכגעוואָרפענע דורך דין־דין געשפּאָלטענע רגעלעך, וואָס לאָזן דערקענען, אַז פון לייוויקן שטאַמען זיי, לייוויק איז נישט פאַרשווונדן ,ער איז בלויז צוריקגעצויגן און לויערט אויף זיין געלעגנהייט.

און געפינט ער די געלעגנהייט, צעזינגט ער זיך אויף זיין לייוויקשן שטייגער.

אין די דערמאָנטע לידער געפינען מיר אַזוינע שורות:

„איך גלויב אין הייליקן אין מיין באַרוף,
אַרומגיין איבער וועלט אַן אָרעמאַן,
מיט רויטער באָרד און הויכן דאַרן גוף,
און אַלץ באַשפּורן מיט מיין חלפדיקן שפּאַן".

און אין ליד — „דורך די נידעריקע טויערן".

„דורך די נידעריקע טויערן פון אַלע לענדער
גיי איך דורך נאָך נידעריקער, און דערפאַר
אַלץ וואָס קומט אין וועג פאַרכישוף איך, פאַרענדער,
אַלץ ווערט שפּאַנונג און דערוואַרטונג און געהאַר.

מיין נשמה טראָג איך אויף די שפּיצן פינגער,
און די ליפּן מיינע לייזן אויף זיך אין פאַרזאָג:
גוף מיינער, ווער אויסגעשטרעקטער, גרינגער,
גוף מיינער צעטוי זיך אין פאַרטאָג.

אָפּגעלעבט אַ לעבן האַלב, און מיינע מעשים
ליגן, ווי די קינדער מיט די פּנימער אַראָפּ,
איך דעק זיי צו מיט דעקטוכן, מיט לידער, ווייסע, —
און דאָס איז אַלץ, — און כ'טו זיך פון זיי אָפּ".

זייער אַ גוט ליד פאַר מיינע צוועקן, אַן עדות זאָגן אויף לייוויקן. אַן אויסגעצייכנטע זעלבסטכאַראַקטעריסטיק. אָבער דער עיקר אָט דער ווידוי:

„און דאָס איז אַלץ — און כ'טו זיך פון זיי אָפּ".

ער טוט זיך אָפּ מיט לידער פון זיינע מעשים; זיינע מעשים — אויסער־לעכע, ווי אינערלעכע — זענען זיינע געשטאָרבענע קינדער, און זיינע לידער — ווייסע דעקטוכן איבער זיי.

ווען צו דער האַנט קומט אים זיין אייגענע, לייוויקישע, טעמע, לעבט ער זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין איר — נישט אָנווערנדיק דערביי דעם ניצוץ פון זעערישקייט. און כאָטש ער היט די זעונג בפירוש ביים נאָמען אָנצורופן, איז זי אָבער אומגעזען דאָ; זי שוועבט, און פלאַטערט אין — צווישן — און איבער די שורות פון זיין ליד — מיט אַ פאַרשטאַרקטן עפעקט.

נאַכט, וואַלד און פעלד זענען אַלעמאָל לייוויקס באַליבטע לייוונטן געווען פאַר זעערישע געשטאַלט־וואָרפענישן.

די לידער, למשל, „גראָז" און „ווי—פור—וויל" האָבן געדאַרפט זיין זעונגס־לידער פון לייוויקס געוויינלעכן שניט. זיי זענען געשריבן אין דעמזעלביקן טעמפּ פאַלנדיק, כדי נאָך העכער זיך צו דערהייבן — אין לבנהדיקע נאַכטוואַנדלערישע קרייזן. אַלע הכנות ווערן געמאַכט די זעונג אַרויסצורופן. און זי קומט — רואה־ואינו־נראהדיק. מען שפּירט אירע פוסטריט אין פוס פון דעם ליד. די אותיות, די ווערטער ציטערן פון איר באַריר. די שורות זענען געעפנט די זעונג אויפצו־נעמען. דאָס גאַנצע ליד איז געשטעמפּלט מיט דער אָנצוהערעניש, אַז אַ געשטאַלט ליגט אַן אויסגעשטרעקטע דורך אַלע סטראָפן. און כאָטש זי איז פאַרן אויג ניש־טאָ, דערלאַנגט זי זיך אַ לעבעדיקע צום לעזער.

די זעעניש־כוונה פון ליד „גראָז": אַ פאַרדאַרט פעלד, ווו מענטש און באַ־שעפעניש דאַרבט און שטאַרבט, חלומט אַ חלום, אַז דאָרט הינטערן הויכן באַרג איז דאָ אַ פריש פעלד, ווו מענטשן־גליק און דאָס גליק פון אַלע באַשעפענישן שפּראָצט און גייט אויף צוזאַמען מיט די גראָזן. דאָס ליד „ווי—פור־וויל" — אַ נאַכט־שפּאַציר דורך וואַלד. דער פּאָעט גיט זיך אָפּ דין־וחשבון צווישן די אויסרופן פון פויגל „ווי־פור־וויל" און פון אויסרוף צו אויסרוף אַ דורכברוך פון זיין לעבנס־נשמה. דאָ איז ער אַ בענקנדיקער טאַטע, טראַכטנדיק וועגן זיין יינגעלע, וואָס שלאָפט אין שטיבעלע; דאָ איז ער אַ וואַלד־חיה — דאָרשטיק, הונגעריק, שלעכט און תאווהדיק.

פערציק יאָר הינטער אים — שטעכט ער דורך דאָס האַרץ פון באַשעפער פאַר זיין מוראדיקער גלייכגילטיקייט. פאַרן טויט האָט ער קיין מורא נישט, ווייל עס איז נאָך דאָ אַ מאָרגן. איז ער רויק און שטיל. און טאָמער קומט דער

טויט, און מאָרגן שטאַרבט ער, איז עס אַ געוויינלעכער געדאַנק: וואָס וועט זיין מיט זיין יינגעלע?

ער שפּילט נישט מער קיין ליבע מיטן טויט; ער מאַכט נישט קיין ברכה אויף אים. דער טויט איז שוין מער נישט זיין גרימיקע אינספּיראַציע.

יאָ, עס ווייזן זיך זעונגען — אָבער דאָס זענען בלויז די געשטאַלטן פון זיין דראַמע „שאָפ״. אַפילו די משיח־געשטאַלט ווייזט זיך, אָבער אויף אַ לעגאַלן אופן — אין דעם געשטאַלט פון „שלמה מולכו״, דעם העלד פון זיין חבר לע־יעלעס דראַמע. ער דערמאָנט אויך רייניקונג אויפן פייער פון שייטער, און די שמחה פון אָוועקגעבן דאָס לעבן אויף דער תליה.

דאָס ליד איז אָנגעטרונקען מיט זעערישקייט — די אותיות ווינקען, די שורות פינקלען און דער ריטם איז ווי דאָס קלעטערן פון אַ נאַכטוואַנדלער אויף אַ זייל פון לבנה־ליכט. אויב אַזויפיל איינדרוק גייט זיך פון פּאָעטישן אויסדרוק, איז עס אַ געווינס אין פּאָעטישן כוח. עס איז ביי אַלעמען אָנגענומען פאַר אַ כלל גדול, אַז אָביעקטיוויטעט — ווען דער פּאָעט באַהאַלט זיך הינטער זיין ליד, און לאָזט בלויז זיין גייסט געוועלטיקן אין ליד — איז אַ העכערע מדרגה פון פּאָעטישן כוח.

מיר האָבן נאָר וואָס געהערט לייוויקן דערקלערן זיך פאַר אַ לידער־זינגער — פאַר אַ פּאָעט ווי אַלע פּאָעטן: ליד איז ביי אים אַ וויס דעקטיכל איבער זיינע געשטאָרבענע מעשים — אַ לוויה־באַצירונג. מיט נאָך אַ הינטער־געדאַנק, אַז ליד איז אָנשטאָט לעבן — אַ במקום לעבן — עס באַפרידיקט אַ באַדערפעניש אין און צו דערזינגען וואָס ער האָט נישט דערלעבט.

איצט האָט ליד זיך אָנגענומען ביי אים מיט אַ נייער ווירדע: ליד איז אַ וויטיקע דערגענצונג צום לעבן. עס איז אַ גרונט־ט״יל פון לעבן גופא. עס איז אַ מיטל צו שטאַרקן, צו באַרייכערן דאָס לעבן. עס איז אַ קאַמף און נצחון־מיטל.

ליד איז פאַר אים געוואָרן אַ טייערער ענין פאַר זיך אַליין, אַ חוץ דער בשורה, וואָס עס טראָגט מיט זיך — דאָס עצם זינגען, דאָס געזונגענע וואָרט איז אַ לעבנס־אויפטו, אַ העכערע דערגרייכונג, ליד איז לעבנס־טריומף.

און לייוויק מיט באַנייטער פרישקייט האָט גענומען שעצן דאָס וואָרט — דאָס יידישע וואָרט — דעם ציגל־מאַטעריאַל, וואָס גייט אַריין אין געביי פון יידישן ליד־בנין. ער ווידמעט אַ ריי לידער:

— „יידיש״, יידישע פּאָעטן״, „צו אַפּאַטאַשו״ — צום רום און לויב פון יידישן וואָרט.

צום מינדסטן איז עס אַ באַרייכערונג מיט אַ פּרוכטבאַרער טעמע. עס איז פיל מער. אַ נייע ליבע איז אין אים אויפגעגאַנגען, וואָס דאָס מאָנט אַ נייע פרייד. אַ ליד וועגן „סאַבוועי באַגינען" רייסט זיך פלוצלונג איבער מיט אַ הימן צום וואָרט, צום געזונגענעם וואָרט. געדרענג, שטיקעניש, דריקעניש, פנימער, העלדזער...

„אָטעם פון סאַבוועי,
ווער אויסגעשריי,
ווער אויסגעזונגען וואָרט, —
זינג איבער אַלעמענס קולן..."

און לייוויק וועט מיט אַ נייער הנאה זיך אָפּגעבן צו דער קולטיווירונג פון וואָרט, פון פאָרעם, פון ליד: דאָס ווערט ביי אים אַ מוז און אַ פליכט. צו אַלע זיינע פריערדיקע שליחותן האָט ער צוגעקראָגן נאָך אַ שליחות: אָנצוטרויען אַלע זיינע שליחותן דעם יידישן וואָרט. דאָס יידישע וואָרט ווערט אַ דערלייזונגס־אינסטרומענט, אַ גרונט־טייל פון דער דערלייזונג גופא. אַ יידישער פּאָעט זיין איז אַ הייליקער באַרוף.

און לייוויק שרייבט נייע לוחות פאַר יידיש.

אין אַ סאָנעטן־רינג, וואָס שליסט דעם ערשטן טייל פון בוך „לידער" פון 1932, ווערט זיין טאַטע פון אים דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ יידיש־שרייבער (אַזוי ווי אויף יעדן פון זיינע עטאַפּן האָט לייוויק אַ באַגעגעניש מיט זיין אומ־זיכטבאַרן לעבנסבאַגלייטער, זיין טאַטן).

דער טאַטע — אַ בעקער פאַרטאָג און בייטאָג — פלעגט די אָוונטן אָפּגעבן אויף צו לערנען יידישע כלה־מיידלעך יידישע בריוו שרייבן, און אין די נעכט פלעגט ער שעהן אָפּזיצן, צוגרייטנדיק פאַר זיי אָפּירן אויסצירקלענדיק יעדעס וואָרט אות ביי אות.

און טאַטע־געהייליקט זענען פאַר לייוויקן געוואָרן די יידישע אותיות. דאָס האָט ער אַ צוואה פון זיין טאַטן אַ יידיש־שרייבער צו זיין.

צו די צוויי געווינסן — אין פּאָעטישער אויסדרוקספעיקייט און געשפּאַנט־קייט; און אין פּאָעטיש יידישיסטישער אידעיִשקייט — איז צוגעקומען נאָך אַ דריטער געווינס — אַ געווינס, וואָס איז אפשר נאָך וויכטיקער געוועזן פאַר לייוויקס פּאָעטישן פּראָגרעס. ער האָט געמאַכט אַ פיל גרעסערן שריט צו קאָנקרעטיזאַציע ווי ביז אַהער, ער האָט דערלערנט די קונסט פון אָביעקטיוויטעט.

ער האָט זיך אויסגעלערנט צו פּאַרטיפן זיך אין זאַכן אָן דער הילף פון וועל־כער עס איז זעונג — נישט נאָר אָפענער, נאָר באַהאַלטענער אויך נישט. אין די „אומקום״־לידער האָט ער עס נאָך נישט געהאַט. דאָרט ווען זיין פּען פלעגט זיך אַריינבויערן אין זאַכן איז עס אַלעמאָל געווען מיט דער הילף פון אַ געהיים־זעונגל אין אויג — און דערצו נאָך מערסטנס אונטערשטיצט פון זיינע משיח־זעונגען.

דאָ קאָן ער שוין אָנקוקן זאַכן דירעקט, פּנים אל פּנים, אויג צו זאַך, אָן די מחיצות און פאַרגרעסער־גלעזער.

די פּאָעמע „דאָס ליד וועגן ממזר אַלפרעד״ — פאַרקערפּערט אין זיך די ניי־געוווּנענע אָביעקטיוויטעט. זי טוט פאַר לייוויקן ווונדער. אָנגעפּיקעוועט מיט זאַכן, זאַכן, זאַכן און פאַרזאַכלעכונגען.

לייוויק פלעגט מיט הנאה טרינקען פון בעכער פון פּיין, כדי אַרויסצורופן אין זיך זעונגען. דאָ אָבער פּולשטענדיק ניכטער, אַ זייטיקער, אַ פרעמדער, ווי אַ צופעליקער באַאָבאַכטער, גאָרנישט נישט פון זיך און פאַר זיך, טיילט ער איין די פּיין אין דריי נפשות און צוויי באַשעפענישן — אַ הונט און אַ פויגל — ווי אין פינף העלדן פון אַ דראַמע.

דער ממזרל אַלפרעד ווערט געפּייניקט פון זיין כלומרשטן טאַטן — דעדי בישאָף — אַ טומטום, וועלכער נעמט נקמה אָן דעם ממזרל יעדעס מאָל, ווען זיין געגיידערטע וויב־לייב שטויסט אים אָפּ פון זיך מיט עקל. איז דער ממזרל זיך נוקם אָן אַנדערע באַשעפענישן, און טרייסט זיך מיט חלומות וועגן זיינע קינדפּטיקע נקמות.

לייוויק פּאָלגט נאָך מיט שפּיציק־שפּיזלדיקע בליקן יעדן קנייטש און גרי־מאַסע אויף די פּנימער און אין די הערצער פון זיינע העלדן, און לעכערנדיק די לופּט אַרום זיי.

„איבער די גרויסע פעלדער פון ניו־דזשוירזי, —
קייקלען זיך זודיקע ווינטן.
און אויף פליגלען פון ווינטן נאָך זודיקער —
דאָס געיאָמער פון ממזר אַלפרעד״.

אַ לאַנדשאַפט, וואָס איז נישט אַזוי היימיש צו אונדזער אויג, קאָן דאָס אויג גאָרנישט צוטראַכטן צו פאַרשטעלן די סצענע, שלאָגט די דראַמע אָפּ דערפאַר נאָך שאַרפער און בולטער.

די פּאָעמע־דראַמע טראָגט נישט לייוויקס קרוין אויף איר קאָפּ. און איר אייגן קאָפּ מיט די נשמה־צייכנס זענען איינגעזונקען אין איר קערפּער. עס איז ריינע קערפּערלעכקייט. אָבער לייוויקס הענט האָבן דעם קערפּער געקנאָטן; און טראָגט זי נישט לייוויקס קרוין, טראָגט זי אָבער זיינע נישט צו פאַרבייטנדיקע נשמה־שוואַנגערע פינגער־צייכנס.

צו יענער צייט, אָנהייב דרייסיקער יאָרן אַן ערך, איז לייוויק באַזונדערס שטאַרק באַשעפטיקט געווען מיט זיינע דראַמען, וואָס דאָס איז איינמאָל אַן איי־בונג אין פאַרקערפּערן זיך אין אַנדערע. דאָס אַלץ צוזאַמען איז געווען אַ שולונג, פון וועלכער ער איז אַרויס אַן אויסגעלערנטער אויף אײַנהויזן זיך אין פרעמדע דירות, און צו פילן זיך דאָרט ווי ביי זיך אין דער היים. לייוויק האָט היפּשלעך זיך אַ רוק געטון פאָרויס אין קאָנקרעטיזאַציע — אין דערלאַנגען זיך פון דרויסן.

און דעמאָלט איז געקומען זיין רייזע קיין סאָוועט־רוסלאַנד.

צום ערשטן מאָל, נאָך לאַנגע יאָרן פון זוכעניש, האָט לייוויק דרויסן פון זיך, געפונען שטאָף, וואָס איז לייבלעכער קרוב צו אים אַליין.

זיין סעריע לידער וועגן זיין באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין 1925, הייבט ער אָן אַזוי:

„פּראָסט. פּראָסט. —
איך קום און איך זאָג: אָט בין איך.
ווערטער באַקאַרגטע, אות נאָך אות,
פאַר לידער פאַר נייע געפין איך".

ער האָט באַזוכט זיין היים־שטעטל אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דאָס איז די ערשטע סטראָפע פון דעם ערשטן ליד פון דער אָפּטיילונג „היים סאָוועטישע": אַ פאָרגעפיל און אַ האָפענונג אַז דאָ וועט זיך אים גוט זינגען. די שלוס־סטראָפע פון זעלביקן ליד עדותט פאַר אים:

„אַלע פיר סופן דערגרייכט,
נס האָט געטראָפן, געטראָפן;
פּנים מיינס פענצטערדיק לייכט.
גוף מיינער — טויערדיק אָפן".

צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע יאָרן איז ער צוגעקומען צו אַ גלייכגעוויכט וואָס האָט זיך ביז אַהער אים נישט לייכט איינגעגעבן.

ב. ריווקין

איצט האָט ער אייגענע היימישע ברידער; פריִער האָט ער געדאַרפט זיך אָפּשאָקלען פון זיינע זעונגען מיט די הענט; איצט דאַרף ער עס נישט: דאָס וואָס זיינע אויגן זעען, איז שוין אַליין זעונג:

„גיס זיך, ווייסער ווייַן,
פון צפונדיקע הימלען
אין האַרץ צו מיר אַריין, —
דורך טיר און שייבל,
דורך וואַנט און דאַך
פון נידעריקן און חרובדיקן שטיבל,
וואָס אין העק אויף מינסקער שליאַך".

דאָס ערשטע ליד פון דער סעריע „איהומען" — זיין געבורטסשטעטל, אין סאָוועטישן ווייסרוסלאַנד, מינסקער ראַיאָן.

דאָס שטיבעלע איז אַ זעונג; אַזוי ווי עס איז, איז דאָס שטיבעלע ווו ער איז געבאָרן געוואָרן אפשר צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי ער, אַ חורבה־שטיבעלע, נאָר לייוויקס אויגן פאַרוואַנדלען זי אין אַ יום־טובדיקער זעונג, ווייל אַלץ אַרום — איהומען, ווייסרוסלאַנד, מיט גאַנץ סאָוועטן־לאַנד — איז ווי אויסגעגאָסענער „לבנה־שיין — ווייסער ווייַן" — לויטער יום־טובדיקע זעונג, — אַ חלום וואָס איז געוואָרן וואָר, אַ מקוים געוואָרענער נדר פון העלדן און מאַסן.

איז אים ליכטיק און יום־טובדיק אויפן האַרצן; דאָס זענען די סאַמע ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע. די זעונג פון זיין האַרצן רעדט זיך צענויף מיט דער זעונג וואָס פאַר זיינע אויגן — מיט ווערטער פאַרשטענדלעכע פאַר ביידן — פון אַ יום־טוב־שפּראַך.

„מיר איז גוט אינמיטן פון דער ווייסער וועלט,
ווי דעם וויגט איז גוט,
מיינע ליפּן זענען מער שוין נישט פאַרשטעלט,
אויף די ווערטער מיינע ווייסער אמת רוט.
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
ווייסער אמת אינעם מויל פון גרויס און קליין,
ווייסער אמת וואָס איז מיך באַגעגענען געקומען,
ווייסער אמת ווי אַ קרוין,
איבער שטעטל מיינעם, איבער איהומען".

די ערשטע און לעצטע סטראָפע פון פערטן ליד פון דער סעריע „איהומען״.

עס איז נאָך נישט די גאַנצע משיח־זעונג, ווי לייוויק האָט זי אויסגעטראָגן אין זיין אייגענעם לייוויקשן חלום; דער גאַנצער קרייצוועג פעלט — פעלט ער טאַקע? — און עס איז נאָך נישט קיין פולע דערלייזונג — זיינע ברידער זענען דערלייזט, אָבער די אַלטע פעטערס קלאָגן נאָך. — נאָר די ברכה פון דער־לייזונג — דער צוועק און זין פון משיחס קומען — איז שוין דאָ: די ברכה מיט וועלכער עס הייבט זיך אָן משיחס צייט; אַ ברכה מאַכט מען דאָך, איידער מען נעמט עס אין מויל אַריין.

זאָל זיין נישט די גאַנצע משיח־זעונג, אָבער אַ טיילכעלע יאָ: די ליפּן קאָנען זיך שוין באַוועגן פאַר דער משיח־ברכה:

„באַרירונג איך טראָג אויף מיין קאָפּ,
און בענטשונג פון ליפּן אויף ליפּן,
געטראַנקשאַפט פון ערדענעם טאָפּ,
און ווייכקייט פון קאָרענע זופּן״.

(אַכטע ליד פון דער סעריע „איהומען״)

אַ משיח־ברכה אויף אַ טרונק־וואַסער און ביסן ברויט. — און מען מאַכט נאָך אַ גרעסערע ברכה — אויף דעם ברויט און וואַסער פון דער גאַנצער אָרדענונג:

„וועלט איז שוין אין שותפותדיקע הענט,
מאָרגן־פינגער קלאַפּן זיך אין לאָדן, —
נעכטן — פון אַ בייזן גאָט פאַרלענדט,
היינט — באַפרייט, באַשאָטן מיט גענאָדן״.

(צענטע ליד פון דער סעריע „איהומען״)

דאָס איז געווען אין 1925.

נישט דער גאַנצער דערלייזנדיקער אינהאַלט פון זיין משיח־זעונג, נאָר איר בענטשנדיקער טייל, אָבער פאַר אַן אָנהייב האָט ער מער נישט געדאַרפט. עס איז אים געגנוג געווען, מ׳זאָל דערפילן, אַז דער אמת אין אים איז אויך אמת אויסער אים. אָט די באַשטעטיקונג, אַז אמת איז אמת, אָט דאָס, וואָס די ווירק־לעכקייט האָט אָפּגעענטפערט אָמן אויף זיין פערזענלעכן צוווּנטש — האָט אים געגעבן פרידן, באַרויקט, איינגעשטילט. און גלייך האָט זיך דאָס אָפּגערופן אויף זיין פערד: זיין פערד איז רויק אין זיין אויפגערודערטקייט; זיין פערד איז שטיל אין זיין אויפגעשטורעמטקייט.

און די אַלע ביז אַהער געווונענע מעלות — מיט דער הויפּט־מעלה פון אָביעקטיוויטעט — זענען נישט נאָר איינגעהיט געוואָרן, נאָר אויך פאַרשטאַרקט געוואָרן: לייוויק דאַרף זיך קיין געוואַלט נישט אָנטון, ווען ער ליפערט זיך אויס צום דרויסן; לייוויק דאַרף לייוויקן נישט פאַרשטיקן, נישט באַהאַלטן. און זיין פּערז, בלייבנדיק אָביעקטיוו, איז דירעקטער, אָפענער, דרייסטער זיין — לייוויקס — נישט בלויז דורך דינינקע ווונקען און אָנצוהערעניש.

צום ערשטן מאָל איז לייוויק — מער־ווייניקער אין שלום מיט זיך און מיט דער דרויסנדיקער וועלט — און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף זיין פּערז — ער ווערט זיכערער און זעלבסט־באַהערשטער.

לייוויק דאַרף נישט לויפן דורך שורות פּאַר אַ מייל, צו דערגרעדן זיין כוונה אין דער לעצטער שורה — זיין כוונה איז שוין דאָ גלייך אין דער ערש־טער שורה, אין יעדער שורה — איז זיין פּערז געזעטיקט, געפּאַקט, קורץ, קנאַפּ און קאָנצענטרירט.

און לייוויק האָט אויך נישט אָנגעוואָרן זיין ניי־געווונענע געהויבענע באַ־ציִונג צום וואָרט, זיין ניי־געווונענעם פּאָעטישן באַוווסטזיין, אַז ליד איז דער־הייבונג פון לעבן, פאַרקערט: די מיסיע פון ליד איז נאָך ווירדיקער געוואָרן: וואָס אין די „אומקום“־לידער איז געווען בלויז אַנונג, ווערט איצט פאַקט פאַר זיינע אויגן: ליד איז די קרוינונג פון גרויסן געשען; ליד איז דער פרייד־אויס־געשריי, דער הילכנדיקער בשורה־אָנזאָג, אַז עס קומט, עס איז שוין דאָ דאָס גרויסע געשען — ליד העלפט דעם גרויס געשעען גופא, זיין גיכערן קומען.

און צו דעם אַלעמען, אַ שפּאָגל ניי־צוגעקומענע מעלה פון פּערז — די בענטשנדיקע, זאַלבנדיקע, היילנדיקע קוואַליטעט. וואָרט איז גנאָד, און ליד איז ברכה. די פריִער־דערמאָנטע ברכה אויף דעם געחלומטן אָנהייב פון דער גאולה, קאָן אַנדערש נישט אַרויסגערעדט ווערן, ווי נאָר אויסגעזונגען ווערן אין לידער.

זוכט און געפינט די אַלע ניי־געווונענע מעלות אין די ציטאַטן וואָס איך גיי דאָ ברענגען:

„אין אַזוינע טעג פון ווינטערדיקע טויען
דאַרף מען זיין מיט זיך אין פולן פריד;
טריי ווי לייב צו לייב אַזוי פאַרטרויען
זיך אין אָפּנקייט צו דיר, מיין ליד.

ליד — מיין הירש מיט פלאַנטערנדיקע הערנער,
צו לאַנג דיך דעם ווילדן וואַלד פאַרטרויט;

איז אַ וווּנדער דען, וואָס איבער אַלע דערנער
הענגען רויטע אויסגעשרייען פון דיין הויט?

ווי האָב איך אַליין אין גאַלער שנאה
צוגעזען דיך אומקומען אין טויטן מאָך, —
און צו דיינע קנאָכלעך שלאַנקע, דינע
צוגעשליידערט נאָך און נאָך אַ בראָך?

אַזוי מאָדנע מיר צוצוקומען צו ערטער,
ווו חלומות זענען עלטער פון דער וואָר;
און נאָך מאָדנער צו אַרויסזינגען אין ווערטער
איינעמס לעבן, וואָס איז אַלט שוין פערציק יאָר".

(צוועלפטע און לעצטע ליד פון דער סעריע „איהומען")

און אַ נייער באַשלוס:

„זאָל איך אויפרופן צו פריילאַכס מיינע יאָרן
צו אַ ניגון פון אַן אַנדערשדיקן טראָט —
שטייגנדיקע יום־טובדיקע פּאָרן
אין אַ ווייסן אַ צעשפּילטן קאַראַהאָד".

(לעצטע סטראָפע פון ליד „צפונדיקער שליאַך" — זייט 159)

אַ וויכטיקע ראָלע פון ליד פאַנאַנדערצוטראָגן די געחלומטע ברכה.

„דיינע ברכות, היים, ווי פויגלען ווייסע
טראָגן זיך אַריבער בערג און היילן.
און מיין האַרץ דיין ווונדער מעשה
אונטער אַלע הימלען צו דערציילן".

— — — — — — — — — — — — — — —

„מיין געזאַנג צו אַלעמען צו ווענדן —
דורכצורייסן זיך דורך ווענט פון תהומען,
וועל איך האָבן אַרומגעגאַרטלט מיינע לענדן
מיט ליכט און ליבשאַפט פון דיין נאָמען".

(ערשטע און לעצטע סטראָפע פון ליד „דיינע ברכות", ז' 162)

און אַ ליד, ווו יעדע שורה איז דורך ברכה געגנעדיקט:

„שווייגנדיקע לידער אויף די ביימער הענגען —
ווינטערדיקע עפּל אינעם העל פון טאָג;

ב. ריווקין

ווי זאָל איך דורך דיר זיך דורכטראָגן, זיך ברענגען,
לאַנד — היימלאַנד, זאָג״.
— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —
אויף די שליאַכן יעדעס זעמדל, שטיינדל,
וואָס איך ריר אָן מיט מיין אורחדיקן פוס,
זאָל געבענטשט זיין, ווי אַן עופּהלעס אַ ציינדל,
אַן אַריינגעביסן אין דער מאַמעס ברוסט.

אָונט קומט שוין אָן. ווי ווייַן געשמאַקן
טרינק איך בענקשאַפט — שפּעדיקן לוין,
און עס טוליען זיך צו מיינע דרימל־באַקן
שעהן ליכטיקע ווי קלאָרע ציין״.

(שווייגנדיקע לידער — 161)

איינפאַך־דערהויבן, זאַפטיק־געזעטיקט זיין יעדעס וואָרט. ווי ער וואָלט מן געגעסן, און אַלע טעמים קלעפּן צו זיין גומען.

אָבער שיין־זשע האָט לייוויק זיך צופרידן־געשטעלט מיט אַ משיח־ברכה, וואָס איז אַזוי נידעריק צו דער ערד, אַז זי בייסט זיך איין אין יעדן זעמדל, אין יעדן שטיינדל, ווי אין דער מאַמעס ברוסט אַ קינדיש ציינדל? נישט העכער פון שטיינדל און ציינדל? האָט זיך אים קיין איינמאָל גאָר נישט פאַרוואָלט אויפצו־הייבן די ברכה ביז צו דער דערלייזנדיקער זעונגס־געשטאַלט, וואָס פון איר טרייסטנדיקן שמייכל האָט ער די ברכה זיך אַראָפּגעלייענט?

מעלות פון געצאַמטקייט, פאַרענדיקטקייט, קלאָרקייט, אָפנקייט און אָנגע־לאָדנקייט אין יעדער שורה — אָן דעם פאַנאַנדערגעלויף פון אַ פאָעטישער בהלה, שטעלט ער אַריין לעבעדיקע מענטשן אין די רעמלעך פון אַ זעונגס־ליד — און זיי ווערן העלדן, זיי ווערן לעגענדן.

פריִער פון אַלץ שטעלט ער אַריין זיין לעבעדיקן טאַטן, וועלכער ליגט אויפן איהומענער בית־עולם — אַט דעם טאַטן, וועלכער איז אַלעמאָל אַ לעבעדיקער פאַר זיינע אויגן, זיין לעבנס־באַגלייטער פאַר די אַלע יאָרן; דעם טאַטן, וועלכער איז אַ קאָפּיע פון לייוויקן אַליין — מיט זיין פאַרשוויגנקייט, שעמעוודיקייט, גע־היימער צאַרטקייט; — דעם טאַטן, וואָס איז פריִער געווען זיין פאַרברידערער מיט טויט און פאַרשיכורער מיט טויט...

אין דריי לידער וועגן זיין באַזוך אויפן איהומענער בית־עולם איז דער טאַטע שוין נישט מער דער אַמאָליקער טאַטע־טויט, נאָר אַ טאַטע־לעגענדע.

לייוויק גיט אים אָפּ אַ גרוס, און באַקומט פון קבר אַרויס נאָך אַ הערלע־כערן ענטפער:

„ליגנדיק אונטערן ערד
געזען האָב איך ליכט פון דייז לעבן —
ליכט פון אַ האַרץ,
וואָס ערשט נאָכן טויט ווערט עס אָפּן.
ליגנדיק אונטערן ערד
געהערט האָב איך אַלע געשרייען,
געזען האָב איך אַלע פּיינען און שטראַלן
און אויפגאַנג פון נייטאָג
אין דיינע אַרונטערגעלאָזטע דערווייטערטע אויגן.
און זע, וויפיל ליכט איבער דיר
און איבער דעם שטיבל.
ווו דו האָסט געגעבן דעם ערשטן געשריי
אין ווייסן לעגענדישן כסלו
ליגנדיק אונטערן ערד
האָט ליכט זיך צעעפנט,
האָט וואָרט זיך אַנטפּלעקט — איך זאָל קענען
פאַר דיר, ווען דו׳סט קומען
(און קומען, געוווסט האָב איך, מוזטו!)
דיך אויפנעמען
מיט לייכטע,
מיט קלאָרע,
מיט שטראָמיקע
ליכטיקע ווערטער — — — —.״

דער פרומער טאַטע, וועלכער האָט זיך נישט דערוואַרט אויף משיחן ביים לעבן, פאַרזאָגט אים פון קבר צו זינגען לידער־ברכות.

און די דריי ברידער זיינע — „קינדער פון מיין רויטן טאַטן, מיינע לאַנגע דאַרע ברידער״ — זענען אַוודאי נישט קיין טויטע באַשעפענישן, פּאַרצייטיקע גבורים זענען זיי, וואָס זאָטלען זייערע פערד און רייטן אַוועק איינגעמען לענ־דער. און ווען זיי נעמען זיך צענויף מיט נאָך חברים, צו פראַווען אַ ברית פון

ב. ריווקין

„הייל־קער ברידערשאַפט“, זענען זיי גבורים, וואָס אליהו הנביא האָט געגורט זייערע לענדן:

„בגדים בעל־מלאכותדיקע,
אויף לענדן — שטריק,
אויף פיס האַרטע שטיוול.
אָבער אונדזערע טריט שפּרינגען, ווי טריט פון אינדען,
אונדזערע פּנימער שניידן זיך, ווי שאַרפע לבנות,
איבערן פריידיקן מיטן פון דער וועלט“.

וואָס־זשע טוט לייוויק צווישן זיי? אָ, ער ווייס זיין באַרוף: ער גיט אַן עליה —

„וואָרט, ווער צייטיק,
וואָרט, פאַל אַראָפּ,
זינק אַריין
אין ליכטיקן מיטן פון דער וועלט!“...

(„איין הייליקע ברודערשאַפט“ — זייט 159)

עס איז נישט דער ווידערקול פון שופר של משיח. טאַקע טייערע גבורים, לעגענדע; לעגענדאַרישע פאָלקס־מעשה. די פייערלעכקייט איז דאָ, ווו מען דאַרף זיך אַוועקשטעלן אויפן טיש, כדי אונטערצוהייבן די התלהבות.

אָבער עפּעס נעמט זיך מיט אַמאָל איבערברעכן.

דאָס לעצטע ליד פון דער סאָוועטישער סעריע איז באַטיטלט: „דאָס ליד פון מיין חרובער היים“.

אין אַ פּראָסטיקן זוניקן באַגינען גייט דער פּאָעט אַרויס שפּאַצירן הינטער דער שטאָט; אַ בלענדיק ווייסער, פריש־געפאַלענער שניי האָט צוגעדעקט וועג און פעלד. „ס'איז געווען שטיל, ערב יום־טובדיק אויף דער ערד“. ביים סאַמע ראַנד פון וואַלד קומט ער אָן אויף אַ חורבה־שטיבעלע...

ווען די מעשה הייבט זיך אָן, דאַכט זיך אייך, אַז דאָס ליד וועט זיך צעזינגען מיט צעצונדענער התפעלות, וואָס וועט אַריבערשטייגן די שמחה פון די גבורים־לידער. איר שפירט דעם טעמפּ און דעם טאָן פון גרויסן געשען.

פּלוצלונג אַ הילך, אַ יובלדיקער רוף — וואָס, וואָס משיח איז געקומען? — ניין, פון חורבה־שטיבעלע איז אַ פאַרמאָגערטער, פאַרוואָרלאָזטער הונט אים אַרויס אַנטקעגן און האָט זיך צעבילט דער מאָרגן־זון אין פּנים אַריין —

„אַזאַ ליד,
אַזאַ ווייס פייערדיק ליד,
אַזאַ ליד, אַזאַ ליד, אַזאַ ליד —
האָט דער הונט צום באַגינען געזונגען".

עס איז אַ מעשה וועגן אַ הונט. דער הונט טוליעט זיך אַ גליקלעכער צום פּאָעטס פיס, מיינענדיק אַז ער האָט געפונען אַ נייעם בעל־הבית, וואָס וועט אים אויסלייזן פון זיין עלנטקייט.

און מער איז אין דער מעשה גאָרנישטאָ. נאָר דריי מאָל ווערט די מעשה אי־בערגעריסן מיט דעם זעלביקן הילכיקן יובל־געשריי — דעם פּאָעטס אָפּרוף אויף דעם הונטס רוף...

„אַזאַ היים, אַזאַ ווייס־פייערדיק היים, אַזאַ היים, אַזאַ היים, אַזאַ היים" —

זינגט די זון, זינגט דער פּאָעט, זינגען זיי ביידע, מיט דעם הונט צוזאַמען, אַ געזאַנג אויף דעם חורבה־שטיבעלע.

לייוויקס געזעגענונגס־ליד איז געווענדעט נישט צו די סאָוועטישע גבורים, נאָר צו אַ פאַרהונגערטן הונט און צו זיין חורבה־היים. און עס נעמט אָן אַ ספק: צי איז אָקאָרשט נישט דער יובל־געזאַנג אַ מיטל צו פאַרטויבן אַ יאָמער אין האַרצן? און צי איז ער אָקאָרשט נישט אַוועקגעפאָרן נישט אין אַזאַ געהויבענער שטימונג, ווי ער איז געקומען? און אפשר איז לכתחילה זיין באַגייסטערונג גע־ווען נישט אַזוי פאַרן סאָוועטן־לאַנד, ווי פאַר זיין היימלאַנד?

דעם לעצטן ספק שפּאַלט איך אויף העלפט.

לייוויק האָט גאָר אַ סך געוווינען פון זיין באַזוך אין סאָוועטן־לאַנד. ער האָט געמאַכט אַ גרויסן שריט פאָרווערטס אין קאָנקרעטיזאַציע — אין פאַרזאַכלעכן זיך אין זאַכן.

אָבער נאָר אין זאַכן — שטיינדעלעך, שייבעלעך, שניילעך, זאַנגען, תבואה, ביימער, פעלדער און וועלדער — אָבער נישט אין מענטשן. ווי גוט־ברודעריש ער האָט זיך באַצויגן צו זיינע גבורים, ברידער, האָט ער זיין זעלבסטזעונג נישט געפונען אין זיי אָפּגעשפיגלט, נאָכדעם, ווי די ערשטע באַגייסטערונג האָט זיך ביי אים אויסגעשעפּט, האָט ער זיי דערזען אין זייערע חרובע געשטאַלטן, אין זייערע חרובע היימען.

ער האָט נישט דערגרייכט דעם פולן ענד־ציל וואָס ער האָט געזוכט ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג פון אַבסטראַקציע צו קאָנקרעטיזאַציע. ער האָט זיך אָפּגעוואָרפן פון משיח־זעונג אין די הימלען, אין די וואָלקנס, אין

ב. ריווקין

דער לופטן און אין ליד, ווייל ער האָט געוואָלט זען זיין זעלבסט־זעונג — משיח זעונג קאָנקרעטיזירט, פאַרווירקלעכט אין מענטשן. אָן דעם הילף פון אַ משיח־זעונג זאָל ער זיי דערזען פאַרוואַנדלטע, אויסגעלייזטע, ניי־געבאָרענע. דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. און געזעגנט האָט ער זיך מיט סאָוועט־רוסלאַנד מיט אַ יאָמער אין האַרצן.

„דורך אַלץ וואָס איז מיט מיר געשען,
האָב איך נישט אויפגעהערט דעם קול צו הערן,
האָב איך נישט אויפגעהערט פאַר איין מינוט צו זען
די שעה, ווען איך וועל קיינעם נישט געהערן" (ז. 274)

מיר ווייסן, אַז עס איז אמת. נאָך פון די קאַטאַרגע־יאָרן האָט ער מיטגע־נומען אָט־דעם אויפלייזונג־מאָטיוו ביי זיך אין האַרצן. אַמאָל האָט ער זיך אַרויסגערעדט מיט דעם קול פון טראַגעדיע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין קיינעמס לאַנד, אויפן ראַנד פון „אומקום"־אָפּגרונט. — איצט רעדט ער זיך אַרויס מיט דעם קול פון מילדער מענטשלעכער דראַמע. עס איז מענטשלעכער גורל, וועלכן מען דאַרף אָננעמען פאַר ליב, און קיין טראַגעדיעס נישט מאַכן.

די טויט־לידער פון דער פערטער אָפּטיילונג זענען נישט קיין טראַגעדיעס פאַר פינצטערע אַנטציקונגען — מיט קרייציקונגען, ניסים און דערלייזונגס־מיסטעריע, נאָר „אָננעמען־פאַר־ליב"־לידער; לידער פון זעלבסט־טרייסט. אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זיין —

„מיר חלומען אונדזער חלום פון אייביק אָן.
דאָס לעבן רופט אונדז און אויך דער טויט —
צו אַלעמען צו קומען און אַלצדינג צו טאָן,
צו פאַרזייען לעבן און אויך טויט,
און אַליין שטאַרבן, און אַליין זיין פאַרזייט.
אונדזער גורל נעמען מיר אָן —
ער איז זיס און ביטער.
און אַז מיר נעמען אים אָן,
ווערט ער אויך שיין.
שיין איז דער גורל
און שיין ביזטו,
און די וועלט אַרום
איז שיין ווי דו".

(„אונדזער גורל", ז. 204)

לידער צו פאַרשענערן דעם גורל פון מענטשן, וואָס אויף אים לויערט דער טויט; לידער אויף אַרויסצוקריגן וואָס מער פּאָעטישן זין, אַ וואָס שענערע הנאה פון טויט. און אַלע טראַגישע כלי־זין פון טויט זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַרשענערונגס־מיטלען —

„מענטש איז אויך ערד —
לאָמיר אויפּאַקערן איינער דעם צווייטן,
אויס זייען, פאַרזייען,
און אויפגיין אין לייב אין פאַרזייט.
און רעגן וועט גיין
אויף ערד און אויף אונדז,
און טוי וועט זיך לייגן אויף אונדז
און שטויב און זון
און מעסער פון שניטער".

(„אונדזער גורל", ז. 205)

אָט צו וואָס עס דינט דאָ דער שרעקלעכער מעסער פון שניטער — אַזוי ווי טוי — אַ פאַרשענערונגס־מיטל.

„...פאַרזייען לעבן און אויך טויט,
און אַליין שטאַרבן און אַליין זיין פאַרזייט" —

— דאָס איז איצט די קרייציקונג, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ מיסטישע ראָלע אין די „אומקום"־לידער.

דער אָריגינעלער זין פון קרייציקונג איז געווען געקרייציקט צו ווערן, כדי די מענטשהייט אויסצולייזן, און דער משל דערויף איז געווען: — אַזוי ווי אַ קערנדל זאָל נישט אויפגיין צו זעטיקן מענטשן, סיידן עס שטאַרבט פריִער אין דער ערד אַזוי דאַרף אויך דער „מענטשן־זון", דער דערלייזער, פריִער שטאַרבן און באַגראָבן ווערן. אין די „אומקום"־לידער, באַנוצנדיק זיך מיט דעם פאַרגלייך, האָט לייוויק געזייט טויט, כדי עס זאָל אויסוואַקסן טויט, ווייל טויט איז שוין במילא ביי אים געווען דערלייזונג. איצט הייסט ער אונדז זיך זייען איינער אין די אַנדערע פאַר שיינקייט־וועגן.

שיינקייט איז געוואָרן אַ הויפּט־מאָטיוו און אַ הויפּט־צוועק.

אַזוי אויך אין דעם ליד וועגן דעם העלד, וואָס ווערט געפירט צום עשאַפאָט.

— דאָס ליד, וואָס פאַרענדיקט זיך:

ב. ריווקין

„„און אַט ווערט אויסגעפּירט מיין לעצטער געבאָט: —
אויף דיינע ליכטיקע הענט
טראָגסטו אַרונטער מיין גוף פון עשאַפאָט" (ז. 237)

צוליב אירע ליכטיקע הענט האָט ער זיך געלאָזט פירן אויפן עשאַפאָט — צוליב דעם שיינעם בילד, ווי זי טראָגט אים פון עשאַפאָט אַראָפּ איז דאָס ליד געשריבן געוואָרן.

ווער איז „זי"? — אַ פרוי ווערט אַריינגעפירט אַלס פאַרשענערונגס־מיטל, אַלס דער שטאַרקסטער פאַרשענערונגס־מיטל. ווי דען אַנדערש? — פון שיינקייט־וועגן — ווען מען איז אויסן בלויז שיינקייט — קומט מען צו דער פרוי.

אויך אין דעם ליד וועגן וואַלד־מענטש, וועלכער אויס ליבשאַפט צו אַלע מענטשן, באַט זיך אָן מען זאָל אים עסן ווי ברויט — אויך אין דעם ליד קריגט דער מענטש זיין כוח צו ליבן אַלע מענטשן דורך דער ליבשאַפט פון און צו אַ פרוי. ער האָט נאָך עמיצן אַנדערש ליב — אַ וווּנדערלעכע פרוי, פון וועלכער די וועלט ווייס נישט —

„און ער ווייס אויך גוט ווע‌מען באַזונדער
ער האָט אַנדערש ליב, ערגעץ ווייט אין אַ העק,
און עס ווייס נאָך מער, ווען עס געשעט ווונדער,
און עמיצער אַנדערש גיט זיך אים אַוועק"

(„אַ מענטש אַזאַ", זז. 248—249)

און דאָס ליד וועגן די צווי, וואָס ווערן געפירט צום הינריכטונגס־פּלאַץ — איינער מיט אַ קמיע אויפן האַלדז, דער אַנדערער מיט אַ בלום אויפן לאַץ — איז געשריבן צוליב דער שיינער שלוס־סצענע:

„די צוויי — צוויי גופים באַזונדער —
רופן אויס אַ פאַרכישופטן רוף,
און אַלע זעען צו אַ ווונדער,
ווי פון צוויי ווערט איין פלאַמיקער גוף" (ז. 253)

ווי לייוויק זאָל זיך נישט פאַרשענערן, וועט ער אַלץ נישט געגליכן זיין צו יענע פּאָעטן־עסטעטן, וואָס זעען זייער באַרוף אין שפּייזן מיט שיינקייט דעם זאַטן נאָך אַ געשמאַקן אָנבייסן. — דער ערנסטער אונטערזין פון אמתער אי־בערלעבונג איז ביי לייוויקן אַלעמאָל דאָ. דער צער איז אַלעמאָל מיט אים —

אויך אין דעם ליד. — דאָס ליד איז אַרויסגערופן פון דעם ביטערן געפיל, אַז ווער עס זאָל נישט זיין דער געפייניקטער, דער געקרייציקטער, געהאַנגענער, פאַרברענטער און געשענדעטער — ה. לייוויק דער פּאָעט, צי איינער מיט אַ קמיע אויפן האַלדז, צי אַ צווייטער מיט אַ בלום אויפן לאַץ, דער המון וועט אַלעמאָל לויפן אויפן בייז־ווונדער. עס איז אַ ספּעקטאַקל פון זיינעטוועגן. גיט ער דעם המון נאָך אַ צאַצקעלע — צוויי מענטשן ברענען ווי איין גוף. איז דאָך גאָר חידושים! דער המון אַפּלאָדירט. און עס גייט מיט נאָך אַ געדאַנק — אַז דאָרט, ברענענדיק, זענען אַלע ווי איינער; ווי פאַרשיידן זיי זאָלן נישט זיין — אַ מענטש ברענט!

דאָס איז הוילע, בוכשטעבלעכע קרייציקונג, אמתע קרייציקונג — עס איז „אמת־שיין" !

נאָך אמת־שענער איז די זעונג: — „וואָס איז ווונדער?"

אים האָט זיך געחלומט, ער שלאָפט אין אָפענעם פעלד צו־פוסנס פון זיין געליבטער —

„אין יעדן שטיין האָב איך דערפילט לשון,
און אין יעדן וואָרט — שטומקייט פון שטיין
— — — — — — — — — — — — — — — —

און מיט אַ האַרץ אַ קלאַפּענדיקס, אַן אָפן
האָט געפּלאָטערט יעדע טויטע זאַך.
צו מיינע הענט האָט זיך צוגערירט אַ דאָרן,
און זיס איז מיר געווען יעדער שטאָך,
ווי דער גלעט פון זאַנגען פון קאָרן,
ווי דער סאַמעט פון פרישן מאָך.
איבער אַלץ האָב איך געהערט דאָס שפּאַנען
פון אַ מייליקן וואָלדיקן טראָט —
איך האָב געפרעגט: ווער שפּאַנט? פון וואַנען?
און אַ שטימע האָט געענטפערט: גאָט.

איך האָב זיך גאָרנישט דערשראָקן, נאָר רואיק
אַ צי געטון אין דער גלייך ביידע קני,
און געהערט ווי די ערד זאָגט טויאיק:
זיי געגריסט, גאָט, היי".

(ז. 286)

ב. ריווקין

אים האָט זיך געחלומט אַ גליק, וואָס קאָן קיינמאָל נישט ווערן וואָר. און ווען דאָס איז געשען, זאָל זיין אַפילו אין חלום, איז ער גרייט צו שטאַרבן. אַפילו דאָס געחלומטע גליק איז ווערט מען זאָל פאַר דעם מיטן לעבן באַצאָלן.

זאָגט ער: הנני — גאָט, הי — איך בין דאָ, נעם מיך!...

דאָ איז טויט אויסגעביטן געוואָרן, אין גאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שיינקייט. און דאָס איז דער צוועק פון אַלע איצטיקע טויט־לידער: טויט אין שיינקייט צו פאַרוואַנדלען.

און אָט אין דעם געהויבענעם זין איז לייוויק איצט אַ פּאָעט פון פּאָעטן־לאַנד — צו דער פרייד פון אַלע פּאָעטן־עסטעטן. שיין זאָל עס זיין. פון דעם בלוט פון זיין האַרצן שפּיגט ער די פעדים פון זיינע שיינקייט־לידער.

און אַזוי ווי לייוויק מאַכט נישט קיין טריט אָן דער גוטהייסונג פון טאַטע־טויט, זיין לעבנס־באַגלייטער, אַזוי אויך איצט. פון אים קריגט ער דעם פאַר־זאָג דעם טויט שיין צו מאַכן. — ווען דער טאַטע־טויט טראָגט אים אויף זיינע פּאַטערלעכע אַקסלען, טענהט ער צו אים: זיי רויק, מיין זון; זיי ליכטיק, מיין זון. ווען ער ברענגט אים אויפן גוטן אָרט, אין חדרל אַריין, שטעלט ער זיך אַוועק ווי אַ שומר ביי דער טיר, און ווען פרעמדע פרעגן: ווער ער היט איר, רב ייִד? — ענטפערט ער: מיין זון היט איך — און —

„אַזוי ווי ער זאָגט דאָס — ווערט דער פרעמדער נאָענט,
און דער שלעכטער ווערט גוט, און דער טרויער געטרייסט
מענטשן צעשטראַלן זיך איבער אַלע גאַסן
און זאָגן אָן מיט פרייד:
דער טאַטע טראָגט אויף די אַקסלען דעם זון,
און דער זון איז רויִק,
און דער זון איז ליכטיק“.

(„אויף די אַקסלען“, — ז. 179)

דער נס פון אַלע נסים — דער פרעמדער נאָענט, דער שלעכטער גוט און דער טרויער געטרייסט — וואָס צוליב דעם האָבן צדיקים זייערע לעבנס מקריב געווען און דערלייזער האָבן זיך געדאַרפט לאָזן קרייציקן — אָט דער נס פון נסים פּאַסירט, ווען מען זאָגט: שיין איז דער טויט...

דאַרף מען עס אָבער קאָנען זאָגן מיט וואָס שענערע אַלץ שענערע לידער. דערפאַר זענען טויט און וואָרט געוואָרן אַזעלכע גוטע ברידער ביי לייוויקן.

דאָך זעט זיך אַרויס, אַז ביי לייוויקן איז ליד נישט בלויז אַ שיינקייט־שפּיל, איז נישט בלויז שיינקייט־עפעקט. ליד איז ביי אים אַ לייטערונגס־מיטל, אַ בפירושער אויסלייזונגס־פּראָצעס. פּונקט ווי אַ תפילה פאַר אַ פרומען. אַפילו ווי לייוויק איז נאָר אויסן שיינקייט, איז עס אין תוך „אמת־שיין". לייוויק לאָזט נישט אַרויס אַ געווינס, וואָס ער האָט איינמאָל אַריינבאַקומען.

קאַפּיטל דריי

די זעונג, אָנשטאָט וואָס גאָר אַמאָל, פאַר און אין דעם „אומקום"־פּעריאָד, איז זי געווען אַ ציל פאַר זיך אַליין — אַן אויפּרייס, דורך וועלכן לייוויקס זעלבסט־זעונג, זעלבסט־געשטאַלטונג פלעגט אַרויסגעשליידערט ווערן דרויסן, — ווערט איצט אַלץ מער און מער פיינע פּאָעטישע מעטאָדע פון ליד־געבוי. די זעונג איז דער קערפּער פון ליד. זי שוועבט איצט פריי און אָפן איבערן ליד, האַרט צום ליד, ווי אַ צעזיפּטער שמעקעדיקער זעונגס־געווירץ.

ווען נישט ווען ווערט דאָס גאַנצע ליד אַרומגענומען פון איין האַרט צום ליד שוועבנדיקער זעונג, ווי אין די שוין דערמאָנטע לידער וועגן וואַלד־מענטש און ווו ער חלומט זיך צופוסנס פון אַ ווייטן פריינט אין אָפענעם פעלד; אָדער ווי אין דעם ליד „טרעגער":

„פלייסיקע טרעגער לייגן אַוועק באַגינען ביי די טירן זעק פריש־געפּאַקטע מיט בויטן און זאָרגן, און דערנאָך קומען די מאַמעס און נעמען זיי אַריין מיט זייערע ליכטיקע הענט צוזאַמען מיט מילך־פלעשלעך פאַר די קינדער" (ז. 186);

אָדער ווי אין דעם ליד, ווו ער דערציילט, אַז אים איז שוין דערעסן אַ פאַר־שטעלטער צו זיין — גייט ער זיך אַוועק צווישן זיינע אייגענע פיר ווענט אין דער גאָלדענער פרעמד (ז. 190); אָדער ווי אין דעם ליד „גלעקער קלינגען", ווו אין דערוואַרטונג, אַז זי, זיין פריינדיק, זאָל קומען, גייט ער אַ פריילעכס מיט זיבן וועלף — זיינע זיבן שרעקן — און פלוצלונג אַ שאָרך — אפשר זי? — און ער איז ווידער אַליין (ז. 946); אָדער ווי אין דעם ליד „זאַלבעדריט":

„נאַכט, לבנה, סטעפּ;
און אַ וועג פון זאַמדיקע טרעפּ;
מיר גייען אויפן וועג זאַלבעדריט:
צוויי באַגלייטערינס, איך — אין דער מיט.

ב. ריווקין

פאַרויס אַ פאַן — טויט־געפאַר;
ביי די זייטן טרייסט און פאַרגיביקער צער.
אינמיטן — פאַרעקשנטער מוט
און אויפשטייג פון לעצטער מינוט"

(ז. 276)

די זעונג פון גאַנצן ליד איז אין יעדער סטראָפע דאָ; זי גייט מיט מיט דעם ליד, ווי אַ שפּיגעלע וואָס שפּיגלט מיט; יעדע סטראָפע איז אַ זעונגס־טראָט, און דער ריטם — דער פוס פון ליד — איז ווי אַ געטראָגענער אויף אומזיכטבאַרע פליגלען. אויסגעצייכנטע לידער סיי אין גליקלעכקייט פון אויסדרוק, סיי אין רייכקייט פון קלאַנג.

אָבער נאָך אָפּטער איז די שאַרף־אויסגעשפּראָכענע זעונג, אַזוי דין־דין צעזיפּט, אַז זי איז ווי אַריינגעדרונגען, אין יעדער שורה, אין יעדן וואָרט: זיי זענען געוואָרן איינס. יעדער אויסדרוק — גלייכצייטיק זעונג און זאַך; די זעונג איז די אויסדרוק־פאָרם פאַרן קאָנקרעטן און זאַכלעכן; יעדעס וואָרט דערלאַנגט זיך פון האַרצן אַרויס דורך דער זעונג דירעקט אין דער זאַך אַריין. אָט די לידער, געשריבן אין דער זעונג־זאַך־סטיל, גיבן דעם וווּנדערלעכסטן לייוויק־עפעקט.

אָט איז די ערשטע שטופע פון אַזאַ דערגרייכונג. די זעונג איז דאָ דער זעער אַליין — לייוויק, וועלכער פילט עפּעס אַ שולדיקייט, נישט ווויסנדיק פאַר־וואָס. דאָס ליד הייסט „נאַכט". (ז. 214):

„דער שוועל שלאָפט אויף די טרעפּ,
די ווענט — אין די אָרעמס פון באָדן,
דאָס גראָז שלאָפט אויף די בייטן,
דאָס קינד שלאָפט אין וויג; —
פון דער לבֿנה שיטן זיך קווייטן,
אַזוי ווי פון אַן עפּל־בוים".

אין דער צווייטער סטראָפע:

„אין וויג כאַפּט זיך אויף דאָס קינד,
מיט אַמאָל, אין דערשפּירטער סכּנה:
ווו איז דער טאַטע, ווו?
— — — — — — — — — — — — — — — .

אין דער דריטער סטראָפע:

„דאָס וויג מיטן קינד ברעכט צוזאַמען;
און ווער איז דער צעברעכער ווער?
דער טאַטע איז אַליין דער צעברעכער —
— — — — — — — — — — — — — — — —".

אין דער פערטער און לעצטער סטראָפע:

„דאָס קינד שלאָפט אויף דער ערד,
די שוועלן איינע אויף די אַנדערע,
די ווענט טוליען זיך צו דער גאַס,
דאָס גראָז ליגט טויט אויף די בייטן...
און דער טאַטע וויגט זיך שטייענדיקערהייט —
און פון דער לבנה שיטן זיך קווייטן,
אַזוי ווי פון אַן עפּל־בוים".

אַ צווייטע און אַ פיינערע שטופּע פון אָט דער דערגרייכונג איז דאָס ליד „ס׳איז מיר פריילעך היינט" (ז. 194), ווו די זעונג איז ווידער דער זעער אַליין — לייוויק — אָבער ער רופט צו זיין עליה נישט אויף; ער לאָזט זיין אויג רעדן פאַר זיך: דאָס זעערישע אויג זעט, און דאָס געזעענע — די זאַך — איז אויך אין דעם אויג:

„איך האָב אַרומגעשפּאַצירט ביים ברעג פון טייך, —
און דאָס איז געווען דאָס לעצטע געשען:
אַזוינע טריט אַזוי לייכט און גלייך
האָב איך לאַנג שוין ביי זיך אַליין נישט געזען.

האָב געטראָגן הויך מיין ווייסן קאָפּ
אַנטקעגן אָפּגאַנג פון לעצטער שעה;
מיין יעדער באַריר, ווי פון ליד דער טראָפּ,
האָט אָפּגעקלונגען: דאָ דאָ.

מיין ליד צו דער, וואָס איך האָב ליב:
זיי גוט צו מיר, ווי די מאַמע ערד,
און פאַר ניט געבראַכטן גליק פאַרגיב..."

די לייוויק־זעונג האָט זי דאָ אויסגעביטן אויף ליד; זי איז אויסגעגאַנגען אין די שורות, צעגאַנגען אין די ווערטער. פולע האַרמאָניע צווישן דער זעונג

און דער זאַך, צווישן אינטויִטיוון און קאָנקרעטן. לייוויקס העכסטע דערגרייכונג ביז אַהער אין ליד־פֿאָרעם.

ווי אַזוי האָט ער דאָס דערגרייכט? אַלעמאָל איז דאָס געווען אַ שטאַרקע דערפֿאַרונג, אַן אינערלעכע צעטרייסלונג, וואָס האָט געדרוקט לייוויקן פֿאָרווערטס צו קאָנקרעטיזאַציע. וואָס איז דאָ די דערפֿאַרונג געווען? — פֿאַר דעם אויפֿמערקזאַמען לייענער האָט שוין לאַנג געדאַרפֿט קלאָר ווערן דורך די געבראַכטע ציטאָטן, אַז אַ „זי״־סימבאָל איז אין דעם.. — אַ סימבאָל, וואָס האָט אים איבערגעכאַפּט אינמיטן וועג און נישט דערלאָזט אַז ער זאָל צוריקפֿאַלן צו לייוויקן פֿון די תהומען. אַ ליד איז מיין עדות:

„צו וואָס קומען זיי, צו וואָס?
מיט טרויער, מיט טויט, מיט זידל —
אַז פֿון דיין נאָמען דער מינדסטער אות
ברענגט אַנזאָג פֿון ליבשאַפֿט און פֿרידן״.

(„צו דער נאָקעטער ערד״, ז. 245)

דער „זי״־סימבאָל איז כמעט דאָ אין אַלע לידער פֿון דער פֿערטער אָפּטיילונג, וועלכע איז די גרעסטע אין בוך; זי איז דאָ אָדער אָפֿן, אָבער מערסטנס פֿאַרשטעלט, פֿאַרמענעריש, אונטער דער מאַסקע פֿון אַ „ווייטן פּריינט״; אָבער דער „ווייטער״ פּריינט איז גאָר נאָענט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען; ווייט אפשר אין דער ניט־דערגרייכבאַרקייט, וועלכע, ווי מיר וועלן באַלד זען, איז אַ פּרייוויליקע פֿאַרביידע צדדים. אָדער גריילעך מעגלעך, אַז אָט דער נאָענט־ווייטער פּריינט איז גאָר אַ סימבאָל, באַשאַנקען פֿון לייוויקן מיט די אַלע פֿאַר אים נייטיקע וואַרעמע שטריכן.

צו אָט דעם „ווייטן פּריינט״ זענען אַדרעסירט די אַלע לידער: די לידער זענען אייגנטלעך בריוו צו אים — איז, ווי דאָס ווערט אָפֿן צוגעגעבן אין דעם ערשטן אַריינפֿיר־ליד צו דער אָפּטיילונג:

„איך האָב אַ פּריינט אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
איך שרייב צו אים לידער אנשטאָט בריוו...״

(ז. 175)

און צו אָט דעם „ווייטן פּריינט״ זענען אויך אַדרעסירט די צווי גרעסערע פּאָעמען פֿון בוך: איינע טאָקע מיט דעם אַדרעס: „אַ בריוו פֿון אַמעריקע צו אַ

ווייטן פריינט" — די פּאָעמע, וואָס האָט אַזוי אויסגענומען ביי לייטן; — "די רייפסטע פּאָעמע פון בוך" — האָב איך געלייענט אַף אָפּרוף. און די צווייטע פּאָעמע, שוין אָן אַן אַדרעס, אָדער מיט אַ פאַרשטעלטן אַדרעס: "וואָלקנס אַ הינטערן וואַלד".

וואָס איז די עובדה פון דעם "ווייטן פריינט", און וואָס איז זיין אָדער איר דינסט פאַר לייוויקן? — די עובדה. פון דעם "ווייטן פריינט" איז צו זיין פאַרבאָטן פאַר לייוויקן — דורך זייער ביידנס קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג:

דאָס אַריינפיר־ליד זאָגט שוין דאָס אויס:

„איך האָב אַ פריינט אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
איך שרייב צו אים לידער, אַנשטאָט בריוו;
לבנה און שיין, — איבער אַלע פיר זייטן
מיין גוף וויגט זיך אום ווי אַ זעגל־שיף.

נישטאָ נאָך איינער וואָס זאָל זיך פאַרגלייכן
צו מיר אין אויסחלומען אַזאַ מין לאַנד:
איך יאָג זיך אויף באַנען, איך וואַקל אויף טייכן,
און בלייב אַלעמאָל ביים פאַרבאָטענעם ראַנד"

(ז. 175)

דער פאַרבאָטענער ראַנד פון פאַרבאָטענעם לאַנד — לייוויק האָט זיך אויסגעחלומט אַ פאַרבאָטענעם לאַנד און אַ פאַרבאָטענעם ווייטן פריינד, און דער ווייטער פריינט, דער ער־זי, האַלט די שליסלען צו זיינע טויערן.

אין די אויבנגעבראַכטע שורות האָבן מיר ווירקלעך אַן אָנצוהערעניש, אַז דער פריינט — ער־זי, איז פּונקט אַזוי אויסגעחלומט, ווי דאָס פאַרבאָטענע לאַנד — נישט מער ווי אַ סימבאָל, אָדער לכל־הפּחות אַ לעבעדיקער מענטש, וואָס איז פון לייוויקן דערהויבן געוואָרן צו אַ סימבאָל. ער האָט דעם סימבאָל באַדאַרפט צו וואָס? — אַ סימבאָל אום צו האַלטן די שליסלען, אַ סימבאָל פון פאַרבאָט. און דערפאַר טאַקע איז דער סימבאָל גלייכצייטיק אַן ער־סימבאָל, כדי צו באַשטעטיקן און באַקרעפטיקן דעם פאַרבאָט. און צו וואָס דאַרף לייוויק דעם פאַרבאָט, צו וואָס נוצט ער אים? אָט וועגן דעם דערציילט זיך ווייטער אין דעם אַריינפיר־ליד:

„פאַראורטיילטער גוף, ביזן לעצטן פון די גלידער,
פאַרקלאַמער, צעבערעך אין געשריי פון קראַמף;
אָ, לעבן מיינס, — בלוט און שפּייז פאַר לידער,
פאַר אומרחמנותדיקע און שאַרפע ווי קאַמף.

ב. ריווקין

דורך וועגט און שויבן שטעך איך דורך מיינע אויגן,
איך טרינק דיין ווייטקייט ווי אַ גליק־געטראַנק:
נאָך איידער מיין ליד איז צו דיר דערפלויגן
שיק איך נאָך אַ צווייטס — אַזאַ מין דאַנק״.

„פאַרקלאַמער, צעברעך אין געשריי פון קראַמף״ — דעם גוף זיינעם, דעם פאַראורטיילטן גוף, פאַראורטיילט צו זעלבסטפּייניקונג.

נאָכדעם ווי ער האָט ווידער אַנטדעקט אין דעם מענטשן — און אויך אין זיך אַלס קעגן־אָפּרוף — דעם וואָלף, די חיה, מיט רציחה, רשעות און תאווה — האָט ער נייטיק באַדאַרפט האָבן דעם סימבאָל פון ווייט־נאָענטן פריינט, פאַרמאַסקירט ווי אַ מאַן און פאַרגעשלעכטלעכט ווי אַ זי — אויף צו צאַמען די חיה, אויף צו האַמעווען די תאווה. ער איבט זיך אין אַסקעטיזם, ווייל אָט די איבונג — די קרייציקונג פון חיה, די קרייציקונג פון תאווה אין זיך — איז אין די סוף דרייסיקער יאָרן געוועזן פאַר אים דאָס בלוט און שפּייז פון זיינע לידער. אויף זיין דעמאָלטדיקער פּאָעטיש־עסטעטישער שטופּע, ווו ער פאַרוואַנדלט לעבן אין פּאָעזיע, איז זי, דער זי־סימבאָל, די פאַרמיטלערין. זי דערהייבט דעם חיהשן יאָמער צו אַ גליקלעכן הימן. דורך איר ווערט די פּריִערדיקע דערלייזערישע קרייציקונג שטאָף פאַר פּאָעזיע. פון „זי״ — דורך ליבע — דורך קרייציקונג — צו פּאָעזיע.

מיר האָבן שוין ביי לייוויקן געלייענט אַזאַ ליד פון פּאָעטישער קרייציקונג: זי קומט נעמען אָפּשייד — און ער אַ שטומער, מיט די ציין פאַרביסן, שיקט איר מיט די ברעמען פאַרגעבונג און גוטסקייט אַנטקעגן; ער קרייציקט זיין האַרץ, כדי נישט ווייַ צו טון איר מיט דעם אָנבליק פון אייגענעם „טוט־ווייַ״. דאָס ליד איז הוילע איידעלע גנאָד פון פּאָעזיע.

קרייציקונג ווערט פּאָעזיע. לויט דעם פּשוטן פּסיכאָלאָגישן געזעץ, אַז גע־קרייציקטע, נישט־דערגרייכטע, זיך אַליין־פאַרבאָטענע ליבע, ליבע אין שפּאַ־נונג, איז אַ סך מער ווי ליבע, דערגרייכטע, אומפאַרבאָטענע, אויסגעשפּאַנטע ליבע. זעלבסט־פאַרבאָט מאַכט ליבע־שכור — און שכרות אין ווערטער איז פּאָעזיע. אין זעלבסט־פאַרבאָט, אין דער אייגענער־געמאַכטער ווייטקייט, איז דאָ אַנטציקונג, און אַנטציקונג אין ווערטער איז פּאָעזיע.

„איך טרינק דיין ווייטקייט ווי אַ גליק־געטראַנק.
נאָך איידער מיין ליד איז צו דיר דערפלויגן,
שיק איך נאָך אַ צווייטס — אַזאַ מין דאַנק״.

די פאַרשלאָסענע געשלעכטלעכקייט גיט זיך איבער דורך זעלבסט־פאַרבאָט אין פרוכטבאַרקייט פון לידער.

נישט צום ערשטן מאָל העלפט זיך לייוויק אַרויס מיט אַ זי־סימבאָל. שוין אין זיין ערשטן בוך לידער „הינטערן שלאָס" איז זי שוין דאָ אין אַ צענדליק לידער. ער באַנוצט זיך מיט דעם סימבאָל, כאַראַקטעריזירט זיך אַליין — זיין „לעכערלעכקייט און שעמעוודיקייט". ער קומט צו איר אַריין אין אָוונט, זאָגט ער איר „גוטמאָרגן"; זי דערלאַנגט אים די האַנט, מיינט ער שוין, אַז זי געזעגנט זיך מיט אים. איר באַטייליקונג איז מינימאַל. אפשר ווייס זי גאָר נישט, וואָס זי מיינט פאַר דעם פּאָעט.

אין דעם צווייטן בוך — „אין קיינעמס לאַנד" — איז דער זי־סימבאָל שוין אַ סך צאָלרייכער און קרעפטיקער. זי דאַרף נישט חושד זיין, זי ווייס שוין, און זי איז שוין מער אָדער ווייניקער אַקטיוו אין דעם שותפות. לכל־הפחות האַלט זי די שליסלען צו „קיינעמס לאַנד" — לייוויקס לאַנד פון גרוילן, תהומען און ריזן־זעענישן. שוין פון דעם אַריינפיר־ליד צום בוך „אין קיינעמס לאַנד" ווערן מיר געוואָר פון איר ראָלע. עס איז גענוג איין ריר פון איר, אַ בליק, אַ געדאַנק, און די רגע שפּאַלט זיך, און די טויערן פון קיינעמס לאַנד זענען אָפן:

„ווי אַן אייגנבליק פאַרגייט,
נעמען שווינדן נאָכאַנאַנד
הייזער, גאַסן... לער און ברייט
שפּרייט פאַר אונדז זיך קיינעמס לאַנד.
מיר געקומען נאָך פרייד,
אין פאַרלאָרענעם פאַרשטאַנד,
גייען מיר צו אַלץ געגרייט,
טראָט נאָך טראָט אין קיינעמס לאַנד".

דער זי־סימבאָל פעלט לחלוטין אי־ן די „אומקום"־לידער, — צוליב וועלכן טעם? דערפאַר אפשר טאַקע זענען זיי „אומקום"־לידער. און דער סימבאָל פעלט, צוליב אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכן טעם, אין דער סאָוועטישער סעריע.

דערפאַר אָבער איז דער „זי"־סימבאָל אָן אַ שיעור דאָ אין די איבער 80 לידער פון דעם פערטן טייל פון דעם דריטן בוך „לידער". בפירוש אַלע לידער, כאָטש לייוויק זאָגט עס נישט אויס, זענען פון דעם זי־סימבאָל געבאָרן, דורך דעם זי־סימבאָל געשטעמפּלט. נישט נאָר האַלט זי צו די שליסלען פון דעם

פאַרבאָטענעם לאַנד, נאָר זי האָט אַליין אַ חלק אין דעם פאַרבאָט. אמת, דאָס פאַרבאָטענע לאַנד איז לייוויקס; אָן אומבאַשרענקט לאַנד, וואָס לאָזט זיך אויס־שפּרייטן, ווייל עס איז אין אים גופא, און לייוויק איז דאָרט דער אומבאַשרענק־טער הערשער, אָבער די ביישטייערונג פון דעם זי־סימבאָל איז די אַטמאָספערע, — דער שטראָמענדיקער חיות, — וואָס איז די לופט פון פאַרבאָטענעם לאַנד.

און לייוויק אָטעמט און אָטעמט דין־דינעם דורכגעזייעטן פרויען־חיות אין זיין פאַרבאָטענעם לאַנד — אויף אַלע אופנים, אַרויסצי:ענדיק אַלערליי הייליקע פּאָנעז, תענוגים און נחתן פון פאַרקלעמטן רייץ:

„עס איז דאָ אַזאַ גליק, וואָס איך האָב זיך אַליין פאַרבאָטן,
זיין פייערונג וועט קומען, אָבער — ווען?"

ער דאַרף נישט פרעגן; ער האָט שוין מיט אַ סטראָפע פרי:ער עס פאַר־ענטפערט:

„איך האָב עפּעס דערזען אונטער דעם מענטשנס ברעמען —
אַזאַ אָנזאָג אויף אַ וווּנדערלעכן בראָך"

(T. 206)

ער גאַרט נאָך דעם וווּנדערלעכן בראָך; דערפאַר האָט ער זיך פאַרבאָטן דאָס גליק ,און דאָס איז שוין זיין לוין — דאָס גליק פון גליק־פאַרבאָט.

נישט אַזוי גליקלעך געשטימט און האַרבער איז זיין ווידוי אין אַ צווייטן ליד:

„איך גיב ניט נאָך היינט מיין אויפגעשריגענע תאווה,
כדי דערנאָך ווי אייביק זיך קעפּן — ".

הייסט עס, אַז עס איז גאָר נישט אַזוי היימלעך מיט אים. ער דאַרף זיך שווער ראַנגלען, ווען די תאווה צעשרייט זיך אויף אַ קול. אָבער עס מאַכט נישט. עס געדויערט בלויז אַ ווײַלע; אַ ווײַלע שפּעטער הערן מיר שוין פון אים:

„אויף דער שאַרף פון העק־שאַרף פון לידער —
הינגעריכטעטע ליגט מיין בענקשאַפט נאָך דיין היים"

(T. 200)

ער איז נישט אַזוי אומגליקלעך; נאָר ער האָט געדאַרפט האָבן האַרבן שטאָף — הינגעריכטעטע בענקשאַפט — פאַר אַ האַרבן ליד — אַ ליד אַ האַק.

און פון ליד־האָק איז ביי אים מיט דער האַנט צו דערלאַנגען צו אַ ליד־עקסטאַז — אַ ליד אַ חתונה, אַ חופּה־מאַרש אינמיטן גאַס — אויף דערזועלביקער הינגעריכטעטער תאווה, צווישן חתן־כלה, וואָס זענען איינע די אַנדערע הייליק פאַרבאָטן:

„איך טו אַלעמען לאַדן,
פון קעלערס פון הייזער פון קראָמען
צו קומען ווי מען קומט אויף פּאַראַדן,
צו הערן דעם געזאַנג פון דיין נאָמען.
איך זאָג ניט אַרויס דיין נאָמען,
אָבער ווייסן, ווייסן אים אַלע:
ניט דורך לייב. ניט דורך טראַכטיקן זאָמען,
נאָר דורך טויט — מיין געהייליקטע כלה".

(ז. 197)

טויט — ווי קומט אַהער טויט? איז עס אַ נאָכקלאַנג נאָך עזה כמות אהבה — שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליבע? אָדער איז ער זיך אומגערן מודה, אַז אַזאַ זעלבסט־פאַרלייקענונג, אַזאַ אָפּטויטונג פון גלוסטיקייטן, איז טויט! נייך, גיכער פון אַלץ האָט דאָ אין זעלבסט־פאַרגעסנקייט פון עקסטאַז זיך אָפּגערופן אַ וואָרט, וואָס האָט געדרעמלט אין זיין אומבאַוווּסטזיין זייט די „אומקום"־צייטן, ווען אַ ליבסט וואָרט איז געוועזן טויט — ווען ער האָט געזייט די זריעה פון טויט אין דער ערד, כדי אויסוואַקסן זאָל נאָך מער טויט.אָבער איצט, האָבנדיק פאַר די אויגן אַ זי־סימבאָל, איז די ערד שוין נישט מער קיין קבר, פאַר טויט — אַ באַהעלטעניש, נאָר די ערד איז אויך פריי — דאָס פריילעכסטע — אַ מאַמע...

„זיי גוט צו מיר, ווי די מאַמע ערד,
און פאַר ניט געבראָכטן גליק פאַרגיב".

(זייט 194)

דאָס ליד הייסט: „ס'איז מיר פריילעך היינט" — און דאָס איז דאָס זעלביקע ליד, וואָס איך האָב שוין געהאַט ציטירט — זיין שפּאַציר אין דער אָוונט־שעה, ווו יעדער טראָט קלינגט אָפּ: דאָ, דאָ. — אַזאַ ליד איז אַ וווּנדערלעכע באַלוינונג פאַר נישט־געבראַכטן גליק. וואָס פיינער דער שניט אין האַרצן, אַלץ אַ פיינערעס ליד באַקומט זיך.

לייענט:

„דאָס וואָרט „קיינמאָל"
שניידט זיך אַריין
אין נאַקעטן לייב ביזן מאַרך פון ביין".

(זייט 190)

מיינט איר אַ טרויער־ליד? דאָס איז דער אַריינפאָר, צו דער „גאָלדענער פרעמד". און לייענט:

„און נאָך אין אַ זעלטענע רגע,
ווי צו אַ באַלאַגערטן לאַנד,
זאָל איינער צום צווייטנס געלעגער
אַ וואָרף טאָן דעם שאַרף פון זיין האַנט".

(ז. 183)

און אָט אַ ליד וואָס הייסט „גלויב" — און עס שטייט דאָרט אויך געשריבן:

„אָ, פריינט מיינער, מיר ניט באַשערטער,
אין אונדזער באַשערטקייט גלויב".

און נאָך שטייט דאָרט געשריבן:

„ניט יעטוועדן מענטש איז געגעבן
אַזאַ ניט געווײנלעך גליק".

נישט נאָר נישט יעטוועדער מענטש וועט קלייבן נחת פון נישט באַשערטקייט, נאָר אַפילו נישט יעטוועדער פּאָעט. נאָר אַזאַ פּאָעט ווי לייוויק פאַרכישופט זיך מיט בכיוונדיקער נישט־באַשערטקייט. די אויגן זיינע, זיי זאָלן נעמען זען חלומות אויפן וואָר:

„פאַרבלייב
ביז אין אייביקייט אין תהומיקן געלייטער
מיט דיין תאווהדיקן ניט באַרירטן לייב".

(ז. 180)

דאָס נעמט ער „זי, וואָס איז נישט אָנצורופן ביים נאָמען", און וואַרפט זי אין ים אַריין, זי זאָל אים נאָכשווימען אויף זיין רייזע איבערן אַטלאַנטיק.

און לייענט דאָס ליד „שטורעם־ווינטער נאַכט":

„שניי פאַרשנייט אונדז ביידן, ביידן,
נאָר געפינען וועט מען אונדז באַזונדער —
לעצטע ווערטער פאַרן זיך פונאַנדערשיידן
זאָגן אָן דעם קומענדיקן ווונדער".

און איבערהיפנדיק אַ סטראָפע, כדי צו מאַכן עס קירצער:

„ווער האָט וועמען גאָר צום ערשט פאַרנומען,
האָר געוואָרן, חסדיק באַפעלנד —
סיי ווי סיי דער אָפּשייד מוז דאָך קומען
מיט זיין גרויסן אוצר — מיט זיין עלנט".

עלנט איז אַ גרויסער אוצר. און דאָס איז דער ווונדער וואָס ער זאָגט זיך צו. ביי לייוויקן איז אַזוי. און דאָס ליד שליסט זיך:

„מיר וועלן אין שניי זיך איבערווינדן
מיט אַ שמייכל אַ פאַראייביקטן אויף ליפּן".

(ז. 177)

איבערווינדן מיינט אויף דייטש זיך גובר זיין; גובר זיין זיך מיט אַ פעולה — כדי אַזאַ ליד און ענלעכע לידער זאָלן קענען געשריבן ווערן.

דער עיקר — דער זי־סימבאָל— האָט מיט לייוויקן אַליין אַ פעולה געטון. דער עיקר פון אַלע עיקרים איז, וואָס „זי" האָט געגעבן אַ קאָנקרעטן, זאַכלעכן און לעבעדיקן אינהאַלט אין לייוויקס זעונג און זעלבסטזעונג און זעלבסטגעשטאַלטונג. זי איז די פאַרקערפּערטע זעונג זיינע. איז די פעולה דערביי, וואָס ווען פריִער האָט די זעונג געשפּאַרט איבער אַלע ברעגן אין עולם־הבאדיקער אויסערזאַכלעכקייט אַריין — איז זי איצט איינגעשפּאַרט אין די גענויע ראַמען פון עולם־הזהדיקער זאַכלעקייט. — די פרוי האָט צוגעגעבן צו דער קאָנקרעטיזירונג פון זיין זעערישקייט איצט אַ פעסטן אָנהאַלט. זעערישקייט לויפט נישט אַריבער און לויפן נישט אויס — זי לויפט אין די זאַכן אַריין. כאַפּט זיין בליק און פאַרקלאַמערט די זאַכן ווי זיי זענען, און גלייכצייטיק ווערט נישט אָן זיין גרונט־שאַפונגס־מיטל, די געשטאַלט־זעערישקייט, זיין וויזיאָנערישקייט, וואָס איז זיין טייערסטער אוצר געווען זייט ער איז פון אַ קינד אַ פּאָעט געוואָרן.

לייוויק איז „פאַרפרויט" געוואָרן. און דאָס מאַכט די גרינדלעכסטע אי־בערקערעניש אין אים.

„זי" האָט איינגעשלונגען אַלע זיינע פרי־ערדיקע לידער — פרי־ער פון אַלץ, ווי מיר האָבן שוין געזען, האָט זי אַרויסגעשטויסן זיין ליבעס־שפּיל מיטן טויט. זי פאַרוואַנדלט זיין בליק. זי פאַרוואַנדלט פאַר אים די ערד. דאָס האָבן מיר שוין אויך געזען, אַז די ערד, וואָס איז פרי־ער פאַר אים געווען אַ בית־עלמין, איז איצט פאַר אים פרוי־מאַמע געוואָרן. עס איז גאָרנישט אָפּצושאַצן, וואָס פאַר אַ ווירקונג אָט די „פאַרמוטערלעכונג" האָט געהאַט אויף לייוויקס ערד — זי האָט גענומען געבן די טייערסטע פרוכטן לייוויקס פען. פון איר קריגט ער איצט אַרויס די געבענטשסטע לידער. לייענט:

„די ערד איז געלאָדן
מיט זאַנגען און פרוכט;
אויף דער שפע פון באָדן
האָב איך דיך געזוכט.

נישט באַדאַרפט גאָר זוכן, —
ביזט געשטאַנען גרייט
מיט טאָרט און מיט קוכן
ביים וואַלדיקן פּלייט.

מיט גליק פון קומען
און פרישקייט פון טאָרט
האָט געטריפט פון דיין גומען
האָניק פון וואָרט".

(ז. 232)

זי איז אפשר גאָר נישט אַנגעוויזן, נאָר ער האָט געזען אונטער זיינע טריט, זי געזען מיטן פּלייט, מיטן טאָרט און מיט האָניק פון וואָרט. און דורך איר מאַכט ער זיין ליבעס־דערקלערונג צו דער ערד, קני־ענדיק — אין די צוויי לעצטע סטראָפן פון ליד:

„דו פירסט מיך אויף בייטן
איבער ווילדגראָז און שטיין,
ביז עס הויבט זיך אָן גרייטן
דער טאָג צום פאַרגיין.

איך פאַל קניען אין שאָטן
פון טאָגס לעצטער שעה,
צו דער שפּע פון באָדן
ווו דו ביזט דאָ".

דאָס איז בלויז אַן אָנזאָג — נאָך נישט די פולע אָנגעזעטיקטקייט מיט איר געשטאַלט. זי בלאָנדזשעט נאָך דאָ איבער דער אויבערפלאַך פון דער ערד. אָבער באַלד נעמט זי אַריינדרינגען אין דער ערד, און אין די זאַכן וואָס אויף דער ערד — זיי ווערן דורכגעדרונגען מיט איר וועזן, און לייוויק געווינט דעם דורכדרינגענדיקסטן בליק פאַר די זאַכן ווי זיי זענען, אַלץ איינס צי זי איז דאָ אָדער נישטאָ. אָבער ער האָט עס אין אַכט, ווען איר געפינט אין לייוויקס אַ ליד, אַז ער איז זיך מחיה מיט די זאַכן, וואָס זיינע אויגן זעען, און עס איז געשמאַק און ער מאַכט פאַר אונדז געשמאַק זיי אָנצוקוקן — איז עס אַ זיכערער סימן, אַז זי איז דאָ אין דעם ליד, געזען צי נישט געזען.

דאָס ליד „גרוס" (ז. 225) הייבט זיך אָן אַזוי:

„דער טאָג איז היינט אַ ליכטיקער, אַ ווייסער;
עס ברענט דער שניי אויף די באַרגיקע קעפּ;
עס ליגן אָפן די וועגן צו אַלע הייזער,
און עס רופן ברידערלעך צו זיך אַלע טרעפּ".

און ווען ווייטער אַ ווײַלע לייענען מיר: —

„דער טאָג קלעטערט אויף די בערג אַלץ העכער,
און דערקלעטערט צו יענער זייט ראַנד,
און הויבט אויף דעם לבנהדיקן בעכער
אין זיין אויסגעשטרעקטער אָוונטיקער האַנט.

דאָס בעכער שוימט און שוימט אַריבער
מיט ניט פאַרמיידלעכן מזל. אַ נייער שניי
נעמט פאַלן — פאַרשיטן אַלע וועגן און שטיבער
און אויך מיך — מיט מיין אָפענעם פּנים צו זיי."

איז „זי" דאָ אין דעם ליד? אַוודאי דאָ. איר געשטאַלט איז די גאַנצע צייט פאַר זיינע אויגן. וואָרעם אין דעמזעלביקן ליד רעדט זיך וועגן איר אויך. זי איז נישט געוועזן, נאָר ער האָט זי געזען; ער האָט זי אין זינען געהאַט.

ב. ריווקין

„איך בין אַ גאַסט הײַנט בײַ מײַן אײגן לעבן —
דאָס מאָל האָב איך פרײד זיך אַ געשאַנק געבראַכט:
איך בין געקומען ליב האָבן, און בין געקומען געבן
מײַנע שטומע ליפּן צו זון און נאַכט.

ס'איז מיר עפּעס מאָדנע אַזאַ פרײד צו טראָגן —
איך בלײַב שטײן בײַ יעדן שוועל ,בײַ יעדער טיר,
און עס ווילט זיך עפּעס זאָגן, זאָגן, זאָגן
אַזאַ וואָרט וועגן מײַן ווײַטן פרײַנט, וועגן דיר".

ער גיט זיך פרײד אַ מתנה, און די מתנה איז, וואָס ער וועט רעדן וועגן איר. און ווען ער רעדט צו איר, וועגן איר, געשעט אַ נס: ווי ער וואָלט גערעדט דורך איר צו דער גאַנצער וועלט. אַזוי בפירוש זינגט זיך אים אַרויס אין דער שלוס-סטראָפע פון ליד:

„אַזוי ווי פּאַרי אַ נס לויכט אויף מײַנע בליקן,
און איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב נישט פאַרפעלט
אַ גרוס צו באַקומען, און אַ גרוס צו שיקן
צו דיר, און דורך דיר — צו גאָר דער וועלט".

זי איז אַלזאָ נישט געווען — נאָר אַ גרוס צו איר. און דאָס איז גענוג געווען זײַנע בליקן זאָלן אויפלויכטן העלזעריש, ווי פאַר אַ נס. — און ווי צו אַ העלזעער, פינקלען אים נסים-האַפּטיק אַלע זאַכן אַנטקעגן.

און אומעטום, וו איר געפינט אין זײַנע לידער „נס" און „אַזויפיל נס", און ליכט, און ליכטיק, און „ליכטיקן באַגינען" און זײַ „ליכטיק ליד" — אומעטום איז דאָ איר גשטאַלט.

איר געשטאַלט האָט אײַנגעשלונגען זײַן זעלבסט-זעונג-געשטאַלט פון אַמאָל — די דערלײזערישע משיח-געשטאַלט. זי פאַרבײַט אים יענע געשטאַלט. דורך איר באַנעמט ער, נעמט ער אויף, נעמט אַרײַן און נעמט אַרום גאָר די וועלט. יענע זעלבסט-זעונג-געשטאַלט — די געשטאַלט פון אויסדערווײלטן איז אויף אַ האָר נישט געמינערט געוואָרן דורך איר איצטיקן קאָנקרעטן לעבעדיקן אײַנ־פאַס. פאַרקערט, דאָס אַרומנעמען גאָר די וועלט איז דורך דעם נאָך וואַרעמער געוואָרן. און זי האָט איבערגענומען יענעם אויסדערווײלטנס הויפּט-פונקציע: זי טײלט צו פון איר אויסדערווײלטקייט צו אַלע מענטשן. גאָר אַנדערש ווי עס איז געווײנלעך. יעדער אײנער ווערט אַן אויסדערווײלטער דורך איר. וואָס דערמיט

באַשטעטיקט זיך, אַז זי האָט טאַקע פאַרביטן יענע ריזן־געשטאַלט. איז זי טאַקע מער ווי אַ בשר ודם. — זי איז און בלייבט דער סימבאָל פון דער לייזונג. איז זי ביידע זאַכן צוגלייך: אי בשר־ודם, אי סימבאָל.

הערט־זשע אויס דאָס עדות־זאָגן פון איינעם וואָס ווייס עס פון ערשטן קוואַל:

„ניט צו באַליידיקן און ניט צו צעשטערן
מיין בונד מיט אַנדערע — נאָר פאַרקערט,
איך געהער איינעם — טו איך אַלעמען געהערן,
און ליב ווערט מיר אַלץ וואָס אויף דער ערד.

מיין אויסדערוויילטער מענטש איז סיי ווי פון ווייטן,
און מיר איז גענוג אַרויסצוזאָגן זיין נאָמען ווען —
אַז איך זאָל קענען קומענדיק צווישן לייטן,
אין יעדן איינעם אויסדערוויילטקייט זען.

מענטש געקרוינטער, ניט גרינג איז מיר צו ברענגען
מיין האַרץ צו יום־טובדיקער עבודה פון גליק,
ווען איך זע גאָר, בסוד אַמאָל, מיין לעבן הענגען
אויף זייער אַ וואַכעדיקער און פראָסטער שטריק"

(„אויסדערוויילט", ז. 182)

וואָס מיינט דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַן אַנצוהערעניש, אַז נישט גרינג איז אים צו פראַווען די יום־טובדיקע עבודה פון גליק? זענען אויך דאָ יסורים דערביי? און וואָס איז דאָס פאַר אַן אויסזאָגן דעם סוד, אַז ווען דער פאַרכישופ־טער שלייער טוט זיך אָפּ פון זיינע אויגן, דערזעט ער זיין לעבן הענגען אויף אַ פראָסטער און וואַכעדיקער שטריק? וואָס באַטייט דאָס?

דאָס באַטייט זייער איינפאַך, אַז ער דאַרף שטיקן אין זיך די בשר־ודמיקע תאווה, און אַז ערשט אויף אַזאַ אופן ווערט עס מעגלעך, זי זאָל ווערן פאַר אים אַ סימבאָל — דער אויסדערוויילטער מענטש־מוסטער, די פאַרמיטלער־געשטאַלט פון דערלייזונג.

איז עס נישט פיל אַנדערש, ווי מיט לייוויקס אָריגינעלן דערלייזערישן סימבאָל: דער משיחיזם פון משיח־סימבאָל און דער משיחיזם פון זי־סימבאָל האָבן ביידע איין מקור: דאָרט איז דאָס געוועזן די קרייציקונג פון גוף, וואָס גיט אָפּ פון זיך אַן איבערמענטשלעכע זעונג; דאָ איז עס די קרייציקונג פון תאווה,

וואָס מאַכט פון אַ פּרוי בשר־ודם אַן אויבער־מענטש־זעוונג. אָבער וואָס איז תאווה, אויב נישט דערזעלביקער גוף אונטער אַן אַנדער נאָמען — גוף אין אַקציע? וואָס ווי מיר ווייסן שוין האָט עס לייוויק סוף־כל־סוף אויסגעזאָגט — אַז דאָרט ווו ער איז מקריב זיין גוף פון משיחס וועגן — און כסדר אין אַלע זיינע דערלייזונגס־לידער איז די רייד געווען וועגן דעם — איז אין דעם אויך פאַרשטאַנען געווען דאָס ראַנגלען זיך מיט דער תאווה.

אַנדערש איז עס בלויז דערמיט, וואָס דאָרט ביי דער קרייציקונג פון גוף פון משיחס וועגן איז די פּרוי איבערהויפּט נישט געווען; זי איז נישט געווען בנמצא; איז עס געווען קרייציקונג אין אַבסטראַקט; די אַלגעמיינע בענקשאַפט פון גוף נאָך פּרוי האָט געדאַרפט איינגעקלעמט ווערן, כדי איבערגעשמאַלצן צו ווערן אין לעכצונג נאָך דערלייזונג; דאָ, ווו די פּרוי איז געגעבן קאָנקרעט, איז די קרייציקונג אָפענער, דירעקטער, פּערזענלעכער. איז עס נאָך אַ געווינס דערביי אין זאַפטיקייט, לעבעדיקייט און אוממיטלבאַרער ווירקונג אויף די מענטשן און זאַכן פון אַרום...

אין דעם לייוויק־פאַל, ווו פּרוי און משיח־סימבאָל ווערן איינס און די תאווה־ און מענטשן־קרייציקונגען ווערן איינס — איז די נפקא־מינה נאָר אין דעם, וואָס ניט זי, זיין געקרוינטער אויסדערוויילטער מענטש ווערט געקרייציקט — ווי עס פאָדערט זיך לויטן דין, — נאָר ער קרייציקט פון אירטוועגן — ער ברענגט זיין האַרץ פאַר אַ קרבן — און שענקט איר די ברכה אַוועק.

עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער זי־סימבאָל האָט פאַרביטן לייוויקן די דערלייזער־געשטאַלט, וואָס ער האָט מיט אַזאַ עקשנות אויסגעחלומט — „אַזאַ וואָס איך זאָל ליב האָבן; וואָס זאָל מיך אַרבן“.

און מען מעג גלויבן לייוויקן, אַז פאַר אים, פאַר זיין געפיל איז עס אמת, אַז דורך איר אויסדערוויילטקייט זענען אַלע פאַר אים אויסדערוויילט; און אַז דערמיט איז פאַר אים איר געשטאַלט ענלעך צו דער געשטאַלט פון אויסדער־ווילטן, וואָס מאַכט אַלעמען אויסדערוויילט.

איז גאָר קיין נפקא־מינה נישטאָ צווישן אָט די צוויי אויספירנדיקע גע־שטאַלטן לייוויקס? עס איז יאָ דאָ אַ נפקא־מינה! און דאָ גיי איך אויסזאָגן אַ סוד, וואָס איך האָב לכתחילה געדאַרפט אויסזאָגן: מיין קאָרעקציע איז, אַז נישט די ברכה פון דערלייזונג טראָגט זי מיט זיך — זי, דער סימבאָל — נאָר די ברכה פון שיינקייט טיילט אויס דורך לייוויקס אויגן אַלץ און אַלעמען.

און דאָס איז טאַקע די הויפּט־עובֿדה פֿון דעם זי־סימבאָל פֿאַר לייוויקן — צו מאַכן שיין אַלץ וואָס זיינע אויגן זעען. דער אָפּשיין פֿון איר געשטאַלט וואַרפֿט אַ קרוין פֿון שיינקייט אויף דעם אַרום און אויף אים, — וואָס דערמיט ווערט נישט אָפּגעלייקנט, אַז פֿאַר לייוויקן פֿערזענלעך איז די קרייציקונג דורך „זי" אויך אַ קוואַל פֿון אינערלעכער פֿאַרשענערונג.

„די קרוין פֿון שיינקייט אויף נאַקעטע בוימער,
אויף חיות, אויף שטייגן, אויף דערנער,
איך אַליין, מיט געזאַנג פֿון געלייטערטן חומר,
זיי דיין שיינקייט אין זיך, ווי מען זייט קערנער...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז ווונדערלעך צו זען די מאַרטירערשאַפֿט פֿון פֿינגער, —
פֿון אונדזערע תּאוות די אייביקע צוימער, —
ווי זיי לאָזן זיך פּייניקן פֿון אייביקן הונגער,
צו בלייבן פֿאַרגליווערט ווי די צווייגן אויף ביימער".

(„די קרוין פֿון שיינקייט", זייט 202)

די צווייגן פֿון ביימער פֿאַרגליכן מיט זיינע מאַרטירער־פֿינגער. דורך אָט דער ענלעכקייט, רוט אויף צווייגן דער חן פֿון שיינקייט, מאַרטירער־פֿינגער, ווייל זיי זענען די צוימער פֿון תּאוות, ווייל זיי דערלויבן זיך קיינמאָל נישט צו־צורירן זיך צו ליב, כּדי צו שטילן זייער אייביקן הונגער — דערפֿאַר טאַקע וואַרפֿט זיך דער געזאַנג פֿון געלייטערטן חומר, דורך די מאַרטירער־פֿינגער, אויפֿן בוים אַרויף, וואָס דאָס טוט אָן אויף אים אַ קרוין פֿון שיינקייט. קומט אויס, אַז ביידע שיינקייטן, סיי די אינערלעכע; — „איך זיי דיין שיינקייט אין זיך, ווי מען זייט קערנער" — און סיי די אויסערלעכע — דער אָפּשיין פֿון איר געשטאַלט אויף די ביימער — ביידע שיינקייטן אינאיינעם שטאַמען פֿון איין קוואַל: — פֿון דער קרייציקונג פֿון תּאווה. די קרייציקונג איז דער טאָפּלטער פֿאַרשענערונגס־מיטל.

זי פֿאַרשענערט אַפֿילו זאַכן, וואָס איז אין תּוך נישט שיין. דאָס ליד „ביוּ־יאָרק אין שיינקייט":

„דו, ווי אַ ווונדער,
קומסט צו מיין הויז,

ב. ריווקין

נעמסט פאַר אַ האַנט מיך,
נעמסט און גלייכסט מיך אויס.

דו עפנסט די טיר מיר,
דו פירסט מיך אַריין, —
דו הייסט מיר מאַן זיין, טאַטע,
ווי יעדער באַדאַרף און מוז עס זיין".

ווי אַזוי טוט זי דאָס? דורך „קרייציקונג": דו הייסט מיר מאַן זיין, טאַטע... ער שאַפט דורך איר געשטאַלט. בפועל־ממש. ער פאַרזייט אירע שפּורן אומעטום, כדי דערנאָך זיי צו געפינען. — איך האָב שוין געבראַכט ציטאַטן, און וועל נאָך ברענגען פאַר דעם לייענערס פאַרגעניגן:

„איך זע די טריט דיינע אין פרישן שניי פאַרצייכנט,
איך גיי זיי נאָך נישט וויסנדיק ביז וואַנען:
איך ווייס נאָר איינס: איך וועל דיך ווען דערגרייכן
און אויפשטעלן אונדזער קעניגרייך פון דאַנען"

(ז. 224)

ער גייט איר קעניגרייך אַנטקעגן — דעריבער איז זיין יעדער טראָט אַ טראָט אין שיינקייט אַריין, — און צו יענעם קעניגרייך איז זי פאַר אים, און ער פאַר איר די הייליקע טרעפּ:

„הימל,
און אין הימל — שטערן.
און איך אויף דער ערד,
און דו לעבן מיר אויף דער ערד.
סודות פון יאָרן,
בלענדיקע גרויקייט פון קעפּ;
יעדער איינער איז פאַרן צווייטן געוואָרן
אַ ווייסע, אַ הייליקע טרעפּ".

(ז. 234)

ער רעדט אַריין ווי אַ צויבערשפּרוך אין יעטווידער זאַך — גיבן זיי זייער שיינקייט אַרויס:

„איך האָב זיך גענייגט צו גראָז און זאַנגען,
זיי האָבן גענייגט זיך צו מיר צוריק:

כאָטש איך ווייס — ס'איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען
די מאָדע פון אַנכישופן גליק.
האָב איך פונדעסטוועגן געריידט אַזוינע שפּרוכן
צו געוויקסן, צו וואַסער, צום שליאַך;
איך האָב געזוכט, און איך זוך, און וועל זוכן
דיין שיינקייט אין יעטווידער זאַך".

(ז. 242)

ווען משיח וועט קומען, וועט אויך אַזוי זיין? ס'וועט גענוג זיין זיין נאָמען אַרויסצורעדן אין יעטוועדער זאַך — און דערלייזונג וועט שפּרינגען אַנטקעגן?

וואָס איז די נפקא־מינה צווישן דער ברכה פון דערלייזונג, וואָס פליסט פון דער משיח־געשטאַלט, לייוויקס לכתחילהדיקער זעלבסט־זעונג, און דער ברכה פון שיינקייט, וואָס פליסט פון „זי"־סימבאָל, מיט וועלכן ער האָט די משיח־געשטאַלט פאַרביטן?

פעסטגעשטעלט זענעןביידע זאַכן, אַז ער האָט פאַרביטן, אַז די הויפּט־עובדה פון זי־סימבאָל איז שיינקייט צו פאַרבייטן דערלייזונג, וואָס איז די הויפּט־עובדה פון דער משיח־געשטאַלט געווען.

לכתחילה, ווען לייוויק האָט געמאַכט דעם בייט, האָט עס ביי אים געהייסן, אַז זי נעמט איבער פול און גאַנץ משיחס פונקציע — זי טיילט איין פון איר אויס־דערוויילטקייט צו יעדן איינעם; באַלד אָבער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זי איז מקיים די פונקציע אויסטיילנדיק פון זיך שיינקייט אָנשטאָט דערלייזונג. — איז עס דיזעלביקע זאַך, נאָר אונטער אַן אַנדער נאָמען, אָדער עס א'ז אַ נפקא־מינה דערביי, און וואָס איז די נפקא־מינה?

עס איז די אַלטע נפקא־מינה צווישן „אמת" און „שיין" — וואָס אַריינצו־לאָזן זיך אין אַ חקירה וועגן דעם גרונט־חילוק צווישן זיי איז דאָ איבעריק. מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרטיק ווערן.

קאָנען מיר אפשר פרעגן: האָט לייוויק געמאַכט אַ גוטן בייט?

איין זאַך קאָן מען זיכער זיין וועגן לייוויקן, אַז אפילו אַלס „פאַרשענערער", אַפילו אין דער ראָלע פון אַ פּאָעט־עסטעט, וואָס איז אין גאַנצן נאָך שיינקייט, וועט ער זיך נישט אָוועקזינגען, אָוועקשפּילן זיך מיט אַ לידעלע פון דעם אמת אין אים; עס איז נישט אין זיין טבע אָוועקצושפּילן זיך פון לעבנס־ערנסט; זיין שיינקייט־איבערלעבונג וועט בשום אופן נישט זיין אין ווידערשפּרוך צו זיין

אמת־איבערלעבונג; פאַרקערט, זי וועט שטימען מיט זיין אינערלעכער דער־פאַרונג, זי וועט געשפייזט ווערן פון איר.

נאָך מער: ווייל דער פּאָעט און מענטש זענען ביי ליוויקן איינס, וועט דער ענטפער וואָס ער גיט זיך דורך שיינקייט, אויך דאַרפן ענטפערן אויף זיין לעבנס נויט; און זיכער מוז ער גלויבן, אַז דאָס איז דער ענטפער, וואָס זיין נשמה האָט געזוכט. און ער וועט דעם ענטפער נישט נעמען אומזיסט. ער וועט פאָדערן פון זיך, דער ענטפער זאָל אים היפּשלעך קאָסטן; זיין האַרץ, זיין לייב און לעבן זאָלן געבן צושטייער אויפן ענטפער, און ער וועט ווילין זיין צו ברענגען אַ קרבן.

ווי ווייט דער זי־סימבאָל דינט אים, און וויפיל גראַד פון זיין לעבנס־אמת עס זויגט זיך אַריין אין דעם שיינקייט־דינסט אַרום דעם „סימבאָל״ — די ענט־פערס דאַרפן מיר אַרויסקריגן פון ליוויקן אַליין. נאָר ער אַליין קאָן אונדז דאָ זיין דער באַגלייבטסטער עדות. איז לאָמיר אויסהערן זיין עדות זאָגן.

עס מעלדן זיך לידער, ווו דער פּאָעט איז זיך אַליין מודה, אַז גאָר גליק־לעך מיט זיין זי־סימבאָל פילט ער זיך נישט; און וואָס נאָך ערגער, אַז אָט די אומגליקלעכקייט לאָזט זיך נישט פאַרגיטיקן מיט שיינקייט — עס לאָזט זיך נישט צאַפּן קיין גליק פון דער אומגליקלעכקייט — בלייבט זי אומפאַרענטפערט.

אָט איז אַ ליד, וואָס איז באַחנט מיט דער שיינקייט פון ליכטיקן טרויער — „אין לויטערקייט פון זומערס לעצטע טעג״ (ז. 280). אין אָט דעם ווידוי־ליד קאָן מען לכתחילה נישט געגוי וויסן, וועלכע געשטאַלט ער מיינט דאָ — צי די דערלייזער־געשטאַלט, צי דער זי־סימבאָל.

„אין לויטערקייט פון זומערס לעצטע טעג
גייט אויף נאָך לויטערער די שטים פון מיין געוויסן.
כ׳האָב איינגעשטעלט אין קאָן מיין גאַנץ פאַרמעג,
כ׳האָב איינגעשטעלט פון ברויט מיין לעצטן ביסן״.

דאַכט זיך, דאָ מיינט ער די דערלייזער־געשטאַלט. דאָט האָט ער פאַר יע־נער געשטאַלט אַזעלכע קרבנות געבראַכט. צום זי־סימבאָל האָט ער בלויז מקריב געווען דאָס האַרץ, קרייציקנדיק די תאווה. אָבער לייענען מיר ווייטער:

„אין שיינקייט פון סעפּטעמבערדיקן טאָג
כ׳טו אַן אויף אַלץ דעם אָנבליק פון דיין פּנים״

און ער פאַרענדיקט —

„עס מאָנט אַ קול אין מיר צו אויסקעמפן אַ קריג
מיט גאָט, מיט מענטש, מיט טייוולדיקע צינגער;
נאָר איצט איז גוט — איך האָב אים שוין דעם זיג,
עס רוט אויף מיר דאָס ליכט פון דיינע פינגער".

איז שוין גאָר קלאָר, אַז ער האָט פאַרביטן יענע דערלייזער־געשטאַלט אויף דער זי־געשטאַלט. — אנשטאָט צו קעמפן אַ קאַמף מיט גאָט, מענטש און טייוול וואָס דאָס קאָן מען נאָר אין נאָמען פון יענער געשטאַלט, באַנוגנט ער זיך מיט דאָס ליכט פון אירע פינגער. דאָס מיינט ער שוין די איצטיקע געשטאַלט. מיר וויסן וואָס פאַרא ראָלע אירע פינגער שפּילן אין אויסשפּריצן שיינקייטן. אָבער לייוויק אַליין האָט אַזוי גרינדלעך זיי פאַרביטן, אַז ביידע געשטאַלטן זיינע מי־ניען זיך דורך דעם ליד. דאָ זענען זיי באַזונדער, דאָ גיסן זיי זיך צונויף און ווערן איינס.

די ערשטע צוויי שורות פון דער צווייטער סטראָפע קאָנען נאָר מיינען די משיח־געשטאַלט:

„כ׳האָב אויסגעחלומט אין עקשנות אַ געשטאַלט,
אַזאַ וואָס איך זאָל ליב האָבן, וואָס זאָל מיך אַרבן".

דאָס איז נישט שייך צו זאָגן וועגן אַ פּרוי בשר־ודם, אַפילו דער אידעאַלס־טער. אָבער גלייך די צווייטע צוויי שורות קאָנען נאָר מיינען אַ פּרוי בשר־ודם:

„אַ רגע מאַכט מיך אויף חדשים גאַנצע אַלט,
אַ שעה גייט דורך — און אָט איך דאַרף שוין שטאַרבן".

פון דער משיח־געשטאַלט ווערט מען נישט אין אַ רגע אַלט, און מען שטאַרבט נישט אין אַ שעה. אָבער פון אַ פּרוי אַ בשר־ודם איז עס גרייליך מעגלעך.

אָבער ווי קומט אַהער שטאַרבן? אַזוי גיך האָט דער זי־סימבאָל זיך אויס־געדינט?

עס ווייעט מיט געהיימער חרטה פון דעם ליד. ווי ער וואָלט פילן, אַז עס קומט אים אַ שטראָף, און איז אָקאָרשט נישט דער טויט — דער נישט פאַר־

וואַנדלטער — אַ שטראָף וואָס ער לייגט אויף זיך אַליין אַרויף? עס הערט זיך כמעט דער קול פון אַ בעל־תשובה אין די שורות:

„איך שפּאַן אונטער דעם צייכן פון אַ לעצטער שעה
מיט יינגלשדיקער טרייסט, אַז דו וועסט מיך באַגלייטן"

ווער וועט אים באַגלייטן? עס קלינגט כמעט ווי שפּאָט איבער זיך אַליין. דער טויט איז שטאַרקער פון דער טרייסט.

זיכער פילט ער, אַז ער האָט גרינטלעך פאַרביטן די משיח־געשטאַלט... הגם דער לוין איז: דאָס ליכט פון אי־רע פינגער! דער לוין איז שיינקייט — דער כוח צו שאַפן שיינקייט — צו שאַפן אַזאַ וווּנדערלעך־שיין סעפּטעמבער־ליד.

פּאָעטן־עסטעטן וועלן זאָגן: גוט אַזוי! אַן אויסגעצייכנטער בייט! זעעריש־קייט, נביאישקייט — ווער דאַרף עס? אָבער שיינע לידער דאַרף מען! והא ראיה: די מענטשלעכע, מיידלשע געשטאַלט, בענטשט לייוויקן מיט דער ברכה פון שיינקייט. ווו זי איז דאָ קוועלט שיינקייט פון לייוויקס יעדן קער און ווענד. און זיי וועלן אַוועקגעבן צוויי גאַנצע קאַפּיטלעך נבואה פאַר בלויז צוויי סטראָפן — די ערשטע און לעצטע סטראָפע — פון דעם ליד „אַזויפיל נס" (ז. 277).

„אַזויפיל מידקייט אויף די האָר פון דיינע ברעמען,
אַזויפיל שטומקייט אויף דעם שלאָס פון מויל;
איבער דער ערד צוויי אוונט־פויגלען — אונדזערע נעמען,
און לבנה־ליכט וואָס טריפט מיט גרויל,
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
אַזויפיל נס איז שטומקייט פון געזעגן,
אַזויפיל ליכט אין אָפּגייענדיקע טריט;
אָ, נאַכט, נאַכט, צעשטויב מיך איבער אַלע וועגן
צוזאַמען מיטן אָטעם פון מיין לעצטן ליד".

ווידער טויט? דאַכט זיך שוין גוט; אַ פולער הויפן פון ניי־אַנטדעקטער שיינקייט איז אויסגעשאָטן אין ליד; און פלוצלינג אַלס שכר פאַר דעם אַלעמען טויט! נישט גלאַט אַ פּאָעטיש־קאָקעטישער אויסרוף, נאָר אַ האַרבער, שווערער אויסגעשריי. און נישט דער קרייציקונגס־טויט פון „איך קיינעמס לאַנד", וואָס דאַרף ברענגען ישועה; און נישט דער אין פרייד־פאַרוואַנדלטער טויט־טרויער פון זי־סימבאָלס בלי־צייט, נאָר אומפאַרוואַנדלבאַרער טרויער אויף דער שפּי־

רונג פון דעם טויטס דערנעענטערונג; די נאַכט זאָל צעשטויבן אים מיט דעם אָטעם פון זיין לעצטן ליד — ווו די פּאָעטישקייט פון דער שורה ווערט פאַר־שלונגען פון דעם ווײ־געשריי. אַזויפיל אויפריכטיקייט אין דעם ווײ־געשריי, מער ווי פּאָעטן געווײנלעך דערלויבן זיך...

קענטיק, לייוויק איז נישט מסכים מיט די פּאָעטן־עסטעטן, אַז עס איז גענוג פרייד און טרייסט פאַר אים אין דער פּאָעטישקייט אַליין פון זיין פּערז; ער בלייבט נישט באַפרידיקט; און נישט גלאַט אַ געווײנטלעכע מענטשן־מורא פאַרן טויט הערט זיך דאָ, נאָר אַ שטיק האַרץ אין אים בלייבט נ׳שט אויסגעלייזט דורך דער שיינקייט־אויספּלייצונג פון זיין זי־סימבאָל; דער טויט וועט איבער־רייסן אַ דערלייזונגס־ווערק, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן...

און ווייל דער פּאָעט דערפילט אַז ער האָט זיך געבונדן צו אַ סימבאָל, וואָס דערפילט נישט די פולע דערלייזערישע פונקציע, נעמט אים דורך אַ מעלאַנ־כאָליע, אַ רעזיגנאַציע...

...„איך בין שטיל, ווי אַלע אומעטיקע פויגלען,
און ווי דער בוים לעבן מיר און דער שטיין.
שריי איך ניט מער נאָך גליק נאָך פאַרלאָרנס"

(ז. 201)

און ער מאַכט אומעטיקע סך־הכלען.

ער דערציילט, ווי דער אמת איז געווען, אַז אין אָנהייב פון זיין לעבנסטאָג האָט ער זיך געחלומט אַ באַשערטן — פאַר אַן אויסדערוויילטן פון גאָטס אויס־דערוויילטן — און יענער איז אַלץ נעענטער צוגעקומען צו אים, שפּאַנענדיק פעסט און פעסטער, אויסוואַקסנדיק פאַר זיינע אויגן אין אַ ליכטיקן מענטשן־ריז, וועלכער איז געווען, וועט זיין און איז. און יעמאָלט איז עס לייוויקס האַל־בער טאָג געווען. אָבער פּלוצלונג —

„דער מענטש קומט צו, ער ריט מיך אָן
מיט ווערטער צוויי: זיי מיינער,
און ס׳טאַנצט מיין פרייד פון צאָן אויף צאָן —
בין דיינער, דיינער, דיינער.

איך גיי אים נאָך, און פּלוצלינג ווערט
פון מענטשן־ריז אַ שאָטן,
און אויף די גרויס פון גאָר דער ערד,
הילכט אָפּ איין וואָרט: פאַרבאָטן!".

ס׳איז קלאָר, אַז דער וואָס איז צוגעקומען איז גאָר געווען — נישט דער ער, נישט דער ריזן־מענטש. לייוויקס באַשערטקייט האָט זיך געביטן. די מענטשלעכע פרייד איז אים אַריבער איבערן קאָפּ, — ערשט אַ געהילך אים אין אויער אַריין: „פאַרבאָטן״!... ער איז פריִער אויך צום ריזן־מענטשן געגאַנגען דעם וועג פון פאַרבאָטן, ווי ער האָט אויספירלעך באַזונגען אין צענדליקער קרייבציקונג־לידער; אָבער קענטיק וואָס מען מעג לגבי אַ ריזיקן אַל־מענטש־סימבאָל, מעג מען נישט לגבי אַ זי־סימבאָל. און הגם ער האָט אויך איצט געפּרווט אָנווענדן פּאָעטישע קרייציקונג אויף פאַרבאָטן, אָבער אין האַרצן האָט ער דערפילט, אַז:

„...דאָס וואָס מיך מיט אַלץ פאַרבינדט,
ווערט אָפּגעבונדן ווידער״.

ווייל לייוויק בטבע שטעלט דעם גרויסן טראָפּ אויף זיין מענטשן־באַרוף. דעריבער פולשטענדיקע רעזיגנאַציע; ער וויל כאָטש האָבן די רויִקייט, די שטומע זיכערקייט פון אַ שטיין, פון אַ דאָרן —

„איך וויל זיין יש ניט מער פון שטיין,
ווי דאָרן כאָטש זיין זיכער...״

עס קומט לייוויקס אָוונט — „אַלץ נעמט גיין, צעגיין, פאַרגיין״. און עס קומט לייוויקס נאַכט. —

„די שאָטנס וואַקסן, פאַלן צו,
און מיין שאָטן דער גרעסטער;
איך פאַל אַוועק, מיך אַרט נישט ווו —
ס׳איז ווידער נאַכט, מיין שוועסטער״.

זייער מענטשלעך. אָבער דער מענטש לייוויק האָט קענטיק דערפילט, אַז דער בייט פון „ריז״ אויף „זי״ באַפרידיקט אים נישט.

מיר דאַרפן אָננעמען דאָס עדות־זאָגן פון אַ טייל פון זיינע לידער, אַז אַ נישט־באַפרידיקטקייט האָט אים געגעסן. זיין האַרץ האָט זיך צעפּולווערט, אַלץ קוקט אים אויס ווי נאַכט. דער פּאָעט לייוויק איז זיכער דערלייזט און אויסגעלייזט דורך זיין ליד. אָבער דער מענטש־לייוויק?

אַ מאָדנע פראַגע, וועלן זאָגן די פּאָעטן־עסטעטן, פאַר וועמען דער פּאָעט

האָט נאָר איין באַרוף — צו שאַפן שיינקייט; און אַזוי אויך די ליטעראַטור־קריטיקער, פאַר וועמען ליטעראַטור איז ליטעראַטור און נישט מער. זיי ווענדן פרעגן: וואָס פאַר שייכות האָט צו פּאָעזיע און ליטעראַטור, צי דער מענטש לייוויק פילט זיך באַפרידיקט אָדער נישט? — פאַר מיר אָבער איז לייוויק אי פּאָעט אי מענטש אינאיינעם. און אויך לייוויק אַליין איז עס.

לייוויק האָט אַ שלוס־ליד אין דער פערטער אָפּטיילונג:

„עס שפּירן אַלע געוויקסן שוין דאָס אָנקומען פון הערבסט,
אין זייערע אָדערן דאָס לעבן נעמט האַסטיקער יאָגן;
ווען די אונטערשאָטנס נעמען פאַלן, דוכט זיך דיר — דו הערסט
דעם אָטעם דעם איילנדיקן פון קומענדיקע פאַרטאָגן".

— אַלץ גייט צום ציל — צו רייפקייט, און דער קלענסטער בלאַט...

— —

און אַזוי ווייטער — ביז צו דער שלוס־סטראָפע:

„איך ווער פריי פון מיין באַזונדערקייט, אַזוי ווי פון אַ שטייג,
איך דערזע מיינע יאָרן ווי בייטן מיר אַהינטער;
איך וויל קומען צו דער חכמה פון דעם קלענסטן צווייג,
צו ווערן צייטיק אַקוראַט פאַרן אָנקומען פון ווינטער".

ווירקלעך, דאָס ליד האָט אַלע מעלות פון רייפקייט — אַ געמיטלעכן קלאָרן טראָט, אָן פאַרקוקן זיך אויף זעונגען, אָן פאַרלויפן זיך אין אויפגעריסענע עקסטאַזן. איז אָבער גוט, מען זאָל וויסן און געדענקען, אַז אַלע די מעלות האָט לייוויק אָנגעזאַמלט אויף דעם לאַנגן וועג, וואָס ער איז געגאַנגען דורך אַלע זיינע זעונגס־מדרגות, וואָס זענען גלייכצייטיק געווען די מדרגות פון דעם שטייגנדיקן מענטשן אין אים. די מעלות זענען די פאַרפּאָטיזירטע פּרוכט פון די קרבנות וואָס ער האָט געבראַכט סיי געצוווּנגענערהייט, סיי פרייוויליק — אין דער דערפילונג פון זיין פאַר אים הייליקן מענטש־באַרוף. פאַראַן שורות אין דעם ליד, וואָס וואָלטן נישט געקאָנט געשריבן ווערן, ווען לייוויק וואָלט פריער נישט האָבן געקוקט מיט זעערישע אויגן אין פאַרשיכורונג פון עקסטאַז איבער דעם, וואָס ער האָט זוכה געווען צו ברענגען אַ קרבן, וואָס האָט אים די נשמה געליייטערט. אָט די גליקלעכע צונויפפאָרונג פון סוביעקטיוון און אָביעקטיוון — פון געהיימער אינערלעכקייט און אָפענער זאַכלעכקייט — האָט לייוויק דער

„זי״־זעונג צו פאַרדאַנקען. לייוויק, ווען ער פאַרלאָזט אַ מדרגה, לאָזט ער זיך איבער די מעלות, וואָס ער האָט אַ דאַנק דער מדרגה געוווּנען. אין דעם ליד ירשנט לייוויק סיי זיין מענטשישע און סיי זיין פּאָעטישע האַרעוואַניע פון ביז אַהער.

אָבער אויב אין מיטן אויפבלי פון זיינע פּאָעטישע כוחות פילט דער מענטש לייוויק, אַז עס גייט ביי אים צו ווינטער —

„צו ווערן צייטיק אַקוראַט פאַרן אָנקומען פון ווינטער״

איז עס אַ סימן, אַז ערגעץ־ווו איז דער מענטש לייוויק געקריוודעט, אַז ערגעץ־ווו איז ער ניט צופרידן, נאָכיאָגנדיק זיך נאָך יענער שיינקייט, וואָס פאַרבייט די פולע מענטש־איבערלעבונג. און עס דאַרף יאָ אָנגיין די קריטיקער און דעם לייענער — פון וואַנען די קריוודע און פון וואַנען די שווערע נישט־צופרידנקייט אין לייוויקן.

לייוויק אַליין — גערן צי אומגערן — דעקט אויף דעם שלייער, וואָס פאַר־הענגט די קריוודע, אין דעם לעצטן־לעצטן ליד פון דער פערטער אָפּטיילונג — „כי טוב״ — אַ ליד וואָס איז נאָך רייכער אין ירושה — רייכער אין ליכטיקייט, אין אויסגעטאָנענקייט פון זון און אַריינגעטאָנענקייט אין זיך — אַ ליד וואָס איז הוילע זעונג און גלייכצייטיק הוילע זאַכלעכקייט. לייוויק זאָגט נישט „איך״; זיין „איך״ זיצט אין מאָלער —

„אַ מאָלער איז געשטאַנען ביי אַ לייוונט און געמאָלן אַ תליה,
און דערנאָך צו דער תליה צוגעמאָלן אַ דינעם גוף,
און אויבן, איבערן גוף, אַ פייער־פויגל וואָס האַלט אין פליען
צו דורכזיכטיקע וואָלקנס מיטן שנאָבל אַרויף־אַרויף״.

מיט די פיגורן האָט דער מאָלער זיך ווייניק וואָס זיך אָפּגעגעבן; זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט ער געשענקט צו די פייערדיקע שפּיצן פון פויגלס צוויי פליגלען. געמישט פאַרב נאָך פאַרב, געוואַרט און געליטן, און עס איז אַלץ נישט אַרויסגעקומען וואָס ער האָט געזוכט. אָבער —

„צום סוף איז דאָס געגאַרטע געקומען אין ריכטיקע פאַרבן,
פון די שפּיצן פליגל האָט געטריפט מיט אמתן בלוט,
דער מאָלער איז געשטאַנען פאַרגליווערט ווי פאַרן אייגענעם שטאַרבן,
און געקוקט, און געקוקט אויפן בילד און געזאָגט: עס איז גוט״.

דאָס איז אויך אַ ליד פון רייפקייט. כי טוב שליסט אויך איך דעם מיין: גם זו לטובה — אַלץ וועט ער אָננעמען פאַר ליב: ליידן, וואַרטן. אָבער וואָס איז אים ליבער פון אַלץ, דעם מאָלער? נישט די תליה, וועלכע איז דאָ, נישט דער געהאנגענער, וועלכער איז נישטאָ, און אַפילו נישט דער פייער־פויגל, נאָר די צוויי בלוטס־טראָפּנס ביי די פליגל־שפּיצן — צוויי שיינקייט־פלעקן. דער מאָלער שטאַרבט פאַר שיינקייט.

דאָס ליד איז אויסקריסטאַליזירטע דורכזיכטיקע צייכענונג. בלויז בילד־צייכן, בלויז מאָלערישקייט — שיינקייט.

דאָס ליד באַצייכנט געניוי, ווי לייוויק האַלט איצט: קרבן, קרייציקונג, זעונג — וואָס פריִער האָט דורך זיי גערעדט דאָס בלוט פון זיין האַרצן — דאָס אַלץ שטעלט ער איצט אין דינסט פון שיינקייט. דעם פייער־פויגל — די אָוועקפליִענדיקע פלאַמיקע זעונג פון געקרייציקטן — פון גאַנצן קרבן פרעסן זיך אַרויס בלויז צוויי שיינקייט־פלעקן.

די טרייסט דערביי איז, וואָס ווען לייוויק רעדט אין זיין דריטן בוך „לידער" וועגן נאַכט און שטאַרבן, טוט ער ווי זיין מאָלער: ער שטאַרבט פאַר שיינקייט.

דאָס ליד איז דער שלוס־אַקאָרד.

עס דאַרפן נאָך באַהאַנדלט ווערן צוויי גרעסערע פּאָעמען אינעם בוך, וואָס זענען שוין צוויי שריט ווייטער ,וואָס פירן אַרויס פון בוך.

קאַפּיטל פיר

אין גיעגן נאָכן קאָנקרעטן מענטש

די צוויי לענגערע פּאָעמען צום שלוס פון בוך — „אַ בריוו פון אַמעריקע צו אַ ווייטן פריינט" און „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד" — אויך אַדרעסירט צו דעמזעלביקן ווייט־נאָענטן פריינט, נאָר אונטער אַ פאַרשטעלטן אַדרעס — זענען צוויי רעוויזיעס — פון זיין אויסערלעכן און אינערלעכן פאַרמעג — וואָס לייוויק האָט אונטערגענומען, גרייטנדיק זיך צו אַ נייעם שריט, צו אַ נייער ווענדונג אין זיין שאַפן. ער נעמט אינווענטאַר, ווייל ער פילט, אפשר אומבאַוווסטזיניק, אַז ער דאַרף ענדערן זיין מעטאָד. —

ביידע פּאָעמען זענען אויטאָביאָגראַפיש; אונטערגעפירטע לעבנס סך־הכלען — די ערשטע גיט לייוויקס אויסערלעכע לעבנס־געשיכטע, זייט זיין אַראָפּשטייגן קיין אַמעריקע, ביז ערגעץ אַ מאָמענט, וואָס קען זיין פאַר נאָך דער מלחמה און רעוואָ־לוציע; און די צווייטע גיט לייוויקס אינערלעכע לעבנס־געשיכטע; געגעבן איז ליי־וויקס אָנהויב ביז זיין קומען קיין אַמעריקע — אין אַ מאָמענט צום סוף, וואָס פאַלט צונויף מיטן היינטיקן טאָג.

די ערשטע פּאָעמע איז געשריבן אין קורצע, דריי־פיר־פוסיקע שורות, ווייל אויסערלעכע געשעענישן דאַרפן צעשניטן ווערן אין קורצע פּאַסן, כדי צו מאַכן זיי דערציילבאַר; די צווייטע איז געשריבן אין לאַנגע, 6־8 פוסיקע שורות, ווייל נשמה־איבערלעבונגען דאַרפן פאַרלענגערט ווערן ביז געשעענישן, כדי צו מאַכן זיי דער־ציילבאַר.

ביידע פּאָעמען זענען באַזונדערס וויכטיק דערמיט, וואָס זיי לאָזן אַריינקוקן אין לייוויקס שאַפונגס־אַפּאַראַט, און עס לאָזט זיך דורך זיי פעסטשטעלן, ווו עס האַלט

מיט לייוויקן איצט, אין 1932, און ביידע באַשטעטיקן ,אַז לייוויק איז ערב אַן איבער־גאַנג.

וואָס שטעלט מיט זיך פאַר די ערשטע פּאָעמע, וואָס גיט לייוויקן מער אויסער־לעך, ווי אינערלעך, אַביסל אַ דערוויטערטן און פאַרקנעפּלטן? געשריבן אין פאַר־טיקע אויסדרוקן, בילדער און שטימונגען קלעפּן שוין צו זיינע פינגער; אויב איר ווילט, איז עס דער סטיל פון רייפקייט — דאָס קאָנצענטרירטקייט פון ליד, וואָס שטעלט דעם טראָפּ אויף אַן איינציקער רגע און זינגט זי פאַנאַנדער; שורות אָנגע־צונדענע, פונקען וואָס אָט־אָט צעפלאַקערן זיי זיך אין גאַנצע פּאַסאַזשן, פאַנאַנדער־געזונגענע לידער מעכטיקע.

הגם „אַ בריוו פון אַמעריקע” איז געשריבן אין איין המשך, 104 סטראָפן וואָס לויפן איינע אויף די אַנדערע אָן אַן אָפּשטעל, — דאָך, פאַר דעם לייע־נערס באַקוועמלעכקייט, לאָזט זיך די פּאָעמע איינטיילן אין דרייצן לידער, וואָס איי־ניקע פון זיי דאַרפן אומבאַדינגט געלערנט ווערן אויף אויסנווייניק.

דער אַריינפיר און דער אויסלאָז זענען וועגדונגען צום זי־סימבאָל — בריוולעך, אויסערלעך, אָן נייע אַנטפּלעקונגען — מיט קאָמפּלימענטן, וואָס זענען שוין ביי אים געוואָרן פּאָעטישער שטייגער.

עס איז ערב פרילינג, ווען די שנייען צעגייען, און די ערד וויל אַ קוש, און דער מענטש בעט זיך אויך געקושט צו ווערן, און ער וואַרפט אַ בליק אויף צוריק און וואָס געווען־געשען דורכן לאַנגן ווינטער, און ער זעצט זיך שרייבן בריוו צום פריינט...

„וועגן לאַנד, פאָלק און קאָלעגן, —
און ווי נישט ווי אַ באַשיידענער סטראָף
וועגן זיך, ווי איך טראָג דיר אַנטקעגן
מיין ליבשאַפט — אַ ווייסע שאָף.
אַזוי מאָדנע, אַזוי וווּנדערלעך צו שפּירן
פון וויטן דיינע פינגערס באַריר;
נאָך איידער ס'איז געקומען צו דיינע טירן,
נעמט אַ ציטער שוין דורך דאָס פּאַפּיר”.

וועגן די פינגער ווייסן מיר וואָס פאַר אַ ראָלע זיי שפּילן אין די לידער פון דער פּערטער אָפּטיילונג. — דורך די פינגער שפּרייט זיך די שיינקייט פון דער „זי־געש־טאָלט” אויף די צווייגן, אויף דיביימער, אויף דעם גאַנצן אַרום; די פינגער זענען אויך די גרענעץ, די מחיצה, וואָס שטייט צווישן אים און דער געשטאַלט; עס איז נישט מער ווי די פינגערס באַריר; דאָס איז דער פאַרבאָט, די אינערלעכע קרייצי־

קונג וואָס שמעלצט זיך איבער אין שיינקייט — דערפאַר איז גענוג, אַז די פינגער זאָלן נאָר דערמאָנט ווערן, אום דאָס פּאַפּיר אונטער זיין פען זאָל נעמען ציטערן, און עס שרייבט אויף אים אַן אַ ליד פון שיינקייט:

„איך זאָג דעם אמת דיר אינגאַנצן,
איך וווּנדער זיך אויף זיך אַליין,
ווי אַזוי האָב איך געקענט דיך פאַרפּלאַנצן
אין מיין האַרץ — דעם פעלזנשטיין.
און ווי אַזוי האָב איך געקענט זיך צעשפּרייטן,
מיט אַמאָל ווי אַ צעוואָרצלטער בוים —
אַז איך האָב געטראָגן אין זיך זיבן טויטן
און גולמדיקע שטומקייט פון ליים".

די שיינקייט־סטרונע איז אַנגערירט געוואָרן אין אים, זי פאַרצאַפּלט זיך און זינגט אַרויס איר „אמת אינגאַנצן": דאָ איז געווען אָפּגעשאַצט, פון שיינקייט־שטאַנד־פּונקט, דער באַטייט פון זי־סימבאָל פאַר אים. דער סימבאָל האָט אים אַרויסגעראַ־טעוועט פון דער געפּאַנגענשאַפט ביי זיבן טויטן; האָט לעבעדיק געמאַכט, וואָס איז פריִער פאַרזונקען געווען אין דער גולמדיקער שטימונג פון ליים, וואָס אַנטקעגן דעם האָט זיך געשפּיגלט ווי אַ זעונג אין דער לופטן דער סימבאָל פון דערלייזונג — די משיח־געשטאַלט. איז געקומען דער זי־סימבאָל און האָט פאַרביטן דעם משיח־סימבאָל, און האָט אויף זיין שטייגער גענומען דערלייזן די וועלט, אַנטאָענדיק אויף איר אַ קרוין פון שיינקייט:

„אַזאַ לויטערקייט אין דיר און דיין נאָמען,
אַזאַ פאַרגעבונג צו שלעכט — און צו זינד, —
אַז אַ טאָטע, וואָס האָט פאַרזייט שוין זאָמען,
זאָל דערזען זיך אַליין ווי אַ קינד"

(ז. 255—256)

דאָס איז שוין נישט גלאַט אַזוי אַ קאָמפּלימענט נאָר אַ קאָמפּלימענט פון טיפסטן האַרצן. דערמאָנענדיק זיך, וואָס דער זי־סימבאָל האָט געטאָן פאַר אים, איז ער ווירקלעך גערירט און דאַנקבאַר. דורך איר קריגט ער כוח פון פאַר־געבונג צו שלעכט און צו זינד. מיר ווייסן, אַז עס איז שטאַרק איבערטריבן, אַז אַלץ, אַלץ האָט ער דעם זי־סימבאָל צו פאַרדאַנקען.

מיר ווייסן, אַ לייוויק, אָפּוואַרפנדיק די חסרונות פון אַ דורכגעגאַנגענער

סטאַדיע, האַלט אָבער איין די מעלות; דער פּאָעט מעג אַזוי שרייבן, מעג צושרייבן אַלע פאַרדינסטן צום סאַמע לעצטן הילפס־סימבאָל זיינעם, ווייל אים האָט זיך טאַקע געקענט דוכטן, פון אָנפאַנג ווייניקסטנס, אַז אַלץ, אַלץ האָט ער דעם זי־סימבאָל צו פאַרדאַנקען...

און דער אויסלאָז — דער שלוס פון שלוס־ליד פון דער פּאָעמע:

„איך וויל פונדערווייטנס דיין אָטעם הערן,
לייג צו דיינע ליפּן צו דער ערד,
און איך — מיינע, און אַזוי וועלן מיר ווערן
ביידע אין דער ליכטיקער נאַכט דערהערט".

דער אויסלאָז ,ווי דער אַריינפיר איז מיטן זי־סימבאָל. — ווי קומט ער אין דעם אויסלאָז צוריק אויפן זי־סימבאָל אַרויף־ זייער קונציק: דער בריוו איז געענדיקט, און —

...„ס'איז נאַכט, ס'איז ליכטיק
די לבנה איז פול, די לבנה איז רונד,
און אַלץ וואָס איז פאַרשעמט ווערט ווירדיק, וויכטיק,
און יעדע צעריסנקייט ווערט אַליין בונד
און די בענקשאַפט זינגט פון אַלע פיר זייטן..."

און עס איז אָנהייב פרילינג, און די ערד קוואַלט מיט וווּנדער, און קוואַלט אַריבער —

איז נאָך צוויי מאָל מחילה־בעטן, פאָר האַרבע רייד, לאַדט ער זי איין, זיי זאָלן איינס דעם אַנדערן שיקן אַ קוש, קושנדיק די ערד —

„לייג צו דיינע ליפּן צו דער ערד,
און איך — מיינע..."

די שורות וועגן דער נאַכט און וועגן פרילינג זענען אַ סך בעסער פון די שורות וועגן קוש דורך דער ערד. עס איז נישט מער ווי אַ קאָמפּלימענט פון העפלעכקייט ביים געזעגענען זיך.

אָט טאַקע די נישט־גענוגנדיקע איבערצייגונגס־קראַפט פון די קאָמפּלי־מענטן צום זי־סימבאָל האָבן מיך אַרויפגעפירט אויף דעם חשד, אַז עס קומט צו אַ שיידונג צווישן פּאָעט און דעם זי־סימבאָל. דער פּאָעט זוכט אַ נייעם

צוטריט צו דערווירקלעכקייט דורך אַ נייעם סימבאָל, אָדער גאָר אָן אַ סימבאָל — און אפשר האָט ער אים שוין געפונען דעם נייעם צוטריט. איך מעסט די טיף פון געפיל. בלויז צוויי פון די זי־וועגדונגען רירן מיט דער טיפקייט פון דעם דאַנקבאַרקייט־געפיל. דאָס זענען — ערשטנס, די שוין־ציטירטע שטעלע פון אַריינפיר:

„ווי אַזוי האָב איך געקענט דיך פאַרפלאַנצן
אין מיין האַרץ דעם פעלזנשטיין...״

און אַ צווייטע שטעלע אינמיטן דער פּאָעמע:

...„און טויט איז לעבן, און ערד איז פייער,
און לייב איז כוואַליעדיק, און שטראָמט ווי ליכט,
ווייל אַלץ וואָס אַף דער וועלט וויל זיין געליבט און טייער,
ווייל אַלץ וואָס אַף דער וועלט וויל זיין געקושט ווי אַ געזיכט״.

מיטן באַוווסטזיין נאָך אפשר געבונדן, אָבער אומבאַוווסטזיניק האָט ער שוין געמוזט אָנטאַפּן אַ נייעם צוגאַנג צו דער ווירקלעכקייט. וואָרעם אַניט ווי קומען די קאַלטע שלוס־שורות ביים געזעגענען זיך — אַ קוש דורך דער ערד, אויף אַ מהלך? עפּעס האָט געמוזט פּאַרקומען צווישן ערשטן און דרייצנטן ליד פון דער פּאָעמע — די אָפּקילונג איז אַ רעזולטאַט פון דער רעוויזיע, פון דעם סך־הכל מאַכן.

***

וועגן צוויי לידער ווייסן מיר שוין — דעם אַריינפיר און דעם אויסלאָז, און די צווישן די צוויי, ווי אָנגעהאנגענע אויף צוויי סלופּעס, אָדער ווי איינגע־פאַסטע אין אַ ראַם, גייען עלף לידער, וואָס מאַכן דעם סך־הכל פון לייוויקס יאָרן אין אַמעריקע. און די אָרדענונג, אין וועלכער זיי קומען: דריי „אַמעריקע״־לידער, דריי ליטעראַטור־לידער, צוויי שאַפּ־לידער, אַ ליד וועגן אָרעמקייט־נויט, אַ ליד וועגן נעגער און אַ ליד וועגן ייִד — צוזאַמען עלף; מיט דעם אַריינ־פיר און דעם אויסלאָז — דרייצן.

די לעצטע צוויי פון די עלף סך־הכל־לידער — דאָס נעגער־ליד און דאָס ייִד־ליד — שליסן זיך מיט שורות וואָס קערן אים צוריק צום אָנהייב — „אַמע־ריקע״ — שורות פון וועגדונג, פון נבואה, פון שבועה.

אַזוי אַז דער סך־הכּל איז אַריינגעשטעלט אין צוויי איינפּאַסן: דער ערש־טער איינפּאַס איז דער „זי״־סימבאָל, דער צווייטער איז „אַמעריקע״; דער אייגנט־לעכער, דער ענגערער סך־הכּל איז: ליטעראַטור ,שאַפּ, אַרעמקייט־נויט, נעגער, ייִד.

וואָס בלייבט פון דעם סך־הכּל פאַר לייוויקן? און וואָס בלייבט פאַר אונדז? און דאָס וואָס האָט אַמעריקע געגעבן לייוויקן? און וואָס גיט ער איר אַנטקעגן? — דאָס זענען די פראַגן, אויף וועלכע די פּאָעמע דאַרף ענטפערן.

גלייך נאָך דעם אַריינפיר־ליד קומט אַ ליד, ווו ער איז זיך מודה, אַז ער „לעבט ווי ביי ראַנדן פון אַן אָפּגרונט, מיט קאַלטקייט אין בליק, פון דעם ערשטן טאָג פון זיין לאַנדן״ — און אַז ער איז נאָך עד־היום — „פול און גע־לאָדן — מיט אומרו און מאָנונג, אַז אָט — וועט זיך אַ שפּאַלט טון אונטער אים דער באָדן — און אָפּמעקן דעם שפּור פון זיין טראָט״.

הייסט עס, נאָך אַלץ אַ גרינער פאַרבליבן אין לאַנד; ער פאַרט נאָך אַלץ אויפן שיף, ער שווימט; אָדער טרעטנדיק אויף דער אַמעריקאַנער ערד, וואָלט ער נאָך אַלץ ווי אַרומגעגאַנגען אין זיין היימישן שטעטל — איהומען — ס׳גליטשען זיך צוויי באָדנס אונטער זיינע פיס. ער איז נאָך נישט איינגעוואָרצלט, נאָך נישט איינגעבירגערט. דאָס מיינט לייוויק?

ניין, ער מיינט נישט פּשוטע גרינקייט; ס׳קומט אַ ליד וועגן די שטאָטן — דאָס ערשטע ליד, וואָס פאַרדינט אויסגעלערנט צו ווערן אויף אויסנווייניק: ער האָט ליב די שטאָטן, נאָר ער וועט שוין בלייבן אַ גר, אַ תּושב און אַ גר צוזאַמען; לעבן לעבט ער דאָ, זיך שוין איינגעלעבט, עס איז שוין זיין אַמעריקע, אָבער דאָך פילט ער זיך ווי אַן אייביק־גרינער, אַ זייטיקער, וואָס דאָס גראָד האָלט ער פאַר אַ מעלה, ווייל —

„אַ תּושב אַף דער וועלט איז יעדער, יעדער,
אַף וועלכן לאַנד ער זאָל ניט שטעלן זיין פוס;
אָבער פילן אין פוס אויך לייכטקייט פון אַ פעדער,
אויך לייכטקייט פון אַ גר — דאָס איז שוין זכות״.

און אָט די זכיה פון בלייבן אַ גר וויל ער נישט פאַרראַטן; ער וויל נישט מאַכן זיך גלאַט דעם וועג; ער וויל נישט אַריינוואַקסן אין דעם באָדן, כּדי נישט אַריינצוּוואַקסן אין די אַריינגעוואַקסענע, די איינגעפּרעסענע, די זעלבסט־צופרי־

דענע. אַלס אַ גר, אַלס אַ זייטיקער, קאָן ער וואַרפן זייטיקע בליקן, און זען בע־סער, שאַרפער, אמתער, און ווייל —

„...גראַד דער זייטיקער טראָגט טיף אין זיך די חרפה
פון אַלע הונגעריקע הענט, פון בלינדער גייץ,
פון אַלע הייזעריקע שטאַמלענישן פונעם כבד פה
אַף יעדן סקווער, אַף יעדן גאַסן־קרייץ".

דאָס איז די פאַרהערלעכונג פון גרינהאָרן; ער האָט די גרינקייט געמאַכט פאַר אַ מעלה; די גרינקייט פון זיינע ערשטע טעג דערהייבן צו אַ פּרינציפּ, וואָס גילט פאַר אים ביזן היינטיקן טאָג. גרינקייט איז אַ העכערע מדרגה פון ביר־גערטום — בלייבן וועלט־בירגער אַפילו ווען מען איז שוין אַ בירגער אין לאַנד. דאָס איז די העכסטע פאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג פון גרינקייט: נישטאָ וואָס צו שעמען זיך דערמיט; פאַרקערט: שטאָלץ דאַרף מען זיין. דאָס איז רעכט אויף חוצפה — אַנטקעגנצורעדן דעם איינגעבאָרענעם, דעם פאַרריסענעם יענקי. איך טראָג די חרפה פאַר דיין בלינדער גייץ, פאַר די אַלע הונגעריקע הענט אין דיין, אין מיין מדינה.

גרינקייט ביי אונדז פשוטע בשר־ודמס איז ביז אַהער פאַררעכנט געווען פאַר אַ ציטווייליקן אומגליק־צושטאַנד. אָבער אַזוי טוט אַ פּאָעט: ער מאַכט פון נויט אַ טוגנד; ער לייטערט די נויט אַזוי לאַנג ביז זי ווערט אַ טוגנד.

דעם גרינהאָרן דערהייבט ער צו אויבער־בירגער, צו אויבער־מענטש.

אגב־אורחא, ווערט דאָ אויך מיטפאַרשטאַנען דער אייביקער וואַנדערער — דער אייביקער ייִד. אויך זיין ראָלע ווערט דאָ פאַרהערלעכט — פון דעם איי־ביקן גרינהאָרן, אויבער־בירגער, וועלט־בירגער; וועלט־בירגער און אויבער־מענטש — וואָס צוליב דעמזעלביקן טעם ווערט ער פאַרדאַמט פון די אַנטי־סעמיטן פון אַלע לענדער אַלס צעשטערנדיקער גייסט, וואָס מאַכט חרוב זייער שאָוויניזם מיט זיין אינטערנאַציאָנאַליזם.

לייוויק זאָגט, גוט אַזוי אויף דעם ייִדנס אייביקן גרינהאָרן־צושטאַנד. ער זאָגט דאָ נישט אַרויס אָפן, אַז מיטן אייביקן גרינהאָרן איז אויך געמיינט דער אייביקער ייִד. אָבער שפּעטער וועט ער עס דערדעדן.

זענען מיר דאָ עדות פון דער געבורט פון אַ נייעם סימבאָל ביי לייוויקן — פון ייִד־גרינהאָרן — וועלט־בירגער. אַ קאָנקרעטע געשטאַלט, ווי די משיח־

געשטאַלט און וועלכע נעמט טיילוויז איבער די שליחות פון יענער געשטאַלט צו טראָגן די בשורה פון דערלייזונג איבער לענדער.—

איז דאָס אַלץ זייער גוט; ס׳איז נאָך בעסער; ס׳וועגדט זיך נאָר וואָס לייוויק טוט אויף דערמיט; דאָס איז אַ צוזאָג, וואָס לייוויק דאַרף אים מקיים זיין. ווי ווייט וועט ער דערגיין אין קאָנקרעטיזאַציע מיט דער הילף פון זיין נייעם סימבאָל.

**
*

ביז אַהער וועגן אַמעריקע בכלל; וועגן אַמעריקע של מעלה; לייוויקס שטע־לונג צו אַמעריקע פון ערשטן ביזן היינטיקן טאָג; אַן אַלגעמיינער פסק־דין. נאָך אַלץ אַריינפאָרן צו דער פּאָעמע — אַ טיפערער אַריינפיר — אַן אריינפאָר, וואָס האָט שוין אין זיך אַ טייל פון סך־הכל.

איצט קומט אייגנטלעכע אויטאָביאָגראַפיע־כראָניק וועגן אַמעריקע של מטה: אַ ליד וועגן דער גרינער אימיגראַנטן צייט, וועגן די שלעפּ־מאַשינקעס און לאַנדסלייט־באָסעס; וועגן אַלע זענען געווען באָרדערס, מיט זשעדנע קוקעלעך און שמייכעלעך —

„צו אַלע שלאָפצימערן געהאַט איין שליסל
און איין תאווה אָף יעדער בעט;
זיך צוגעזאָדן צו דער גרויסער, פולער שיסל
און ביז היינט נאָך נישט געכאַפּט די זעט...״

און וועגן די „צען גוטע ברידער״, וואָס האָבן געכאַפּט די „גאָלדענע פּאַווע״, זי געשאָכטן און צעפליקט — דער איבערגאַנג פון די שיינע חלומות צום אַל־רייטניק־צושטאַנד.

דאָס זענען די דריי „אַמעריקע־לידער״: צוויי וועגן לאַנד און אַ ליד וועגן אימיגראַנט. וועגן דעם אימיגראַנט דעם פשוטן גרינהאָרן, וואָס אין אים איז נאָך קיין סימן נישטאָ פון דעם אייביקן גרינהאָרן פון באַרוף. לייוויק אַליין מסתמא האָט זיך געפונען אין דעם צעטומלטן צושטאַנד פון אַ גרינהאָרן, וואָס איז פאַריאָגט אין דאגות חיונה, און עס וואָלט אים אויפן זינען נישט געקומען אַרויפצולייגן דעם גרינהאָרן נאָך אַנדערע העכערע דאגות אויפן קאָפּ. באַשרייבט ער אים פשוטו־כמשמעו, אָן אַ קרוין אויפן קאָפּ, אין זיין גרויער, פּאַקטישער, נישט־אויפגעלויכטענער וואָכעדיקייט.

אָבער וואָס האָט אים פּאָרט אויסגעהיט פון איינגעזונקען צו ווערן אינעם זאַטן אָדער הונגעריקן אַלרייטניק־צושטאַנד; ער זאָל אָפּגעשיידט ווערן פון די, וואָס האָבן געזוכט זיך איינצובירגערן אין פּרעס, און ער, דער פּאָעט, זאָל בלייבן אַן אייביק גרינער, אַ בירגער אין העכסטן זין? דאָס טאַקע וואָס ער איז געווען אַ פּאָעט; זיין פּאָעטישער באַרוף האָט אים געראַטעוועט; דער פּאָעט האָט אים אַריבערגעהויבן איבער דעם פּראָסט־פּשוטן גרינהאָרן.

און עס קומען דריי „ליטעראַטור"־לידער וועגן זיין אייגענעם פּאָעטישן באַרוף און זיינע קאָלעגן פּאָעטן, וואָס דאָס מיטלסטע פון די דריי — אַ ליד וועגן מאָריס ראָזנפעלדן — איז דאָס צווייטע ליד, וואָס פאַרדינט אויסגעלערנט צו ווערן אויף אויסנווייניק.

פאַר אַן איבערגאַנג דינט אַ פּאַסאַזש וועגן דער ליטעראַטור, וואָס איז אויפ־געקומען אויף גלעטן און משמח זיין דעם גרינהאָרן — דעם פערטן, האַלבן און גאַנצן אַלרייטניק:

„און אַז די האַרדעס אונדזערע זענען געוואָרן מערער,
האָט דער טומל אונדז געגומען רייסן פאַר די האָר;
איז דער כבוד־זוכער געוואָרן אונדזער לערער,
און דער אָפּלאַכער — דער פירער פון דור.
און אויפן חשבון פון גלייבן, יוגנטלעכן וווּנדער,
פון מאַרטירערטום און טרערן און בלוט.
איז אויפגעקומען דער ביליקער גאַסיקער שונדער,
און אַנגעזאָגט דער וועלט, אַז ס'איז אים גוט.
און די שפּראַך אונדזערע איז געוואָרן ברודיק,
און אויסגעליידיקט פון יעטוועדן תוך..."

און דאָ קומט אַ ליד וועגן דעם, ווי אַנטקעגן דער מלוכה פון די אַלרייטניקעס, אַנטקעגן דעם כבוד־זוכער, וואָס איז געוואָרן לערער, און אַנטקעגן דעם אָפּלאַכער, וואָס איז געוואָרן פירער פון דור, און אַנטקעגן דעם אויפגעקומענעם ביליקן „שונדער" — האָט לייוויק זיך אָפּגעזונדערט מיט אַ גרופּע יונגע פּאָעטן —

„און דאָס ליד דאָס נייע מיט פאַרטרוימטע אויגן
האָט זיך געקאָרטשעט פאַרווינקלט און שטאַר,
און זיך אַליין געהאָדעוועט, זיך אַליין געזויגן,
און זיך אַליין פאַרפייניקט אין שיינקייט פון צער".

אוואַנגטלעך, איז דאָס נישט שייך צו זאָגן וועגן אַלע יונגע; נישט אַלע, נאָר

ב. ריווקין

דאָס האָט לייוויק געשריבן לידער אויף צו פֿאַרפּייניקן זיך אין שיינקייט פֿון צער. בפֿרט ווען ער שרייבט אין דער צווייטער סטראָפֿע:

„ס׳האָט אויפֿגעשיינט אַ חלום פֿון אַ הייליק לעבן,
און עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט קומט דער באַשייד;
אָבער כדי צו לעבן הייליק דאַרף מען דעם לעבן געבן,
ווייזט אויס, עטוואָס מער פֿון געזונגענע רייד״.

„הייליק לעבן וואָס איז מער פֿון געזונגענע רייד״ — דאָ קען אַוודאי קיינער נישט געמיינט ווערן, ווי נאָר לייוויק אַליין: דאָס האָט ער זיך געקליבן אין „קיינעמס לאַנד״, זיך אַריינגעלעבט אין אַ מענטש־וואָלף און זיך אַריינגעיאָמערט מיט דער פּען געהאַט שלום געמאַכט מיט דעם אָלרייטניקשן שונד־רעזשים; אין אַ פּאָגראָם און פֿאַרגרויזאַמט זיין ליד נישט אויסצוהאַלטן, כדי פֿערזענלעך מיטצומאַכן דעם גרויל און דעם שוידער פֿון רציחות און הריגות, און געלייגט אויף דער אָפֿענער ווונד פֿון האַרצן דעם הייל־פּלאַסטער פֿון משיח־זעונג — ער האָט עס שפּעטער געטון ער, נישט קיין אַנדערער. אָבער לכתחילה האָט זיך קיין חילוק נישט געפֿילט צווישן אים און די אַנדערע „יונגע״. האָבן זיי צו־זאַמען געלעבט אָפּגעזונדערטע אויף אַ פּאָעטישן אינדזל כדי נישט אַנגעשטעקט צו ווערן פֿון אָלרייטניק — און דאָרט אין דער איינזאַמקייט פֿון זייער אינדזל־מדינה האָבן זיי געשפּונען זייערע חלומות — הייליקע און נישט אַזעלכע היי־ליקע. עס איז אפֿשר נאָך נישט קלאָר געווען ,וואָס עס בינדט זיי צוזאַמען, אָבער איינגעהיט די זעלבסטשטענדיקייט פֿון זייער פּאָעטישער מדינה האָבן מיר דאָ די פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג פֿאַר דעם אויפֿקומען פֿון די „יונגע״ אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור. דורך זיי האָט זיך געריסן צום אויס־דרוק דער פּראָטעסט קעגן דער הערשאַפֿט פֿון אָלרייטניק, וועלכער האָט געקי־ניגט מיט שונד אין דער ליטעראַטור. ביז די „יונגע״ האָבן די מערסטע פּירער מיט דער פּען געהאַט שלום געמאַכט מיט דעם אָלרייטניקשן שונד־רעזשים; שלום געמאַכט — ווער מיט גוטן און ווער מיט בייזן געמיט — און זיך אונטער־וואָרפֿן. אויך מאָריס ראָזנפֿעלד...

לייוויק דערציילט דאָ, אַז אַזוי ווי אַ הייליק לעבן פֿאָדערט מען זאָל געבן דעם לעבן מער ווי געזונגענע רייד, האָט דאָס לעבן אויך די „יונגע״ נישט געשאַנעוועט. זייער —

„...צער איז געוואָרן קראַנק און געשוואָלן,
און עלנט האָט געגעסן דאָס האַרץ ווי סם״.

אָבער זייער עלנט איז קיין פאַרגלייך נישט צום עלנט פון גרויסן פּאָעט פון עלטערן דור. און דאָ דאָס ליד, וואָס איך רעקאָמענדיר צו לערנען אויף אויסנווייניק — און טוט דאָס טאַקע! — וועגן צוויי באַגעגענישן מיט מאָריס ראָזנפעלדן — אין קאַפע און קראָטאָנאַ־פּאַרק.

אין קאַפּע:

„אַזויפיל ירידה איז געווען אין זיין זיצן,
אַזויפיל באַוווסטזיין פון גורל, און אויך מאַכט,
ניט צו וועלן זיך בעטן, ניט צו וועלן זיך שיצן
אַנטקעגן אַנקום פון אייביקער נאַכט״.

אין קראָטאָנאַ־פּאַרק:

„צולעצט האָט איך אים געזען אין פּאַרק קראָטאָנאַ;
ער איז געשטאַנען מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ,
אונטער אַ האַרבסטיקן בוים, און אַ פולע לבנה
האָט געוואָרפן אויף אים ליכט, סנאָפּ נאָך סנאָפּ.

זיין גאַנצער גוף צוגעפּאַלן צום שטעקן,
ווי צו דעם איינציקן שוץ וואָס ער פאַרמאָגט;
כ׳האָב דערפילט, אַז איך דאַרף זיך איצט פאַר אים נישט שרעקן.
— וואָס מאַכט איר, ראָזנפעלד? — האָב איך געזאָגט.

ער האָט אויפגעהויבן צוויי וווּנדערלעכע אויגן,
מיט אַזויפיל אומגעריכטער גוטסקייט און ליכט:
— איר ווייסט, מיינע געדיכטן ניט אַלע אפשר טויגן, —
אָבער אָט זינג איך איצט מיין לעצט געדיכט...

אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט, קאָלעגע, —
און אַוועקגעשפּאַנט מורמלענדיק אַ סטראָף;
און דאָס איז געווען די לעצטע, לעצטע רגע,
ווייל אין זיין שטוב האָט שוין געוואַרט אויף אים דער סוף״.

דער גורל פון מאָריס ראָזנפעלד, וואָס נאָך די סענסאַציע מיט זיין בלינד ווערן האָט געראַטעוועט פון פאַרגעסן ווערן ביים לעבן און פון הונגער־טויט, דער מאָריס ראָזנפעלד־גורל לאָזט אים נישט אָפּ. ער וועט זיך נאָך צו דעם אומקערן (ער האָט זיך אומגעקערט צו דעם אין זיין דראַמע: „דער פּאָעט איז

געוואָרן בלינד״). און יאָרן נאָכדעם, ווי די „יונגע״ האָבן שוין געהאַט איינגע־נומען די פּראָנט־פּאָזיציע, איז עס נאָך אַלץ די סענסאַציע, וואָס איז ענלעך צו בלינד ווערן, דאָס וואָס באַוועגט די טיראַנען און אונטערטאַנען פון דער מלוכה פון שונד זיך אומקוקן אויף זיי.

איז דער גורל פון אַ פּאָעט ביי ייִדן אַ מאַרטירער־גורל. און דאָס קענטיק האָט געהאָלפן לייוויקן, וועלכער האָט אין האַרצן געלעכצט נאָך הייליקן לעבנס־דינסט, שלום צו מאַכן מיט זיין פּאָעטישן באַרוף. ווייל אַ פּאָעט, האָט ער זיך געקאָנט באַהעפטן מיט די יסורים פון אַ פאָלק, וואָס לעבט און שטאַרבט אונ־טערן האַק, — און מאַכט דורכן ליד דעם פאָלקס יסורים פאַר זיינע אייגענע; און ווייל אַ פּאָעט, האָט ער זיך געקאָנט באַהעפטן מיט דעם פאָלקס לעגענדע פון דערלייזונג — און שיקן צו אים דורך ליד די בשורה פון טרייסט און פרייד. און ווייל אַ פּאָעט, אין שטענדיקן פּראָטעסט קעגן דער מלוכה פון שונד, וואָס האַלט זיך מיט דעם כוח פון גרינהאָרן־אַלרייטניק, קאָן ער זיך איצט דערהויבן צו דער מדרגה פון גרינהאָרן־מענטש־וועלט־בירגער, און אָנלאָדן זיין ליד מיט דער קאָנקרעטער שליחות פון דער לייזונג צום מענטש־האָרעפּאַשניק פון אַלע לענדער און פון לאַנד אַמעריקע.

קאָנען מיר זיך איצט מיט מער פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל זיך אַריינ־לייענען אין דעם ליד, וואָס קומט גלייך נאָך דעם ראָזנפעלד־ליד. דאָרט, אויף זייער אינדזל, אין זייער אייגענער מדינה, האָבן די „יונגע״ זיך געהאָדעוועט און זענען געוואָקסן און אויסגעוואָקסן פּאָעטן צו אַלע לייטישע פּאָעטן גלייך — און זיי האָבן שוין גענומען וואָגן אַריבערשפּרייזן די גרענעצן פון זייער באָס־טישער מדינה — אין דער געדיכטעניש פון לעבן אַרייַן, — לייוויק מער פון אַלעמען:

„און יענע טעג, ווי בייז זיי זענען ניט געווען און ביטער,
זענען געווען ווי הויוון, וואָס מאַכט אויפגיין טייג;
עס זענען געוואָקסן מויערן און זענען געוואָקסן גיטער,
און נאָך מער — אַ פּייער אַזאַ אין אונדזער אויג.

ניו־יאָרק האָט אונדז אַריינגעכאַפּט אין טויזנט קלאַמער,
אָבער ס׳פייער פון אונדזער אויג האָט עס אַלץ באַצינט;
אונטער די שטעך פון נאָדל, אונטער די קלעפּ פון האַמער,
האָט זיך איבער אונדז אַ ליכטיקייט, ווי אַ געוועב, געשפּינט״.

איינבירגערנדיק זיך אין דעם לאַנד פון פּאָעט, האָט לייוויק, ווי מיר זעען,

גלייכצייטיק זיך איינגעבירגערט אין דעם לאַנד פון שאָפּ און נאָדל, און ווייל אַ פּאָעט, האָט ער אונטער די שטעך פון נאָדל און קלעפּ פון האַמער נישט אָנגע־וואָרן זיין פּריווילעגירטן בירגערטום, זיין גרטום, זיין זייטיקייט, אָפּגעשיידטקייט, דערהויבנקייט. דאָס איז דאָס פייערל אין זיין אויג, דאָס איז די ציכטיקייט, וואָס לאָזט אים אַריבערקוקן איבער די קעפּ פון יענע בירגער פון לאַנד, וואָס זענען צוגעקלעפּט געוואָרן צו דער ערד. ווייל ער איז אַ פּאָעט מיט דעם באַוווסטזיין, אַז ער שרייבט פאַר די דורות, פאַר דער וועלט, איז ער בכוח מקיים צו זיין זיין העכערן באַרוף פון גרינהאָרן — איבער־בירגער. און דאָ, נאַטירלעך, קומט נאָך אַמאָל אַ דאַנק־ווענדונג צו זיין זי־סימבאָל, ווייל ווער נאָך אַזוי ווי אָט־דער סימבאָל האָט אים געגעבן צו פילן די טייערקייט, די הייליקייט פון זיין פּאָע־טישן באַרוף? ווער נאָך האָט אַזויפיל בייגעטראָגן צו דער שטאַרקונג פון דעם פּאָעט אין אים?

פון דעם סימבאָל, באַקומט ער עס דאָס העכערע באַוווסטזיין מיט דער זיכערקייט, אַז „אונטער דער ליבשאַפט און וואַרעמקייט פון אירע הענט" וועלן זיינע ווערטער זיך „צעוואַקסן און פונאַנדערבליִען ווי אַ גאָרטן", וואָס אָט די זיכערקייט גיט אים מוט און טרייסט „צו נעמען אויף זיך אַ גורל, וואָס נאָר דו אַליין ווייסט" —

„און דורכן גורל זאָל איך זיך קענען דערהויבן
צו אַוועקלייגן זיך צו דער וועלטס פיס,
און אַלע זאָלן זען, און אַלע זאָלן גלויבן,
אַז האַס איז ליבשאַפט, און סם איז זיס..."

און דאָ קומט די סטראָפע, וואָס איך האָב זי שוין איינמאָל געבראַכט, און איך ברענג זי מיט פאַרגעניגן נאָך אַמאָל:

„און טויט איז לעבן, און ערד איז פייער,
און לייב איז כוואַליעדיק, און שטראָמט ווי ליכט,
ווייל אַלץ וואָס אָף דער וועלט וויל געליבט זיין און טייער,
ווייל אַלץ וואָס אָף דער וועלט וויל זיין געקושט, ווי אַ געזיכט".

דאָס זענען שורות, וואָס זענען ווערט געקושט צו ווערן; און דאָס זענען שורות, וואָס זענען איבערגעזונגען מיט אַזאַ ווייכער, לאַשטשענדיקער האַרצי־קער ריטמישקייט...

ב. ריווקין

**
*

האָבן מיר ביז אַהער געהאַט אַ קימאַ־לן פון זעקס סך־הכל־לידער. קומען נאָך פינף סך־הכל־לידער. לידער פון פנים־אל־פנים מיט דער ווירקלעכקייט.

דער „גרינהאָרן" גייט פאַר לייוויקן איינגעמען דאָס לאַנד אַמעריקע. האָט ער דאָך אייגנטלעך דעם „גרינהאָרן"־סימבאָל נאָך נישט אויפגעבויט. ער האָט אונדז נישט געגעבן די אויבער־געשטאַלט פון „גרינהאָרן" אין זעלביקן זין, ווי ער האָט אונדז געגעבן די משיח־געשטאַלט, אָדער די זי־געשטאַלט. דעם איינציקן גרינהאָרן מיט אויבער־באַוווסטזיך, וואָס מיר קענען, איז דער פּאָעט לייוויק אַליין. הייסט עס, אַז לייוויק דאַרף אונדז ווייזן, ווי אַזוי ער, אין זיין גרויס־גרינהאָרן ־ פונקציע, גייט אָנקוקן דעם קאָנקרעטן דערלייזונגס ־ באַדערפטיקן מענטשן, פנים־אל־פנים, אָן שום פאַרמיטלערשאַפט.

צוערשט צוויי לידער וועגן שאַפּ, וואָס קינדער אין די אַרבעטער־שולן דאַרפן לערנען אויף אויסנווייניק: איין ליד וועגן דעם ריטם פון שאַפּ — ווי אַ צושפּיל צום מאַשינען־טאַנץ אין לייוויקס דראַמע מיט דעמזעלביקן נאָמען „שאַפּ". אויג און האַרץ. — דאָס אויג אַזוי גרויס ווי דאָס האַרץ — זעען דאָ בשותּפות.

„שטערנס פאַלן צו צו שטאָלענע קאַנטן,
שוואַרצאַפּלען פאַרקריכן אונטערן ברעם;
און הענט יאָגן הענט איבער זיידנס, געוואַנטן,
ביז לעצטן, ביז טעמפּן קלעם.

עס שליידערן זיך די פּרעסן אין פיבער,
און שערן ווײַנען אין אַנגסט־געוויין,
און עס דוכט זיך, אַז זיי שניידן איבער
אין פאַרצווייפלונג דעם האַלדז זיך אַליין".

און אַ צווייט ליד וועגן אַרבעטער־אחדות און אחריות, ווו האַרץ איז מער ווי דאָס אויג:

„אַ זין פון ערבות פאַר ווערטער און טאַטן,
אחריות פאַר יעדן קער און ווענד;
און זאָל איינער ווו די אחריות פאַרראַטן —
וועט דער צווייטער ערגעץ פאַרברעכן די הענט".

און אַ ליד, ווי גייענדיק אָוונט־צייט פון שאַפּ, לאָזט ער זיך אין גייעג נאָך דעם סוד פון ניו־יאָרקס שיינקייט, און געפינט דעם סוד ניט אין די מויערן, וואָס

פאַררייסן זיך צום הימל, נאָר אין די קעלערן, ווו עס וויינט די נויט, פון וועל־כער, ער, דער פּאָעט, לאָזט זיך האַלדזן און קושן —

„איך לאָז זיך האַלדזן, איך שטעל זיך ניט קעגן,
אַזאַ ליכט איבער אַלץ גייט אויף,
און מיט קושן, ווי מיט אַ זודיקן רעגן,
דעק איך צו דעם פאַרציטערטן גוף".

עס ציט אים ווי אַ כישוף אין די קעלערן אַריין; דאָרט קומט ער אויסחלומען דאָס וואָס ער איז; דאָרט אַלץ וואָס ער זעט דערמאָנט אים „אָן דער ריינקייט פון זיינע קינדערשע טעג" — „אָן דער גבורה פון זאַכן און געבעט" — אָן זיין „יינגלישדיקן טרוים וועגן פּאָעט".

ער זוכט די צונויפפּאָרונג פון זיין פּאָעטישן שיינקייט־באַרוף מיט דער נויט, וואָס דאָס איז לעבנס־אמת. — געפינט ער עס? באַלד, דאַכט זיך, וועט ער עס געפינען, אין צווייטן ליד — אין דעם נעגער־ליד, וואָס קומט נאָכן נויטליד, וואָס נישט נאָר קינדער אין די שולן, נאָר גרויס און קליין דאַרפן לערנען אויף אויסנווייניק.

„ליפּן נעגערשע, — וויפיל צערן
עס הענגען פון זיי אַרונטער ווי די זעק,
און וויפיל געדולד הינטער זיך זיי פאַרשפּאַרן
יעדעס מאָל, ווי די צונג גיט זיי אַ לעק.

עס נעמט מיך דורך אַלעמאָל אַזאַ קלעמונג, —
ווען איך זע נעגערס טוען מיט די ווייסלען אַ דריי;
און עס דוכט זיך מיר, אַז מיין יעדע באַנעמונג
שטעכט זיי דורך ביז בלוט, טוט זיי וויי;

כאָטש ניט איך, ניט מיין טאַטע, ניט מיין זיידע
האָבן אין זייער פאַרשקלאַפונג געהאַט אַ האַנט;
פונדעסטוועגן קומט אויס, אַז איך בין זיך מודה
אין אַ שולד, וואָס צו זיי איז עס גאָרניט באַקאַנט.

די אחריות־שולד פאַר פעלקער־שיקזאַלן,
און זיי ווען אונדז האָבן זיך אַפילו ניט פאַרקלערט:
כאָטש אויך מיר האָבן זיך געוואַלגערט אין די שטאַלן —
פון די שטאַרקע, פון די רייכע פון דער ערד.

ס'איז אָבער דאָ עפּעס אין זיי אַזאַ טרויער,
וואָס גיט אַ בליץ, ווי אַ חלפדיקער שווערד,
און עס ווילט זיך אויפכאַפּן דעם בליץ אין זיין דויער —
ער זאָל אַ לייכט טאָן איבער אַמעריקעס ערד״.

די נעגערשע פּערזן זענען אפשר די בעסטע אין דער גאַנצער פּאָעמע — די איינדרוקספולסטע — די איינגעפּרעסטע — איינפאַך אין וואָרט, צענפאַך אין אינהאַלט.

און דאָ איז אויך צום ערשטן מאָל אַ פּאַרזוך אויף אַ צונויפשלוס פון זיין העכערער ביּרגערשאַפט, פון זיין אַ בירגער אין אַמעריקע מיט זיין אויבער־באַרוף אַלס פּאָעט. דורך דער נעגער־נויט, דורך דעם נעגער־שוידער איז דאָס געשען:

„און עס ווילט זיך אויפכאַפּן דעם בליץ אין זיין דויער —
עס זאָל אַ לייכט טון איבער אַמעריקעס ערד״.

און דער זכות פון דעם נעגער זאָל אויך אונדז ייִדן ביישטיין! אָדער אפשר דאַרף מען זאָגן פאַרקערט: דער זכות פון דעם ייִדן זאָל אויך דעם נעגער ביי־שטיין? מיר טראָגן די אחריות־שולד פאַר פעלקער־שיקזאַלן, מיר האָבן זיך געוואַלגערט אין די שטאַלן — זיי, די נעגערס, טראַכטן וועגן אונדז אַפילו גאָר נישט, און מיר וועגן זיי — יאָ...

נאָך דעם נעגער־ליד קומט אַ ייִדיש ליד. לייוויק וויל אויך אויפזאַמלען דעם ייִדישן שוידער, צוזאַמענרעכענען די ייִדישע שטעט אין אַלע קליידער, און די אַלע נאָדלען וואָס האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין ייִדישן פליייש —

„און אונטערציען אַן אָפענע, אַ קלאָרע שורה —
די ביכער זענען אָפן, קום, רעכענער, קום.
אַמעריקע, איך גיב דיר ניט אַן אין יחוס
ניט רייכקייט און ניט שווונג פון פּופּציק שטאָק,
עס לעבט נאָך אַלץ אין אונדז פריש די הייליקע שליחות
אין אַ זאַטער וועלט זיין דער אומרו־גלאָק״.

אמת איז דאָס, אָבער נישט נאָר ביי די נאָדלען און ביים חשבון פון שטעט האָט לייוויק זיך אָנגענומען מיט דער ייִדישער שליחות צו זיין דער אומרו־גלאָק.

דער פאַקט איז, אַז די נעגערשע פּערזן זענען געשריבן אַן דער דירעקטער

הילף פון זי־סימבאָל־אַפּאַראַט. זיי זענען אָן אַ שיעור געלונגען. ווען מען אָבער זאָגט, אַז די אַרבעט פון גרינהאָרן־סימבאָל איז דאָ אויך נישט קענטיק — ווו איז זי די גרויס־געשטאַלט פון אייביקן גרינהאָרן, אויבער־מענטש, וועלט־ביר־גער? זי איז דאָ אין פּאָעט אַלס אַ זעונג, — אויף וויפיל דער פּאָעט גופא טראָגט אין זיך דעם וועלט־בירגער באַוווסטזיין — אין וועלט־בירגער איז דאָך די קאָנקרעטיזירטע משיח־זעונג... לייוויק וואָלט גאָרנישט נישט אַנטדעקט אין נע־גערשן פּנים, ווען נישט די מיטבאַגלייטנדיקע, פאַרשוועבנדיקע זעונג.

„ליפּן נעגערשע — וויפיל צערן עס הענגען פון זיי אַרונטער" — „עס נעמט מיך דורך אַלעמאָל אַזאַ קלעמונג, ווען איך זע נעגערס טוען מיט די ווייסלען אַ דריי" — „עס איז דאָ עפּעס אין זיי אַזאַ טרויער, וואָס גיט אַ בליץ ווי אַ חלפדיקער שווערד" — דאָס אַלץ קאָן נישט דערזען און דערפילט ווערן אָן אַ זעונג.

די סיבירער לידער ווערן כסדר איבערגעריסן דורך זעונגען פון צוויי־גע־שטאַלטיקן און פון זילבערנעם לאַנד. „אין קיינעמס־לאַנד" איז הוילע זעונג, איין שטיק געדיכטע משיח־זעונג, וועלכע האָט ערשט מעגלעך געמאַכט, אַז לייוויק זאָל קאָנקרעטיזירן פאַר זיך אין פיינלעכסטער פערזענלעכער איבערלעבונג דעם גרויל פון די שחיטות. ער האָט נישט געזוכט איינצלנע קאָנקרעטיזאַציעס; נאָר מיטבאַטייליקט־זיין אין דעם גרויל האָט ער געוואָלט.

די נעגערשע פּערזון זענען דער ביזאַהעריקער ענד־רעזולטאַט פון לייוויקס פאַרזאַכלעכן זיך אויף אַלע זיינע פריערדיקע שטייגערס; אַזויפיל אַריינזען אין אַ פּנים, וואָס איז דאָס אייגן פּנים, קאָן מען נאָר, ווען מען האָט דורכגעמאַכט די אַלע זעונג־גראַדן, וואָס לייוויק האָט דורכגעמאַכט.

**
*

וואָס איז דער נעטער איינקונפט פון דער פּאָעמע? פריער פון אַלץ די רייכ־קייט פון לייוויקס אַלטעגלעכן טיש, אַפילו ווען ער קאָנצענטרירט זיך נישט אויף ספּעציעלע מאָלצייטן — אויף לידער.

די פּערזן, וואָס איך האָב אַרויסגעריסן פון טעקסט, זענען זיין טאָג־שפּייז, ווי לידער ווייזן זיי, ווי ווייט לייוויק האָט דערגרייכט אין פאָראויסערלעכן זיך,

אין פאַרזאַכלעכן זיך — דורך דער שיינקייט פון פאָרם. אָבער לייוויק איז נאָך אַלץ אין זיך זעערישן אינהאַלט.

נאָך זיין ערשטער סך־הכל־פּאָעמע האָט לייוויק אָנגעשריבן די צווייטע פּאָעמע, וואָס רעווידירט און קאָרעגירט די ערשטע: „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד" — וועלכע איז דורכויס נשמה־געשיכטע און לויטער זעונג. עדות־זאָגנדיק, אַז לייוויק, צו זיך אַליין געווענדט, איז נאָך עד־היום אין פולן באַזיץ פון זיין זעערישן כוח.

קאַפּיטל פינף

„וואָלקנס אַהינטערן וואַלד״

די „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד״, מיט וועלכער עס שליסט זיך דאָס בוך „לידער״ פון 1932, איז פּונקט ווי „אַ בריוו פון אַמעריקע צו אַ וויטן פריינט״, אויטאָביאָגראַפיש; עס איז לייוויקס לעבנס־געשיכטע. פּונקט ווי אין „בריוו״, מאַכט לייוויק אַ רעוויזיע פון זיין אַנגעלעבטן פאַרמעגן און פירט אונטער אַ סך־הכל, — מיט דער נפקא־מינה, וואָס בעת דער „בריוו״ גיט אויסערלעכע לעבנס־געשיכטע, גיבן די „וואָלקנס״ דיזעלביקע לעבנס־געשיכטע פון אינעווייניק. עס איז נשמה־געשיכטע. דעם פאָעטס חשבון־הנפש. און ווייל אַזוי, איז לייוויקן לייכט געווען אַריינצופאַלן אין פּאָעטישן פּסיכאָאַנאַליז. לייוויק דערקלערט זיך צו זיך אַליין, און דערקלערנדיק זיך, לייטערט ער זיך ווי ער וואָלט זיך פאַרגעשריבן אַ נייע נשמה־דיעטע, און אין תוך־כדי־דיבור פאָלגט ער אויס זיינע אייגענע פאַרשריפטן. מסתמא איז עס אים אומגערן אַזוי געשען.

איך האַלט דעריבער, אַז די פּאָעמע איז אויסגעצייכנטער שטודיר־שטאָף פאַר פּסיכאָאַנאַליטיקער. — וואָס וואָלטן זיי געוווּנען דערפון און וואָס מיר פון זיי? פּאָעזיע איז, דאַכט זיך, נישט קיין חולאת, וואָס פאָדערט דאָקטאָרישע באַהאַנדלונג. איז כדי צו פאַרלויפן דעם וועג מעגלעכע מיספאַרשטענדענישן, דאַרף מען דאָס דערקלערן.

די פּסיכאָאַנאַליטיקער, וועלכע פירן זייער יחוס פון געניאַלן פּסיכיאַטאָר זיגמונד פרויד פון ווין, האַלטן, ווי באַוווּסט, אַז געוויסע נערוואָזיטעטן וואָרצלען אין פאַרגליווערטע, נישט־געלייטערטע, נישט־אויסגעלעבטע איבערלעבענישן פון דער קינדהייט — וואָס זיי, די פּסיכאָאַנאַליטיקער, רופן קאָמפּלעקסן. און זיי

האַלטן, אַז אַט די קאַמפּלעקסן קאָן מען דעם חולה אַרויסרעדן מיט קונציקע רייד — און דער חולה איז געהיילט.

און אַט די קאָמפּלעקסן זענען, לויט זייער מיינונג, איינגעטונקט אין געדיכטער געשלעכטלעכקייט. אין דער פּראַקטיק איז אַלעמאָל דאָ „זי״ דערביי, ווען דער פּאַציענט איז אַן „ער״. און עס איז אַלעמאָל דאָ אַן „ער״ דערביי, ווען אַ „זי״ איז די פּאַציענטין.

און דער צוגאַנג פון די פּסיכאָאַנאַליטיקער איז — צו לאָזן דעם פּאַציענט, פריִער פון אַלץ, אויסדערציילן זיינע חלומות, ווייל דאָס איז געווען פרוידס הויפּט־אַנטדעקונג, אַז חלומות זענען די שפּראַך — די סימבאָלישע שפּראַך — פון אונטערבאַוווסטזיין, דורך וועלכער ער לאָזט וויסן וואָס אים דריקט און שטיקט; אַז דורך די חלומות שמועסן זיך דורך די „קאָמפּלעקסן״ — די פאַרהאַרטעוועטע שטיקער קינדהייט, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין מענטשנס אונטערבאַוווסטזיין.

האָבנדיק אויסגעהערט די חלומות פון פּאַציענט, קאָן דער פּסיכאָאַנאַליטיקער שטעלן דעם דיאַגנאָז — ד. ה. אָנטאַפּן די קראַנקייט; פון וואַנען זי נעמט זיך און וואָס זי באַטייט. דערנאָך איז דעם פּסיכאָאַנאַליטיקערס אויפגאַבע אַזוי גוט פּותר־חלום צו זיין דעם קראַנקן, ער זאָל דערפון געזונט און שטאַרק ווערן.

מסכים מיט דער טעאָריע, אָדער בלויז האַלב מסכים, די מעטאָדע אַרבעט: פּאַציענטן ווערן געהיילט; געליימטע אברים נעמען זיך באַוועגן — און דאָס איז די בעסטע באַשטעטיקונג אויב נישט אויף דער טעאָריע, אָבער אויף דער מעטאָדע זיכער.

פיר איך דאָס אַלץ דערצו, אַז זיגמונד פרויד האָט אויסגעפונען אַ גרויסע קרובהשאַפט צווישן חלומות און פּאָעזיע און דאָס חלומען אויפן וואָר פון דעם פּאָעט; דורך דער פּאָעזיע, ווי דורך דעם חלום פון פּשוטן נישט־פּאָעטישן מענטשן, דערציילט דאָס אונטערבאַוווסטזיין אויף דער שפּראַך פון צייכנס און סימבאָלן די מעשה פון דער קינדהייט, וואָס האָט זיך געירשנט אין דעם פּסיכישן לעבן פון דערוואַקסענעם.

אויף דעם ווונק פון רבין, האָבן די תלמידים פון זיגמונד פרויד זיך געלאָזט פּסיכאָאַנאַליזירן די ליטעראַטור. זיי האָבן פּסיכאָאַנאַליזירט האַמלעטן — שעקספּירס העלד מיטן קראַנקן ווילן, וועלכער, אַלעמאָל ווען ער דאַרף האַנדלען, נעמט ער פילאָזאָפירן אויף ביידע זייטן פון וואָגשאָל. און אַזוי אָרום בלייבט ער אַ נישט־געהאַנדלטער. און אַ תלמיד פון פרוידן, פּראָפעסאָר יונג פון ציריך, האָט

אַ גאַנצן בוך אָנגעשריבן אויף אַ פּאָעמע פון אַן אומבאַקאַנטער אַמעריקאַנער פּאָעטעסע. די כוונה פון בוך איז אַרויסצוברענגען די ענלעכקייט אין די מיטלען און די מעטאָדן פון חלום און פּאָעזיע, וואָס אויף דעם סמך שטעלט דער פּראָפעסאָר אויף אַן אייגענע פּסיכאָאַנאַליטישע טעאָריע.

***

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס אַלץ צו לייוויקס פּאָעמע „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד"? לייוויק איז חלילה נישט קראַנק אויף קיינע פון די קראַנקייטן, אויף וועלכע די פּסיכאָאַנאַליטיקער האָבן זייער פּאַטענט. און ווידער איז מיר נישט באַקאַנט, צי אין דער פּראַקטיק פון וועלכן עס איז פּסיכאָאַנאַליסט האָט אַ פּאַציענט, וועלכער איז צופעליק אויך געווען אַ פּאָעט, פאַרגעלייענט זיינע לידער אנשטאָט צו געבן זיינע חלומות. און אויב מען קאָן נאָך אפשר אויפן סמך פון ליד שטעלן דעם דיאַגנאָז פון אַ קראַנקייט, איז אָבער צו היילן אים מיט לידער דאַרף מען אַליין אַ פּאָעט זיין.

וואָס איך וויל נאָר זאָגן איז, אַז ווי ווייט איך האָב מיך אַריינגעלייענט אין דער פּסיכאָאַנאַליטישער ליטעראַטור, קומט מיט פּאָר, אַז די פּאָעמע „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד" ליפערט דאַנקבאַרן שטאָף אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער. לייוויק איז, חלילה, נישט קראַנק אין דאָקטאָרישן זין פון וואָרט; ער מאַכט נאָר דורך איינעם פון די געוויינלעכע פּאָעטישע קריזיסן. — עס איז אַ נייער „איבערגאַנג" ביי אים. האָב איך צו מיין איבערראַשונג אַנטדעקט, אַז לייוויק אַלס פּאָעט באַהאַנדלט זיך אַליין פּסיכאָאַנאַליטיש. ווי ער וואָלט אַליין, חוץ פּאָעט, אויך פּסיכאָאַנאַליטיקער געווען, וואָס ציט פון זיך חלומות און איז זיך אַליין פּותר־חלום. קראַנק אויף אַ פּאָעטישן „איבערגאַנג", שרייבט לייוויק אַ פּאָעמע, ווו ער „דאָקטאָרט" זיך אַליין לויט אַלע כללים פון דער פּסיכאָאַנאַליטישער וויסנשאַפט; צוערשט שטעלט ער זיך דעם דיאַגנאָז, — טאַפּט אָן די וואָרצלען פון די „קאָמפּלעקסן" — וואָס קלאַמערן זיך אָן אים זייט זיינע קינדער יאָרן — דערנאָך לייטערט ער זיי, די קאָמפּלעקסן זיינע — אויף דעם לשון פון די פּסיכאָאַנאַליטיקער, ער „סובלימירט" זיי — ביז ער ווערט געהיילט פון זיי. די פּאָעמע איז ווי אַ רפואה, וואָס לייוויק האָט זיך אַליין פאַרגעשריבן, לייוויק היילט זיך דורך לייוויקן.

ב. ריווקין

**
*

די פּאָעמע איז אויסגעשפּרייט אויף ניין פול־געפּאַקטע זייטלעך; זי לויפט ווי אײן ליד: אומאונטערבראָכן. אָבער פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון לייענער, צו פאַרלייכטערן דעם איבערבליק, וועל איך די פּאָעמע איינטיילן אין דרייצן לידער. (מיט דער ערשטער פּאָעמע האָט זיך דאָס אויך געלאָזט טון) דרייצן לידער, וואָס די מיטלסטע זעקס — דאָס מיטלשטיק פון דער פּאָעמע — זענען געווידמעט דעם „קאַטאָרזשניק" אין לייוויקן — דעם נישט־פאַרגייענדיקן אָפּדרוק פון דער קאַטאָרגע איבערלעבונג אויף לייוויקס האַרץ — דאָס צענטראַלע געשעעניש אין לייוויקס פּסיכישער לעבנס־געשיכטע.

פאַר די יעניקע, וואָס האָבן מורא אַריינצוקוקן אין די אָנגעהיצטע מאַטער־קעמערלעך פון לייוויקס נשמה, זענען די ערשטע צוויי אַריינפירנדיקע לידער די „בעסטע" — די צוגענגלעכסטע; רויִקע און באַרויִקנדיקע, וואָס פאַרפּליכטן נישט די לייענער צו קיין מיטגעפיל־קרבן — איינפאַכע און אינטימע; אויפּריכ־טיק איידעלע; אין דעם טאָן פון מתוודה זיין זיך פאַר אַ פרוי; אין דעם אויס־געצויגענעם סטיל, באַרעכנט אויף צו פאַרוואַנדלען אויגנבליקלעכע עמפּינדונ־גען אין דויערנדיקע פאַקטן.

און הגם אין ווייטערדיקן לויף פון דער פּאָעמע, איז דער ווידוי נאָך אַלץ פאַר דער פרוי, אָבער פון די שורות הערט זיך דער פייערלעכער קול פון אַ צעבראָכן האַרץ, וואָס פאַרוואַנדלט די אינטימיטעט אין תמימותדיקייט, ווי אַ השתפכות־הנפש פאַר גאָט. עס איז ערב יום־כיפּוריקע תפילה, ווו דער מענטש העלפט דעם אויבערשטן מאַכן הכנות צום יום־הדין. אָדער קאָלך־אויוון־ניגון פון דער עבודה, וואָס מאַכט ציטערן אַלע באַשעפענישן. אָדער די איינגעבויגענע, אַראָפּנידערנדיקע פאַרשמאַכטע טענער פון נעילה, וואָס לויפן אַוועק מיט די גאָלדיקע רויט־צעצונדענע שטראַלן פון דער אונטערגייענדער זון, וועלכע איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען פאַר אַן עדות פאַר דער פמליה־של־מעלה.

און די לייענער, וועלכע כאַפּן זיך אַריין און ווערן אָנגעשטעקט מיט דער שטימונג פון „וואַלקנס אַהינטערן וואַלד" קומען אַרויס מיט דעם איינדרוק פון אַ גראַנדיעזער דערפאַרונג, אין קאָנטראַסט צו דעם געפיל פון דערלייכטערונג און באַפרייונג, וואָס זיי טראָגן אַרויס פון דער פּאָעמע „אַ בריוו פון אַמעריקע" מיט איר געמיטלעכן טאָן פון אָפּגעפרישטע געשיכטלעכע זכרונות.

דאָס ערשטע ליד פון „וואָלקנס“ מאַכט פיר באַזונדערע פאַרזוכן אויף אָנ־צוהויבן די פּאָעמע. נאַטירלעך, איז דער ערשטער פאַרזוך „זי“.

„אַזאַ טאָג אין מיין לעבן היינט, — אַ טאָג אַן אַרומגערינגלטער מיט ליבשאַפט
און מתנות:
איז יעדער ראַג אַ האָפענונג, און אויף יעדן שוועל הויערט דיין שיינקייט:
איז מיר גוט צו קוקן אויף מענטשן און אין יעדן איינעם זען דיין אָנבליק“.

מיר ווייסן דאָס שוין פון די לידער; אָבער עס מאַכט נישט; אין אַ בריוו צו איר מעג ער עס נאָך אַמאָל זאָגן. און ווידער איז קלאָר, אַז דאָ אין דער ווידוי־פּאָעמע קאָן ער זיך נישט באַנוגענען בלויז מיטן באַריר פון אירע ליכטיקע פינ־גער, ווי אין דעם אַריינפיר־ליד צו דער ערשטער אויסערלעך־אויטאָביאָגראַפּי־שער פּאָעמע; דאָ וועט ער דאַרפן איר גאַנצע געשטאַלט פאַר אינערלעכער באַ־לייכטונג; דאַרף ער זי ברייטער און טיפער פאַנאַנדערזינגען.

דער צווייטער פאַרזוך אָנצוהייבן די פּאָעמע איז דער געדאַנק, אַז אַפילו צו גאָט שרייבט מען אַמאָל פּראָסטע בריוולעך —

„בפרט נאָך צו דיר, וואָס דו קומסט מיר אַנטקעגן אויף וועגן געחלומטע. —
זאָלן עס לייענען מענטשן...
און זאָלן זיי ביט זאָגן, אַז זיי קענען שוין מיין וועג און מיינע רייד פון פריער“

דער דריטער פאַרזוך איז, אַז ווען ער שטעלט זיך פאָר אַ מענטש, אַ נאָענטן, שטייט ער פאַר אים ווי אַ לעבעדיקער, אַזוי אַז ווען דער מענטש „גייט אַוועק“, קוקט ער אים לאַנג נאָך „אַוועקגייענדיק“...

וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנצוהערעניש? וועמער קלייבט זיך דאָס „אַוועקצוגיין“? — שוין־זשע טאַקע צעשיידט ער זיך שוין אויף אַלע מאָל מיט זיין זי־געַ־שטאַלט?

דער פערטער פאַרזוך איז: — אַז דאָס שפּיל פון וואָרט איז פאַר אים נאָך מאָדנער ווי דאָס שפּיל פון מענטשלעכע אויגן און ליפּן; אַז ווען עס ליגט פאַר אים אַ ווייס בויגנדל פּאַפּיר, ווי איצט, פילט ער, ווי ער וואָלט געדאַרפט מאַכן אַ נייעם אָנהייב אין זיך מיטן ערשטן אות —

„ס'האַרץ פון וואָרט צעשנייד איך אויף מיליאָנען חלקים, איך וויל זיין אַ פזרן.
פאַרזייען אין לאַנגע, לאַנגע רייען פאַר ווינט און פאַר זון און פאַר מענטש“.

ב. ריווקין

די אַלע פיר פאַרזוכן צוזאַמען: „זי״, איר אַנבליק, איר געשטאַלט, איר שיינקייט, זי שטייט פאַר אים אַ לעבעדיקע, אַ גאַר־פּראָסט בריוול פאַר מענטשן צו לייענען; אַ פאַרגעפּיל, אַז עמיצער „גייט אַוועק״; זיין האַרץ, דאָס האַרץ פון זיין וואָרט, אויף מיליאָנען חלקים צעשניטן, פאַר ווינט, זון און מענטשן צו פאַרזייען — און דער אָנהייב איז געמאַכט, און לייוויק איז פאַרטיק פאַר דעם צווייטן ליד, וואָס הייבט זיך אָן, ווו דאָס ערשטע האָט זיך פאַרענדיקט:

„...מיר טראָגן אונדזער געלייטערטע פיין צו אַ נידערלייגן צו די פיס פון מענטשן,
ווי אַמאָל פלעגט מען ברענגען דאָס עלטסטע קינד צום מזבח פון געטער,
און אַליין בלייבן מיר איבער אין דערוואַרטונג, אין באַנומענעם ציטער,
צי אונדזער געבראַכטע מתנה וועט געפינען חן אין די אויגן פון אַלע״.

דער לייט־מאָטיוו צו דער פּאָעמע איז אָנגעשלאָגן: אָפּפערונג!

אין וואָס באַשטייט די אָפּפערונג? נישט אויף אַמאָל זאָגט ער עס. עס איז נישט לייכט. דאָ איז אַ דין־דינער פלאָנטער. הייבט ער אָן פאַרזיכטיק צוצוגיין, — אַב־סעלע פון דער ווייט:

אין רויטן אָוונט־שיין זעט ער זי שטיין איבער אים, בייגן זיך און נייגן זיך צו אים. רירט ער זיך צו איר פּנים — און אַלע דריי: זי, ער און דער אָוונט־שיין — ווערן איינס, און עס שמעקט פון זיי דריי מיט איין ריח, און עס הילכט פון זיי מיט איין קלונג — מיט יום־טוב־ריח און מיט יום־טוב־קלונג;

„אין די שליפן קלינגט מיר אַ גלאָק פון אַ וועלט ווו מען פּראַוועט יום־טוב,
יום־טוב פון זאַלץ, פון וואַסער, פון ליכט, פון לייב און אויך פון טויט״.

אָפּפערונג, אויפאָפּפערונג, זעלבסט־אויפאָפּפערונג — טויט! ליכט, לייב און טויט! — און יום־טוב זאָל עס זיין!

ווי קומט אַהער טויט? און וואָס איז דאָס פאַר אַ יום־טוב אַרום טויט?

דאַרף איך זיך דאָ געבן אַ וואָרענונג, אַלע די וואָס האָבן מורא פאַר לייוויקס מאַטער־זעונגען, זאָלן אַזוי גוט זיין אַוועקגיין. אַזוי ווי איך האָב קיין מורא נישט, איז דאָס דריטע ליד פון מיינעטוועגן...

ניין, איך האָב געמאַכט אַ טעות. איך האָב זיי נאָר אומזיסט איבערגעשראָקן. זיי מעגן בלייבן, עס איז נישט קיין טויט־מאַטער־זעונג. עס איז גאָר שיין אָנצו־קוקן.

„די מינוטן פון איבערגאַנג צווישן טאָג און נאַכט זענען פול מיט וווּנדער,
און עס איז נישט פאַר דעם כוח פון איינעם דאָס גליק פון וווּנדער צו טראָגן;

אַ גלוביקער פֿאַלט אַף די קני, שפּרייט אויס זיינע הענט און טוט תּפֿילה.
און אַזאַ בין איך איצט — אַ גלוביקער, איך זאָג נאָר איין וואָרט — דיין נאָמען".

עס איז נישט פֿאַר דעם כּח פֿון איינעם צו טראָגן, — גאָט דאַרף אים העלפֿן, אָבער ער רופֿט נישט גאָט, — איר נאָמען שטייט אָנשטאָט גאָטס. און ער זאָגט נאָך מער: אַז זי וועט אים אַמאָל געפֿינען אַ טויטן — אויסגעגאַנגען פֿאַר גליק פֿון דעם וווּנדער — זאָל זי אים ברענגען צו איר שוועל —

„און דערנאָך זאָג איך נאָך מער, איך זאָג:
— איך וואָלט נישט וועלן פֿאַרמיידן ס'מזל
פֿון יענע וואָס זענען מיט געזאַנג געגאַנגען צום שייטער,
און פֿון יענע וואָס האָבן אין עקסטאַז זיך אָפּגעגעבן צו דער תּליה.
דערנאָך זאָג איך מער. איך זאָג:
— די גאַנצע נאַטור איז פֿול היינט —
מיט געזאַנג פֿון אָוועקגעבן זיך. די זון גיט זיך אַוועק דעם אָוונט,
דער וואַלד גיט זיך אַוועק דער נאַכט, דער ווינט גיט זיך אַוועק דער לבֿנה,
און אַלע גיבן זיך אַוועק דער ערד, און די ערד איז וואַרעם און פֿול מיט חסד,
און פֿול מיט מוטער־זאָרג צו יעדן גרעזל, צו יעדן שטיינדל און וואָרצל".

און דאָ דאַרף ער זאָגן, און לאָמיר זיך אַוועקגעבן איינס דעם אַנדערן, ווי די זון דעם אָוונט, דער וואַלד דער נאַכט, דער ווינט דער לבֿנה — און ווי זיי אַלע גיבן זיך אַוועק דער ערדס מוטער־טראַכט. — דאַרף ער עס זאָגן, און ער דערזאָגט עס נישט.

אָפּפֿערונג, זעלבסט־אויפֿאָפּפֿערונג, קרבן. אָבער עס איז אַ צווייטיקער קרבן; עס איז אַוועקגעגעבן זיך אין אַ טאָפּלטן זין — אין געשלעכטלעכן זין אויך; אַן אַוועקגעבן זיך פֿאַר דעם תּענוג גענומען צו ווערן.

דערזאָגט ער עס נישט — ער זאָגט נאָר צום סוף:

„קום צו מיר, אָטעם איבער מיר און טו זיך ניט אָפּ פֿון מיר".

און באַנוגנט זיך דערמיט. פֿון איר פֿאַרלאַנגט ער נאָר: טו זיך נישט אָפּ פֿון מיר! איר נאָמען שטייט דאָך אָנשטאָט גאָטס.

זעען מיר דאָ ווירקלעך, אַז דער קרבן איז דאָ אַ צווייטיקער, ניין, נאָך מער: אַ דריידייטיקער: ערשטער קרבן, זיין גרייטקייט מקריבֿ צו זיין זיך בכלל, אַוועקצוגעבן זיך פֿאַר מענטשן.

צווייטער קרבן: זיין גרייטקייט מקריבֿ צו זיין דאָס אַוועקגעבן זיך פֿאַר

מענטשן — אַנשטאַט דעם אַוועקצוגעבן זיך איינס צום אַנדערן פאַר דעם תענוג געקומען צו ווערן איינס פון אַנדערן.

דריטער קרבן: ער איז מקריב דאָס אַוועקגעבן איינס צום אַנדערן פאַר תענוג — נאָר טו זיך נישט אָפּ פון מיר — אַ קרבן און אַ קרבן!

לאָמיר אָבער נישט פאַרזען, אַז אַט די גרייטקייט צום דרייפאַכן קרבן קומט גלייך נאָך גרייטקייט צום טויט, צו דער תליה:

„איך וואָלט ניט וועלן פאַרמיידן ס׳מזל
פון יענע, וואָס זענען מיט געזאַנג געגאַנגען צום שייטער,
און פון יענע וואָס האָבן אין עקסטאַז זיך אָפּגעגעבן צו דער תליה״.

מיינט עס, אַז דער עקסטאַז פון דעם קרבן וואָס ער ברענגט ביי אירע פיס איז גלייכוועדטיק פאַר אים צו דעם עקסטאַז פון גיין צו דער תליה —

אַט דאָ איז פּאַוואָלינקע אויפגעדעקט דער סוד פון דעם יום־טוב, וואָס ער שפּירט אַרום ליכט, ליבע און טויט.

דאָ קאָנען מיר אָפּמעסטן ווי ווייט ס׳איז זיין גרייטקייט צו טויט און תליה, און פאַר איינוועגס זיך שוין דערקלערן ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען פאַר אים צו פאַרבייטן איין עקסטאַז מיטן צווייטן.

ערשטנס זעען מיר, אַז ער גאַרט אַזוי נישט נאָך דער תליה, ווי נאָך דעם עקסטאַז פון אָפּגעבן זיך צו טויט און תליה; נישט אַזוי נאָכן טויט לעכצט ער, ווי נאָכן געזאַנג פאַרן טויט — נאָך דעם מוט פון די יעניקע וואָס זינגען גייענדיק צום טויט.

און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אַט די גרייטקייט צו תליה־טויט שטייט ביי אים אין ענגען צוזאַמענהאַנג מיט זיין גרייטקייט צו קרבן בכלל — מיט אַ תליה צי אָן אַ תליה — מיט דער אַלגעמיינער שטימונג, וואָס באַהערשט אים — אַוועקצוגעבן זיך פאַר אַ קרבן — דערפאַר טאַקע איז דער מוט, דער עקסטאַז־געזאַנג פון די צום טויט־גייער דער עיקר, — דאָס איז אַ באַשטעטיקונג אויף זייער קרבן־פעיִקייט.

אָבער, האָט ער געהאַט אַ רעכט צוצוגלייכן דעם עקסטאַז פון גרייטקייט צו תליה־טויט צום עקסטאַז פון אָפּזאָגן זיך פון תאווה־תענוג? — יאָ, ער האָט געהאַט אַזאַ רעכט! וואָרעם עס וועט זיין אַ טעות צו מיינען, אַז לייכט איז אים אָנגעקומען דאָס באַנוגענען זיך.

דאָס פערטע ליד וואָס פאָלגט גלייך נאָך דער „טו זיך נישט אָפּ פון מיר״,

איז אַ תאווה־ליד. די שרעקעוודיקע וואָס האָבן מורא דאַרפֿן אוודאי נישט אַוועק־גיין — עס איז אַ ליד פֿון זייערטוועגן.

אין דעם פֿרימאָרגן פֿון זעלביקן טאָג, וואָס זיין זון־אונטערגאַנג איז דער הינטערגרונט פֿון דער פּאָעמע, האָט ער גלייך נאָכן אויפֿשטיין זיך אָפּגעבאָדן אין קאַלטן וואַסער, און גייענדיק צוריק איבער דעם אויפֿגעבליטן פֿעלד, האָט ער באַגעגנט אַ יונגע שוואַנגעריקע פֿרוי, וועלכע האָט אים אָנגעקוקט מיט ליכטיקע אויגן, און האָט האַלב־געעפֿנט צו אים איר מויל, וואָס האָט געשמייכלט צו אים ווי אין דרימל.

איז אַ ציטער אים דורך איבערן לייב, און ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו איר, זי צו נעמען אונטער דער האַנט און פֿירן, — האָט די פֿרוי זיך דערשראָקן און איז אַנטלאָפֿן.

„אָ, פֿרוי, האָב איך נאָכגעשריען —
און פֿלוצלונג ביז איך געוואָרן אַנטשוויגן, פֿאַרשטומט אין פֿאַרשעמטקייט, —
פֿאַרשעמטקייט, וואָס קומט מיר דערמאָנען, אַז איך טאָר ניט פֿאַרגעסן
צו זיין וואַך איבער זיך ווי אַ שומר אַ שטרענגער, אַ קאַלטער, אַז ניט
וועל איך הערן איבער זיך דאָס געשריי פֿון מיין טאַטן דעם כעסן: ג—אַ—ר!
(דער טאַטע דער כעסן איז שוין טויט, אָבער זיין אויסגעשריי לעבט נאָך אין מיר)“

דאָס איז די קרייציקונג, וועגן וועלכערס עס רעדט זיך אין די לידער, דער פֿאַרבאָט, וואָס פֿאָדערט כסדרדיקע איבונג, און אָט דער פֿאַרבאָט, געהייליקט פֿון אירע פּוסטריט, שפּייזט זיין עקסטאַז, וואָס שפּייזט זיין גרייטקייט צו קרבן — זיין גרייטקייט אַוועקצוגעבן זיך צו תליה און טויט.

און זיין בקשה: „קום צו מיר, אָטעם איבער מיר און טו זיך נישט אָפּ פֿון מיר“ — עס איז אַ העראָישע בקשה; עס פֿאָדערט העלדן־מוט, עס פֿאָדערט אַ רעזערוו פֿון גבורה, דאָ קומט אים צו־הילף דער „קאַטאָרזשניק“, וואָס זיצט אין אים, און דאָ איז דער שפּאַז אַריבער פֿון „זי“ צו דער קאַטאָרגע — סיי אין זיין נשמה, סיי אין דער פּאָעמע:

„און איך זאָג און דערצייל דיר (דערלויב מיר דערציילן): דאָס לעבן האָט מיך געלערנט
זיין האַרט, פֿאַרשלאָסן און שווייגנדיק, און קוקן אין די אויגן פֿון סכנות
און נישט אַרויסווייזן קיין סימן פֿון מ:ירא — אַף דער נאַרע פֿון דער תפיסה...“

אַזוי הייבט זיך אָן דאָס מיטלשטיק פֿון דער פּאָעמע — דאָס ערשטע פֿון די זעקס קאַטאָרגע־לידער, אונטער דעם זעקס־מאָליקן רעפֿריין:

ב. ריווקין

„אָ, ווו ביסטו געווען דאַמאָלסט, דאַמאָלסט! פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען מיך זען דאָרט?"

איצט וועט פאַרשטענדלעך ווערן, פאַרוואָס די פּאָעמע הייבט זיך אָן מיט זון־אונטערגאַנג:

„די מינוטן פון איבערגאַנג צווישן טאָג און נאַכט פול מיט וווּנדער און מיט מזל"

זונאונטערגאַנג רופט אַוועקצולאָזן זיך אויף די לאַנגע אויסגעצויגענע שטראַלן און שאָטנס אין דערינערונגס־רייזעס אין דער טיף — ביז צום אונטער־גרונט פון דער נשמה — פונקט ווי דער ערב־פרילינג, דער אויסגאַנג־פּונקט פון דער ערשטער אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע, רופט צו דער דערינערונגס־רייזעס אין דער ברייט — אין רוים — דער שפּיל־רוים פון אויסערלעכע פּאַסירונגען און געשעענישן.

געלאַשטשעט אין דער פּרי פון די ליכטיקע בליקן פון אַ שוואַנגערער יונ־גער פרוי, און איצט דערוואַרעמט פון אַ שוואַנגערן זוניק־פאַררויטלטן אָוונט, אַנטפּלעקט אונדז לייוויק צום ערשטן מאָל, אַז דאָס הנאה־האָבן פון געפּייניקט זיין — זיין פּאָעטישער סאַדיזם — אַ כאַראַקטעריסטישער הויפּט־סימן פון לייוויקס פּאָעטישער אינספּיראַציע, וואָס שטאַמט פון זיינע קאַטאַרגע־יאָרן — איז נישט געווען בלויז אַ זעלבסטשוץ־מיטל צו אַנטלויפן פון פּיין; אַ פאַרגיין און פאַרטייען־זיך אין דער נשמה, כדי דער גוף זאָל נישט פילן די קלעפּ און די שמיץ —

„— אַף דער נאָרע פון דער תּפיסה
(אָ, איך מוז עס איצטער דערציילן!) פלעג איך ליגן און קוקן פאַרכישופט פאַרחלומט
אין שמייכלען צו דער וואַנט דער פאַרשעמטער און צו דער שלאַנגדיקער האַנט
פון וועכטער".

— אַט דאָס שמייכלען אונטער פּייניקונג; דאָס אַריינשמייכלען אין די שפּאַלטן פון וואַנט; אַט די שפּאַרונקעלעך, די דורכריסן אין צייט, די געשפּאָל־טענע רגעס, דורך וועלכע לייוויק — פּונקט ווי זיין קאַטאָרזשניק־פאַרגייער דאָסטאָיעווסקי מיט זיינע העלדן אין זייער צייט — דורך וועלכע לייוויק כאַפּט זיך אַריין אין זיינע גן־עדן־לענדער — „זומערדיק לאַנד" און „קיינעמס לאַנד" און „פאַרבאָטן לאַנד"; אַט דאָ דורך עפּילעפּטיש־דאָסטאָיעווסקישע פונקען, וואָס זענען פאַרזייט אין לייוויקס געמיט און צינדן זיך פאַנאַנדער אין זעונגען נישט

פון דער וועלט, פאַר וועלכע זיינע לידער ווי אויפגעזונגענע איינפאַסן — אַנט־פלעקט אונדז לייוויק צום ערשטן מאָל, אַז אָט דער קוואַל, פון וועלכן לייוויק טרינקט נאָך עד־היום, איז לכתחילה אָנגעטרונקען געווען מיט תאווה...

„...פלעג איך ליגן און קוקן פאַרכישופט, פאַרחלומט
און שמייכלען צו דער וואַנט דער פאַרשעמטער און צו דער שלאָגנדיקער האַנט פון וועכטער
און די חברים וואָס זענען געלעגן לעבן מיר זענען געווען נאָך מער פאַרכישופט,
און מיר האָבן ליב געהאַט איינע די אַנדערע און דאָך ניט געקענט זיך פאַרטראָגן,
און עס האָט געוויינט דאָס לייב אין אונדז דאָס געוויין פון עקל און באַליידיקטער תאווה,
געוויינט און געשליידערט זיך, און געדרייט זיך אין מיאוסע קנוילן...״

און דאָ קומט אָ מעדיציניש באַשרייבונג פון אַ לייב, אָנגעצונדן מיט לוסט — די הענט, דער האַלדז און די אויגן —

„און מ׳ער נאָך האָבן די קני זיך געבראָכן, אַוועקשטופנדיק מיט שנאה דעם גוף פון דעם שכן״

איבערגעריסן פון תפילהדיקן רעפריין:

„אָ, ווו ביסטו געווען דאַמאָלסט? דאַמאָלסט? פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען מיך זען דאָרט?״

ער ווערט געפּ־רט צו איר אין געדאַנק, ווייל זי איז די היילונג, די זאַלבונג פון די שמייכלענדיקע דערינערונגען: זי איז די טבילה, וואָס לייטערט.

פלעגט ער זיך אויפכאַפּן אינמיטן דער נאַכט און ציילן די אויסגעצויגענע גופים פון ווינקל צו ווינקל, און רעדן צו זיך און נאָכדעם צו זיי: —

„איך האָב אייך ליב, מיינע ברידער!״

איבערגעריסן פון רעפריין: ווו ביסטו געווען דאַמאָלסט? דאַמאָלסט?

דער וועכטער פלעגט זיך אַריינרייסן און מיט אימפעט אים אַ שליידער־טון מיטן פנים אַראָפּ צו דער נאָרע: — ווי וואָגט ער אינמיטן נאַכט וואַך זיין? — און ווי אין וואַנזין האָט ער געפּרעפּלט, צו זיך אָדער צום וועכטער — מיט אַ קול אָדער אָן אַ קול — צי האָט ער אַליין געהערט אָדער נישט געהערט וואָס ער רעדט — דאָס קאָן מען איצט נישט וויסן:

ב. ריווקין

„איך האָב ליב אינדערמיטן פון נאַכט אַף מײַנע חברים צו קוקן. און מער נאָך האָב איך ליב צו זיצן און טראַכטן וועגן דער, וואָס איך וועל ליב האָבן שפּעטער.
זײַן פויסט לאָזט זיך אַראָפּ ווי אַ שטיין, און נאָך שאַרפער פון פויסט — זײַן געלעכטער".

אַ קאַטאָרזשנער געלעכטער איבער דעם, וואָס ער טראַכט וועגן דער, וואָס ער וועט ליב האָבן שפּעטער. דאָ פּאַסט זיך אויסגעצייכנט דער רעפריין:

„אָ, ווו ביסטו געווען דאַמאָלסט? דאַמאָלסט? פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען מיך זען דאָרט?".

צוליב דעם טאַקע איז דער רעפריין באַשאַפן געוואָרן. זי איז געווען די, וועלכע ער האָט געדאַרפט ליב האָבן שפּעטער, זי שלינגט דאָ איין יענע תאווה און פּיין, לייטערנדיק זיך אין עקסטאַז.

און די פּײַניקונג הייבט זיך אָן. — דריי לידער וועגן דער הריגה, ווו די יסורים זאָגן אויס די תאווה, וואָס ווערן אַליין אויסגעזויגן און געהיילט פון אַ פאַרגעפּיל פון גן־עדן.

מיט דער בריהשקייט, וואָס לייוויקס האַנט האָט געוווּנען דורך די אַלע מדרגות פון פאַרתכליתן זיך, דורך וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען — מיט דער בריהשקייט און געניטקייט אין קאָמאַנדעווען מיט ווערטער, זיי זאָלן אויספּאָלגן ביז צום געגויעסטן יעדן קער און ווענד און קנייטש פון אויסערלעכער באַשרייבונג, דערלאַנגט לייוויק אַ שוידער־סצענע, מיט מאָוימדיקער קאַלטקייט, מיט קאַטאָרזשנער רציחה, ווי נישט אים מיינט מען דאָס, ווי אַזוי אַ צאַקײַלטער און צעביילטער ווערט ער געשלעפּט פון תליון, דער וועכטער, איבער די קערפּערס פון די שלאָפנדיקע חברים —

„עס האַמערן פויסטן אין גראַטעס, עס ברעכן זיך שויבן, עס טופּן
צעטראָגענע פיס, קלינגען אָפּ ווי אַ גאַלאָפּ איבער אייגענע בריקן.
עס עפענען זיך טירן, עס עפענען זיך טויערן, עס עפענען זיך טויערלעך.
און — שאַ מיט אַמאָל. — אַזאַ וואָרעמער רעגן איבער מיר, אַזאַ רויטער.
און געווירצטער קלעפּיקער האָניק נעמט רינען פון שטערן און ליפּן
און גיסט זיך מיר אַריין אין האַלדז צוריק, און צעגייט זיך איבער אַלע מײַנע גלידער".

דער געווירצטער קלעפּיקער האָניק, וואָס צעגייט זיך איבער זײַנע גלי־דער, איז דער באַלזאַם וואָס היילט. אַזוי גיך ווי בלוט ווערט האָניק, איז אויס

ווייטיק. נישטאָ אים. פאַרשוווּנדן. לייוויק פילט נישט מער קיין ווייטיק. די סצענע ווערט איבערגעריסן מיט דעם רעפריין צו באַצייכענען אַ פאַרוואַנדלונג.

„ס׳איז מיר זיס אַפן צינג, אַזוי מחיהדיק הייס. מיינע אויגן
דערזעען אַזאַ טאַנצנדיקע ראָד זיך אומדרייען אין ווונדערלעכע פלאַמען.
און אין דער מיט פון דער ראָד — אַ ייִנגעלע זיצט, אַ בלאָנדס, און הוידעט זיך,
און קייקלט זיך מיט דער ראָד, און קייקלט זיך מיט מיר צוזאַמען
אַרונטער אַלע טרעפּ, אין דער טיפעניש פון שטיינערנע קאַרצערס.
ער קייקלט זיך און לאַכט פון דעם שפּיל, און אויך מיך שטעקט ער אָן מיט זיין לאַכן״.

גוט וואָס לייוויק האָט זיך אַרויסגענומען פון זיין גוף און פאַרשפּילט זיך מיטן ייִנגעלע. ווארעם דאָס ייִנגעלע דאָס איז ער. ער וואָלט נישט אויסגעהאַלטן; ער וואָלט געשטאָרבן אין יסורים, קייקלענדיק זיך פון די טרעפּן.

„עס שרייען די אויגן און קריכן אַרויס, עס וואַיען די שלייפן,
עס קנאַקן די אַקסלען, עס ברעכט זיך דער האַלדז״.

אָבער דאָס איז נישט לייוויק; עפּעס אַ פרעמדער גוף, וואָס מאַכט פאַרשיי־דענע קונצן, כדי צוציִען לייוויקס אויפמערקזאַמקייט. לייוויק כאַפּט אַ זייטיקן קוק אויפן אייגענעם גוף, דערפילט גאָרנישט און פאַרנעמט זיך ווידער מיטן ייִנגעלע.

דאָ רופט לייוויק ווידער אויס: ווו ביסטו געווען? פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען? — אַ סך וואָלט זי אים געהאָלפן, ווען זי קומט! אָבער דאָס ייִנגעלע האָט אים יאָ געהאָלפן.

„דאָס ייִנגעלע ווערט ניט זאַט מיט דער ווונדערלעכער שפּיל. ער נעמט שפּרינגען
און פלאַפּלען:
מיין טאַטע הייסט שייעל, מיין מאַמע הייסט אסתר, מיין מאַמע באַקט בייגל״.

ווייסן מיר שוין אויף זיכער ווער דאָס ייִנגעלע איז — לייוויק אַליין אַלס קינד...

דאָ כאַפּן מיר זיך ערשט, ווי אַנדערש לייוויק איז געוואָרן דורך דעם דריטן בוך לידער, וואָס ער האָט אָנגעשריבן — וואָס פאַר אַ מהלך ער איז אַוועק פון דעם פּאָעט פון „קיינעמס לאַנד״. אַנשטאָט צו שפּאַלטן די קאַטאַרזשנע רגע, ווי מיר האָבן עס דערוואַרט און ווי מיר זענען דערצו געוווינט געווען פון יענע בהלה־און אומקום־לידער, — אנשטאָט צו שפּאַלטן די רגע און צעשפּאַלטן דעם

הימל, — און אַריינפירן אונדז אין גן־עדן, ווו לייוויק זיצט צוזאַמען מיט דאָס־טאָיעווסקין און זיינע העלדן — דורכגעלויכטענע, באַגליקטע, פאַרשכורטע מיט זעונגען, וואָס נעמען אַרום די וועלט פון עק ביז ברעג; אָנשטאָט אַנטציקט צו ווערן און אונדז צו אַנטציקן מיט צעצונדענע אויגנגלאָצעניש, — איז ער אונדז מכבד מיט אַ קאָנקרעטער זאַכלעכער זעונג פון אַ קאָנקרעטן זאַכלעכן יינגעלע, וואָס איז קאָנקרעטער און זאַכלעכער פון לייוויקן אַליין: און אָנשטאָט צו פאַר־פירן אונדז עק וועלט, פירט אונדז דאָס יינגעלע אין חדר אריין, ווו אונטערז פענצטער וואַקסן דאָרט מאַלינעס און אַגרעסן און ווייַנפּערלעך און... „ס'איז מיר גוט״ — זאָגט דאָס יינגעלע — „איך האָב ווייסן פּאַפּיר נומער זעקס, גאַנצע בויגנס...״

און דאָ אַ מאָמענט פון אויסניכטערונג. לייוויק איז נישט באַפרידיקט; עס קילט זיך אָפּ זיין אינטערעס אין יינגעלע. פאַרוואָס די אויסניכטערונג? ווייל דאָס יינגעלע האָט אים דערלאַנגט שרייב־פּאַפּיר אין האַנט — און דאָס האָט אים צוריק געבראַכט פון קאַטאַרגע אין זיין איצטיקן שרייבער־צושטאַנד? צי וואָס באַדאַרף ער דעם יינגעלעס ווייס פּאַפּיר נומער זעקס — אויף צו שרייבן לידער? ער האָט אין ניו־יאָרק גענוג פּאַפּיר, און בעסערן פּאַפּיר. ניכטערט ער זיך אויס, און דער יינגעלע־כישוף טוט זיך אָפּ.

„עס זינגען מיינע אויגן, עס ציט זיך מיין האַלדז. עס קומט אָן אַ שטילקייט״

שלעכט. ער קאָן נאָך חלילה באַלד דערפילן דעם ווייטיק. און דאָס יינגעלע ווערט אויך ברוגז.

„איך וויל דאָ ניט זיין מיט דיר, זאָגט ער, עס שמעקט פון דיר מיט בלוט און מיט שטאַרבן״

אייגענע בלוט — ביים נאָמען אָנגערופן, נישט קלעפּיק האַניק. און פּשוט שטאַרבן — נישט דער טויט פאַר אַנטציקונג, נישט מיתה־בנשיקה. עס איז די העכסטע צייט דאָס יינגעלע זאָל אים פאַרלאָזן — און דאָס יינגעלע פאַרלאָזט אים.

„די שטילקייט נעמט וויגן זיך, דרייען זיך, דערנאָך נעמט זי פרירן, די שטילקייט.
מיינע ליפּן צעעפענען זיך, זאָגט אַזאַ וואָרט, אַזאַ גוטן, און פאַרמאַכן זיך ווידער״

פאַרפראָרענע שטילקייט. שטומעניש. נאָר איין שטילקייט־זכר איז פון דער זעונג געבליבן. עס בעט זיך אַ וואָרט אַרויסצורעדן, — אַ גוט, פאַרליבט וואָרט — און קאָן נישט. אַ שמייכל און ניישט מער.

אַ דאַנק דער זעונג פון שמייכל, ווערט ער געהאָלפן איבערקומען דאָס ערגסטע. דאָ פּאַסט זיך ווירקלעך, לייוויק זאָל אויסרופן: ווו ביסטו געווען? און ווו ביסטו איצטער, איצטער?

זי קאָן אים איצט בעסער דינען, ווי דאָס יינגעלע, וואָס האָט אים געפירט צוריק אין חדר אַריין. דאָס האָט זי אים פּאַקטיש, נישט דאָס יינגעלע, אַראָפּגע־פירט פון געשפּאָלטענעם הימל און פון גן־עדן אַרויסגעפירט, ווו ער איז גע־זעסן מיט די ריזן, די הייליקע צדיקים, און ווו ער אַליין, מעשה הייליקער צדיק, האָט געגלאָצט מיט די אויגן פון עק וועלט צו עק וועלט, — האָט זי אים פון הימל אַראָפּגעפירט אויף דער ערד, וועלכע איז די קאָנקרעטע וועלט צווישן עק וועלט — און האָט אים אויסגעלערנט זען יינגלעך.

מיר ווייסן ווי אַזוי זי האָט עס געטון; זי האָט די דערלייזערישע הימלישע זעונג פאַרקערפּערט אין איר לייבלעכער געשטאַלט פון בלוט און פלייש — זי האָט אים געצוווּנגען צו זוכן אַ דערלייזונג דאָ האַרט ביי דער ערד. — און אויסזאָגן אַ מאָדנעם סוד? — זי האָט אים אויך געוויזן און געגעבן צו פילן די קאַטאַרגע, נישט אין אַן יינגלשער זעונג, נאָר צווישן די פיר ווענט פון זיין אייגענעם חדר...

„ווייל וואָרהאַפּטיק זאָג איך דיר: אויך איצט נאָך אַזויפיל פאַרגאַנגענע יאָרן,
דערזע איך אין גערעמע ניו־יאָרקער חדרים דיזעלבע אומהיימלעכקייט,
און איך וואַרט, אַז אָט־אָט זאָל זיך געבן אַן עפן די טיר פון מיין וווינונג״ —

און אַ קאַטאָרגע־סצענע פון פייניקונג זאָל זיך אָפּשפּילן פאַר זיינע אויגן. וועגן וועלכער קאַטאָרגע רעדט זיך דאָ? לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז ער קערט זיך אום צו דעם פריערדיקן מאָטיוו, אַז דאָס איז די קאַטאָרגע פון צאַמען תאווה, וואָס פון דעם שאַפט ער זיין פּאָעטישן טויט־תליה־עקסטאַז. אָבער ניין, נישט איצט. דאָס איז געווען אין די שיינקייט־לידער פון דער פערטער אָפּטיילונג און אין אָנהייב פון דער פּאָעמע. אָבער דאָ אינמיטן דער פּאָעמע איז דאָ אַן איבערברוך, און ווען ער רעדט איצט צו איר וועגן דער קאַטאָרגע צווישן זיינע פיר ווענט, מיינט ער גאָר אַן אַנדער קאַטארגע, וואָס שטאַמט נישט פון איר, אָבער וואָס אַ דאַנק איר האָט ער זי אויך דערזען. מיט לייבלעכקייט, מיט וועל־כער זי האָט אים אויסגעלערנט קוקן, האָבן זיינע לייבלעכע אויגן זיך אויך גע־עפנט צו דער קאַטאָרגע, וואָס איז הינטער די פיר ווענט פון זיין חדר — אין

ב. ריווקין

דער לייבלעכער קאָנקרעטערווירקלעכקייט, ווו מענטשן לעבן. נאָר אַ קוק טון דורכן פענצטער — די זעלביקע קאַטאָרגע אומעטום:

„די וועלט איז אומעטום גלייך, און אויך גלייך איז דער טרויער פון מענטשן,
און דאָסזעלביקע שלעכטס אומעטום, און הנאה פון וויי־טון און פייניקן,
און דערזעלביקער דרוק פון רייכן און שטאַרקן אויפן אָרעמען שוואַכן,
און דערזעלביקער אויסגעשריי, הויב פונעם פויסט און קריץ פון די ציינער,
און די זעלביקע טעמפּקייט פון זאַטן, און די זעלביקע שאַרפקייט פון הונגעריקן,
צי הונגער נאָך ברויט, צי הונגער נאָך לייב, צי הונגער נאָך אַ וואָרט נאָך אַ גוטן.
און אויך איצט הויבן אויף מיינע הענט זיך, נעמען שלאָגן אין שויבן און טירן,
און אויך איצט געפינט זיך שוין ווער עס זאָל אויספירן די שליחות פון וועכטער,
צו אַ שליידער־טון מיך — איך זאָל ליגן מיטן פּנים אַראָפּ אָן אָטעם און לשון".

איך מאַך אַ קליינעם איבעררייס. אָפּגעזען פון דעם אינהאַלט פון די ציטירטע שורות, וואָס גיבן אַ קאַטאָרזשנע פאָטאָגראַפיע פון דער ווירקלעכקייט, — צוליב דער פאָרם זייערער אַליין האָט זיך געלוינט די נסיעה אויף דער קאַטאָרגע — פאַר לייוויקן, ווי פאַר אונדז: עס איז דאָ קאַטאָרגע־ריטם אין זיי. איר האָט געשפּירט מיטן אָטעם. האָט איר דעם ריטם געקאָנט נאָכהאַלטן מיט אייער אָטעם? עס איז די גרעשווינדקייט פון אַ גוף, וואָס קייקלט זיך איבער די שטיינערנע טרעפּ אין קאַרצער אַריין...

מיט אַזאַ ריטם קויפט זיך אין דער פרייער פערז זיין באַרעכטיקונג — עס איז דער ריטם פון אינהאַלט. דער פרייער פערז, וואָס באַרויבט זיך אַליין פון אַ היפּשער פּאַרציע אויסערלעכע קלאַנג־מיטלען, דאַרף זיך פאַרגיטיקן מיט אינערלעכער קלינגעדיקייט, מיט דער מוזיק, וואָס לויפט דורך דעם מיין. עס דאַרף זיין אַ געזאַנג אין געדאַנק, אַ שפּיל אין געפיל. דאָס אינעווייניקסטע ליד דאַרף טראָגן דאָס אויסערלעכע ליד אויף זיך — און אים פאַרויסגיין.

אָט דאָס ליד, וואָס איך האָב איבערגעריסן אין מיטן, און די צוויי נאָכפאָלגנדיקע, וואָס צוזאַמען מיט די פריִערדיקע צען לידער מאַכן זיי ריכטיק דרייצן, זענען די בעסטע אילוסטראַציעס, נאָך מיין מיינונג — צום פרייען פערז — אין יידיש. איך האָב דאָ קיין צייט נישט פאַר פאַרגלייכן. און וואָס ווייטער אַלס שטייגנדיקער ווערט דאָס אינעווייניקסטע ליד, ביז עס שטייגט אַריבער: אַפילו דער אינהאַלט פון ליד ווערט פון דעם ליד געבאָרן, וואָס זינגט זיך אין דער נשמה אָן ווערטער.

די דריי לידער זענען ספּעציעל פון מיינעטוועגן געשריבן געוואָרן — אַזוי געפעלן זיי מיר. מיר זענען מיט לייוויקן בחדרי־חדרים פון זיין שאַפונגס־לאַבאָראַטאָריע, וועלכע מיר זענען געוווינט צו באַטראַכטן אַלס זיין מאַטער־קאַמער, זיין קאַטאָרגע־קאַרצער. פונדעסטוועגן וואָלט איך געבעטן די וואָס שרעקן זיך, נישט צו אַנטלויפן; דאָס זענען אויך לידער פון זייערטוועגן.

ווו האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט? יאָ, אויב קאַטאָרגע איז קאָנקרעט, מיט אים אין איין חדר, און קאָנקרעט אין דערווירקלעכקייט, וואָס איז הינטער די פיר ווענט פון זיין חדר, דאַרף דאָך די דערלייזונג פון קאַטאָרגע אויך זיין קאָנקרעט?

ווען מען לייענט נאָך אַמאָל איבער די אויבן־ציטירטע שורות וועגן דער קאַטאָרגע פאַר אַלעמען, קאָן מען לייכט איינזען, אַז די קאַטאָרגע אויסער אים איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער קאַטאָרגע אין אים:

„די וועלט איז אומעטום גלייך, און אויך גלייך איז דער טרויער פון מענטש,
און דאָס זעלביקע שלעכטס אומעטום, אין הנאה פון וויי־טון און פּייניקן...״

— —

און אויך איצט געפינט זיך שוין ווער עס זאָל אויספירן די שליחות פון וועכטער,
און אויך איצט געפינט זיך שוין ווער עס זאָל אויספירן די שליחות פון וועכטער,
צו אַ שליידער־טון מיך — איך זאָל ליגן מיטן פּנים אַראָפּ אָן אָטעם און לשון״.

עס איז אַ דריי־פערטל זיין אייגענע קאַטאָרגע; בלויז אַ פערטל דרויסנדיקע קאַטאָרגע.

פאַרענדיקט זיך דאָס קאַטאָרגע־ליד דעריבער פּערזענלעך־יחידיש — מיט דעם, אַז ער ליגט מיטן פּנים אַראָפּ אָן אָטעם און לשון.

ער מיידט אויס די אַנדערע אומפּערזענלעכע קאַטאָרגע־סימנים, ווייל אַ מעגלעכע אויסלייזונג האָט ער נאָר פון זיין פּערזענלעכער קאַטאָרגע.

וואָס־זשע בלייבט צו טון, מער ווי צוריקפאַלן אין פּערזענלעכן טאָן?

„און אויך איצטער צעעפענען זיך מיינע ליפּן דערנאָך מיט דערזעלביקער גוטסקייט
און פאַלן צו צו אַ וואַנט אַ געפּראָרענער, צו אַ בעט, צו אַ שוועל אַ פאַרווּרטיילטן,
און זיי זאָגן איין וואָרט נאָר — דיין נאָמען״.

און ער פאַרגייט זיך אין אַ שבח אויף איר ליבן נאָמען, ווי זי וואָלט געווען גאָט אַליין, נאַטירלעך, מיט דעם צוועק אָנצוצויבערן פאַר זיך אַ דערלייזונגס־געפיל:

„— איך טראָג אים, דעם נאָמען, דורך פּיין און גערענגל. —
עס ראַנגלען זיך צוזאַמען מיט מיר די זון, די לבנה, די שטערן.
עס ראַנגלען זיך צוזאַמען מיט מיר דער רעגן, דער ווינט און דער האָגל.
עס צאַפּלען זיך אין פיבער די פּאַרקן, די גאַסן, די בענק פון די פּאַרקן
עס ציטערן הענטלעך פון אַ קינד, און טוליעט זיך אין אַ ווינקל אַ מוטער
מיט אויגן פון לעצטן טרויער".

מערקט, אַז אויסער די ציטערנדיקע הענט פון אַ קינד, און די טרויער־אויגן פון אַ מוטער, זענען קיין אַנדערע סימנים פון מענטש־וועלט־געראַנגל דאָ נישטאָ. ער פאַרגעסט דאָ אָן דער קאַטאַרגע פאַר אַלעמען. ער איז צוריק אין זיין פּערזענלעכן טאָן. דער וועלט־געראַנגל איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג געווען פון דעם געראַנגל אין אים. אָבער הגם אַן אָפּשפּיגלונג איז עס דאָך וועלט־געראַנגל, וואָס מאָנט אויסלייזונג.

דאָ נעמען מיר חושד זיין, אַז הגם איר נאָמען האָט אים פאַרביטן גאָטס נאָמען, אָבער מיינען מיינט ער טאַקע גאָט; נאָר ווייל ער איז געשוואָרן צו איר נאָמען, רעדט ער עס דאָ נישט אַרויס. ביידע מיינען מישן זיך אין דעם שפּרוך — דיין נאָמען. וואָס ער מיינט צו גאָט, גיט ער אויך אַוועק.

„עס ציטערן הענטלעך פון אַ קינד, און עס טוליעט זיך אין אַ ווינקל אַ מוטער
מיט אויגן פון לעצטן טרויער.
וואָס זענען די אויגן אין טרויער? — גורל — — —
און עס שמייכלען ליפּן און עס לויכטן אויגן. —
וואָס זענען די אויגן דורך שמייכל? — גורל — — —"

פאַרפאַלן, פאַרמשפּט, פאַרזיגלט. — גורל. פאַטאַליזם — גורל.

נו יאָ, ווי דען אַנדערש? ווען ער רירט אָן די קאַטאַרגע אין זיך, ווי קאָן ער אויסמיידן צו טראַכטן וועגן דער קאַטאַרגע פאַר אַלעמען? געדענקט ער עס, אַפילו ווען ער פאַרשוויגט עס. ווערט שוין כמעט ווי נישט מעגלעך אַ טראָפּן דערלייזונגס־געפיל אַרויסצופּרעסן פון איר ליבן נאָמען, קיין סימן פון טרייסט.

אָבער ווי קאָן ער זיך מודה־זיין אין דעם מיט איר נאָמען אויף זיינע ליפּן? ער מוז נאָך אַ לעצטע ברכה מאַכן. ערגעץ־ווו, ערגעץ־ווען איז דערלייזונג דאָ, וועט זיין!

„און ווארבאַפּטיק זאָג איך: — אַמאָל וועט דער גורל צעעפענען טיר און טויער,
וועט אָנצינדן פאַר אונדז אַלע פייערן פון זיין לאַנד דעם פאַרבאָטענעם,

און מירן מיט שמייכל אַריינקומען געזיכט צו געזיכט און לייב צו לייב און גענענונג,
און נאַרישע מענטשן וועלן רופן אונדזער פרייען אַריינקומען: טויט".

טויט! — דאָס שלוס וואָרט.

מודה געווען זיך, אַז ווען דער גורל וועט צעעפענען זיינע טויערן, וועט אַנטקעגנקומען טויט — דער גורל איז טויט.

מודה געווען זיך אין פול, אַז מיט איר און דורך איר איז קיין דערלייזונג נישטאָ.

ער דאַרף די דערלייזונג ווידער נעמען זוכן. ערגעץ אַנדערש. אויפסניי.

לייוויק האַלט וואָרט. איר נאָמען ווערט מער נישט דערמאָנט אין לעצטן־דרייצנטן ליד פון דער פּאָעמע. אַזוי אַנדערש פון דעם, ווי עס לאָזט זיך אויס די ערשטע אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמע: „אַ בריוו פון אַמעריקע צו אַ וויטן פריינט". דאָרט איז די בקשה, אַז ביידע צוזאַמען זאָלן קושן די ערד, דער שלוס־פערז.

מיט צוויי לידער פריער אין דער איצטיקער פּאָעמע איז זי געווען געגליכן צו גאָט. זי האָט אים געהאַט פאַרביטן גאָט. דאָך, ווען ער האָט דאָרט געהאַט אַרויסגערעדט דעם שפּרוך „דיין נאָמען", האָב איך געהאַט אַ חשד, אַז לייוויק מיינט גאָט אויף אַן אמת. גאָט — דער באַשעפער. נאָר ער האָט מורא געהאַט עס אַרויסצוזאָגן.

איצט שטעלט זיך אַרויס, אַז מיין חשד איז געווען אַ ריכטיקער דאָס לעצטע ליד איז וועגן גאָט.

נאָך אַ בונט־געשריי, כמעט אַ חיהשן בונט־געשריי, קומט לייוויקס רוף צו גאָט. בכלל אַ חיהשער בונט ביי לייוויקן קאָן לאַנג נישט אָנהאַלטן. נאָכן חיה־אויסגעשריי איז דער חיה־גוף געבליבן, און ערשט דער חיה־גוף וויל רעכט אויסגעלייזט ווערן. רופט לייוויק צום גאָט־באַשעפער ער זאָל אין דעם גוף אַ נייע נשמה אַריינבלאָזן, און אַ נייעם מענטשן באַשאַפן, און אין נייעם מענטשן אַ נייעם פּאָעט. דאָס לעצטע ליד איז אין גאַנצן אַ רוף צו גאָט פאַר אָט דער טאָפּלטער ניי־באַשאַפונג.

גאָט נידערט צו אים אַראָפּ מיטן אָוונט. הערט זיך אין אין דעם לאַנגן אויסגעצויגענעם אַראָפּנידערנדיקן ריטם פון ליד. — פּערפעקטער פרייער פערז. דער אינערלעכער געזאַנג טראָגט אויף זיך דעם וואָרט־געקלאַנג. — און אפשר איז דאָס גאַנצע ליד אַ געזאַנג צום אָוונט, וואָס האָט זיך אויסגעזונגען מיט דעם וואָרט גאָט.

„וואַלקנס הינטערן וואַלד דערנעענטערן זיך צו די שפּיצן פוןביימער,
שטעכן זיך אַרויף אויף זיי, ווי בייכער אויף אָנגעשאַרפטע שפּיזן.
רויט פאַרגיסט זיך דער הימל און עס נידערט אַרונטער אַליין דער באַשעפער
מיט אַן אויפגעעפנט אויפגעריסן לייב, אַז עס זעט זיך זיין גאַנצע איינגעווייד.
עס שמעקט פון אים מיט געזאַלצענער היץ, און עס זידט דאָס געשריי פון זיין ווונד.
— באַשעפער, זאָג איך, דו גייסט אָפּ מיט בלוט, צי שטאַרבסטו באַשעפער?
אָבער אָנשטאָט צו דערזען אויף זיין פנים אַן אויסדרוק פון ווייטיק צעקרימטן.
דערזע איך גאָר שטילן און ווייכן גוטמוט, און אָנשטאָט מיר צו ענטפערן —
לאָזט ער זיך נידערן אַרונטער כמעט ביז צו דער סאַמע ערד צו.
איך גיב זיך אַ ריס צו אים, וויל אים אָנכאַפּן ביי אַ ברעג פון אַ פינגער.
— באַשעפער, זאָג איך, דו פאַרגיסט מיך מיט בלוט — צי שטאַרב איך, באַשעפער,
און, ווידער, אָנשטאָט מיר צו ענטפערן, ציט ער זיך אויס איבער מיר,
פאַלט צו מיט זיין פנים צו מיינעם, אַזוי ווי אַ פרוי,
און נעמט אומפירן מיט די ליפּן מיט זיינע איבער מיין גאַנצן גוף,
און איך פיל אַזאַ הייסן ברי, ווי פון אַ לעקנדיקער צונג, איבערן לייב מיר
גייט אום די צונג און לעקט אָפּ דאָס בלוט, ווי אַ חיה — אַ מוטער,
ווי אַ געווינערין, לעקט אָפּ דאָס בלוט פון איר נאָר־וואָס געבוירענעם קינד.
איך עפן מיינע אויגן, איך זע: די זון איז שוין לאַנג אַוועק, און דער וואַלד
האָט זיך צוגערוקט נענטער צו מיר, ווי אַ שומר, און שרייט מיט פליגלדיקע קולות,
איך באַטראַכט מיין גאַנצן אויסזען, איך קוק אויף מיינע הענט:
דער ריח פון גאָטס אויפגעריסן לייב הערט זיך פון מיר און פון דער ערד אַרום,
ריח פון טראַכט, פון געבורט, — אָט־דאָ, אין דער מיטן פון דער וועלט,
ביים ברעג פון אַ וואַלד, האָסטו מיך נאָך אַמאָל באַשאַפן, באַשעפער,
האָסטו מיך אַ צווייטן מאָל, אַ צווייטן מאָל געבאָרן,
געבאָרן און איבערגעלאָזט ליגן מיט שפּורן פון בלוט אויף מיין פנים".

דאָס ליד איז געדיכט באַפאַרבט מיט בלוט, דאָס בלוט איז דאָס רויט־ליכט פון דער אָוונט־זון.

דאָס ליד איז געדיכט באַזעצט מיט גאָט. אָבער מען דאַרף זיך נישט שרעקן. ווער איז דאָ גאָט? פאָרויסכאַפּנדיק וואָס מיר וועלן שפּעטער אויסגעפינען. גאָט איז דאָ לייוויק אַליין, אַ געטובלטער אין אָוונט־שיין, אַן אָפּגעשפּיגלטער אין זון־אונטערגאַנג, אין די פאַרזוניקטע אָוונט־וואָלקנס. וואָרעם וואָס זעט ער, לייוויק, אין די וואָלקנס? — די אָפּשפּיגלונג פון זיין געפּאַלמעסט האַרץ, מיט דער ווונד, מיט דעם געשריי; די אָפּשפּיגלונג פון זיין גאַנצער צערודערטער נשמה, ווי זי ראַנגלט זיך פון פאַרצווייפלונג צו גלויבן; די אָפּשפּיגלונג פון זיין אייגן פנים, ווי ער זעט עס אין זעלבסטזעונג; די אָפּשפּיגלונג פון דער לייוויק־געשטאַלט אין חלום־גרויס — און דאָס אַלץ צוזאַמען רופט ער גאָט.

און מענטש־לייוויק אויף דער ערד רעדט צו גאָט־לייוויק אין די אָוונט־וואָלקנס. דאָס גאַנצע ליד איז לייוויקס געזאַנג וועגן זיך אַליין, וואָס האָט זיך אים אויסגעזונגען מיטן וואָרט גאָט — אַנטקעגן אָוונט־הימל.

די פראַגן, וואָס ער שטעלט צו גאָט: צי שטאַרבסטו, באַשעפער? צי שטאַרב איך, באַשעפער? — איז איין פראַגע וועגן טויט — אַ קאַרדינאַלע פראַגע ביי לייוויקן, וואָס פרעגט זיך ביי אים דורכן גאַנצן בוך.

די פּאָעמע, ווי דאָס גאַנצע בוך, שליסט זיך מיט לייוויקס ניי געבורט. לייוויק איז אויף אַ נייעם לעבנס־וועג — צו אַ נייעם עטאַפּ.

עס איז אַ זעונגס־ליד — איינס פון די פיינסטע זעונגס־לידער וואָס לייוויק האָט ווען געשריבן.

און דאָ פּאַסירט — ערשט דאָ, אין דעם דרייצנטן און לעצטן ליד, פּאַסירט, אַז דורך עפּעס אַ ריזיקן אמת, וואָס האָט אַרויסגעכישופט פון אים און פון אַרום אים, איז ער ווי ניי־געבוירן געוואָרן.

און אָט דעם אמת, וואָס איז אויך שיינקייט, רופט דער פּאָעט אָן מיטן נאָמען: גאָט־באַשעפער.

גאָט האָט אים נאָך אַמאָל באַשאַפן.

עס דערציילט זיך די מעשה וועגן לייוויקס אייגענער ווידערגעבורט. דאָס האָט דער פּאָעט זיך אַליין אַריינגעזעען אין דעם זונאונטערגאַנג; דאָס איז עס. וואָס איך האָב פריער געזאָגט, אַז זיין זעונג אין די וואָלקנס איז די אָפּגעשפּיגלטע זעלבסט־זעונג זיינע.

און דער הויפּט־סימן, לויט וועלכן מיר דערקלערן עס —איז, וואָס אין דעם ליד רעדט זיך וועגן גאָטס „אויפגעעפנט אויפגעריסן לייב, אַז עס זעט זיך זיין גאַנצע אינגעווייד”.

און דאָס איז דאָך דעם פּאָעט לייוויקס הויפּט־סימן, מיט וועלכן ער אַנ־דערשט זיך פון אַ סך אַנדערע פּאָעטן. לייוויק איז אויפגעעפנט, אויפגעריסן און אויפגעבראָכן. און מען זעט מיטן נאַקעטן אויג, ווי זיין זעלבסט־זעונג אַרבעט אין אים, ווי זי פירט מיט זיין האַנט, פירט מיט זיין וווקס, און ווי זי פירט אים פון מדרגה צו מדרגה.

די זעונג איז פול־געוואַקסן — ריזנמעסיק; זי איז ווי איר איינפּאַס — דאָס שטיק וועלט, מיט ערד און הימל, וואָס דאָס אויג כאַפּט ביים זון־אונטערגאַנג. אוןביידע געווינען אין דער צוזאַמענפּאַסונג — די עצם־זעונג איז פול־געלאָדן מיט זאַך און זאַפט און פאַרצענפאַכטער זיכטבאַרקייט; און דער איינפּאַס — דער

זון־אונטערגאַנג־פאַרב, איז פול געוואָרן מיט רייך־רייכן זונאונטערגאַנג־פאַר־בלענדעניש; עס זאָגט, עס רעדט, עס דערציילט די מעשה פון זונאונטערגאַנג מיט אַ פאַרצענפאַכטער מייַנענדיקייט; דאָס פאַרבן־שפיל אין אויג אַריין זעונגס־פאַנטאַזיע.

עס איז אַ גרעסערער און אַ בעסערער זונאונטערגאַנג: עס איז אַ גרעסערע און אַ בעסערע זעונג; זיי זענען ביידע איינס געוואָרן אין דערהויבנקייט; איר קאָנט זיי נישט אַרויסנעמען איינע פון דער אַנדערער, און איר קאָנט זיי נישט אַראָפּנידערן...

אָט אַזוי דאַרף זיין אַ הונדערט־גראַדיק זעונגס־ליד.

און וואָס דערציילט די מעשה פון דעם זון־אונטערגאַנג געזען דורך אַ זעונג?

אָט טאַקע די מעשה וועגן דעם פּאָעט גופא, וועלכער האָט נאָר־וואָס — אין די ערשטע צען לידער פון דער פּאָעמע — געהאַט געמאַכט אַ חשבון־הנפש און איז געקומען צו דעם טרויעריקסטן סך־הכל: טויט!

אָבער פּלוצלונג דערמאָנט ער זיך: איז ער דען נישט קיין פּאָעט? — ער מעג זיין אַ געשטאָרבענער, אָבער דער פּאָעט אין אים קיינמאָל נישט — דער פּאָעט אין אים זאָל לעבן! און צוליב דעם פּאָעט מוז שוין דער מענטש אין אים אויך לעבן! ער איז, נאָר ביי די אַנדערע איז זי מער אָדער ווייניקער פאַרשטעלט, באַהאַלטן; זי טוט איר אַרבעט אין געהיים. לייוויק לאָזט אַריינקוקן אין דער לאַבאָראַטאָריע פון זיין שאַפונגס־פּראָצעס; מען קאָן נאָכפאָלגן די פאַרוואַנדלונ־גען פון לייוויקס פּאָעטישן שטאָף. איך האָב עס געטון. איך וואָלט געזאָגט, אַז איך האָב געזען לייוויקס זעלבסט־זעונג אין אַלע אירע פאָרמען און געשטאַלטן.

ווי מען וואָלט אויפגעבראָכן אַ מענטשנס ברוסטקאַסטנס, און אַריינגע־שטעלט אַ שייבל, וואָס לאָזט דורכזען ווי זיין האַרץ אַרבעט. ביי לייוויקן איז דער אויפברוך נאָך גרעסער — איבער דער גאַנצער לענג — און מען זעט די גאַנצע אינגעוויד.

וואָס טוט גאָט, ווען ער נעמט איבער דעם פּאָעטס זעלבסט־זעונג?

ער נעמט אַוועק פון אים די אַלע באַגרענעצטקייטן; ער זאָגט: עס איז קיין סוף נישטאָ צו דיין כוח צו לייטערן, דערלייזן און פאַרשענערן, און טאָג־טעגלעך קאָנסטו באַנייט און ניי־געבוירן ווערן, ווי אַ פרוי וואָלט דיך געהאָט.

אָדער נאָך בעסער, ווי אליהו הנביא האָט געטון, ווען ער האָט באַוויזן דעם וווּנדער פון אומקערן צום לעבן דער אלמנהס קינד.

און ווייטער רעדט ער צו אים:

— אָבער טו עס נישט איינזייטיק, בלינד־טרוקן, אין אויפגעבלאָזענער גאווה, אין פאַרקריפּלטער אויסגעלונקענער תאווה, ווי אַן אַסקעט, וואָס באַהעפּט זיך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט מיט דער נאַכט אַליין. נאָר טו עס, ווי דער טאָג באַהעפּט זיך מיט דער נאַכט, ביים זון־אונטערגאַנג, אין פולער נאַ־טירלעכער שיינקייט.

— אָבער פון וואַנען כח, פון וואַנען חיות נעמען?

— צי ביסטו נישט קיין פּאָעט, וואָס דורך דיר גייט כסדר אָן מענטש־באַשאַפונג, מענטש־געשטאַלטונג? דורך דיר, פּאָעט, האָב איך דאָך דעם מענטשן באַשאַפן אין דיין־מיין געשטאַלט. און אַז עס שמעקט פון דיר מיט געזאַלצענער היץ; און עס זידט דאָס געשריי פון דיין ווונד; און דו גייסט אָפּ מיט בלוט. קלאָגסטו דערויף? נעם עס אָן פאַר ליב; שעלט נישט, בענטש; עס איז אַ זכיה. דו, פּאָעט, געבוירסט מענטש־געשטאַלט פאַר אַלע מענטשן. — דאָס איז דיין געהויבענער באַרוף...

און אַזוי טו ווי איך לערן דיך: צי זיך אויס אויף דער ערד — צווישן טאָג און נאַכט, ביים זון־אונטערגאַנג, ווען אַלץ זעט זיך בעסער. גראַנדיעזער, אמתער, אינטימער. — אורקראַפט קום צום שפּיל.

און גיב זיך אַוועק פריי: הער אויף צו זוכן חשבון! — וואָרעם ווו איז דער גרענעץ? וואָס ווייטער וועט אַלץ גרעסער ווערן דער כח פון וווּנדער אין דיר, און אַלץ מער וועסטו מיט דעם ווונדער דעם אומוווּנדער גובר זיין ביז צום ענדגילטיקן טריומף, — און לעבן וועט אָפּהאַלטן אַ פולן נצחון איבערן טויט.

דאָס ליד איז ווי אַ רפואה, וואָס לייוויק האָט פאַרגעשריבן זיך אַליין — לייוויק האַלט זיך דאָ דורך לייוויקן — פון אַלע באַגרענעצונגען, שוואַכקייטן, קראַנקייטן און טויט־גרוילן.

און דאָס איז דער גליקלעכער פינאַל פון בוך — צו געזונט און לעבן!

1932—1936.

„לידער פון גן־עדן“

מען וויל האָבן, אַז אין די „לידער פון גן־עדן“ האָט זיך באַוויזן פאַר אונדז גאָר אַן אַנדער לייוויק. דער לייוויק פון אַמאָל איז געגאַנגען דורך טונקעלע טונעלן, און איצט האָט ער זיך אַרויסגעשלאָגן פון טונקלקייט צו ליכטיקייט. זיינע נייע לידער, זאָגט מען אונדז, זענען לויטערער, וואַרעמער, שטילער, באַרויִקטער, וואָס דאָס גופא, די שטילקייט און באַרויִקייט, ווערט אָנגענומען, איז אַ סימן פון פולער פּאָעטישער רייפקייט. און ווידער זאָגט מען אונדז, אַז אין די „לידער פון גן־עדן“ האָט לייוויק פאַרלאָזן די מאַרק־פּלעצער, ווו עס טומלען זיך און רודערן זיך און שעכטן איינע די אַנדערע די משיחים און כלערליי מענטשן־רעטער, און ער האָט זיך צוריקגעצויגן אין זיינע אייגענע דלת אמות, און דאָס זאָל זיין אַ געזעץ, אַז ערשט אין יחידישער אינטימקייט שאַפט מען דאָס אמתע ליד, דאָס ליד פון פּערפעקטער האַרמאָניע צווישן פאָרם און אינהאַלט.

פאַרלויבנדיק אַזוי די „לידער פון גן־עדן“, טוט מען אָבער קיין טובה נישט, נישט דעם פּאָעט און נישט דעם לייענער — ווען מ'טוט עס דורך קאָנטראַסטירן די צוויי לייוויקס — אַרויסשטעלנדיק דעם ליכטיקן און אינטימען פון היינט קעגן דעם „טונקעלן“ און משיחיסטישן פון אַמאָל. בדרך־כּלל מעג מען ביי אַ פּאָעטס אַ נייער דערגרייכונג, אחר־המעשה, אויסזאָגן פון חדר, אַז די אַמאָליקע לידער זיינע זענען דעם קריטיקער נישט אַזוי געווען צום האַרצן. אָבער אין לייוויקס פאַל ווערט אַ גרויס אומרעכט געטון דעם לייוויקן פון אַמאָל — אפילו ווען מען מאַכט שוין די הנחה, אַז דער פּראָצעס פון „אויסטונקלען“ זיך און פון „אויסמשיחן“ זיך האָט זיך שוין געלאָזט מערקן אין לידער־בוך פון 1932. און איצט, הייסט עס, זאָל דער טאָפּלטער פּראָצעס זיך האָבן פאַרענדיקט.

דער פּאַקט איז, אַז לייוויק פון היינט איז אין קיין שום קאָנטראַסט נישט צו לייוויקן פון אַמאָל. ער איז אַ המשך נישט נאָר פון לייוויקן פון פאַר פיר יאָרן, נאָר פון גאַנצן לייוויקן. ווי ער איז געווען פון אָנהייב אָן. און אַלדאָס גוטס, וואָס איז צו געפינען אין די „לידער פון גן־עדן", די אַלע מעלות וואָס רופן אַזעלכע שבחים, זענען נישט קיין פלעצלעכע מתנה פון רוח־הקודש, נאָר זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן אין יענע „טונקעלע" משיחיסטישע לידער — אויך דאָס פּערזענלעכע, דאָס אינטימע אין די נייע לידער. און עס איז אַן אומרעכט קעגן לייוויקן פון היינט.

עס איז נישט אמת, אַז די „לידער פון גן־עדן" זענען דורכאויס יחידיש־אינטימע לידער. אַ סך ווייניקער ווי אַמאָל איז לייוויק דאָ פאַרנומען מיט זיך. ער האַלט כסדר אין ראַטעווען דעם מיט־מענטשן, זיין שכן, דעם טויט־קראַנקן. אויב ער ראַטעוועט אים נישט פון טויט, ראַטעוועט ער אים פון שרעק פאַרן טויט.

„פשוטע, נאַקעטע רייד,
מיך שרעקט ניט מיין אייגענער טויט, —
די וועלט איז אין ווינטער פאַרקראָכן;
איך האָב מורא פאַר דעם טויט פון מיין שכן..."

דאָס איז די ערשטע סטראָפע פון ליד „ווידער געשטאָרבן אַ שכן", וואָס כאַפּט פאַראויס אין אַכט סטראָפן דעם אינהאַלט פון דער צענטראַלער פּאָעמע פון דער זאַמלונג אין 112 סטראָפן — „די באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום" — וואָס דערציילט אַ פשוטע מעשה וועגן דעם טויט פון אַ פשוטן מענטשן, נתן ניומאַן, אָבער דערציילט עס אַזוי, אַז דער מענטש ווערט געטייערט און געהייליקט. צענדליקער לידער פון דער זאַמלונג, אָנהייבנדיק פון ערשטן ליד,ביים אַריינפאָר אין סאַנאַטאָריום, „עפן זיך טויער" — מיט דער לידער־סעריע „אַבע־לאַר און העלואיז", מיט דער שפּינאָזע־סעריע, אויך די יחידיש־אינטימע לידער, זענען אַ צוגרייטונג צו אַט־דעם רעטונגס־דינסט לטובת דעם שכן, נתן ניומאַן, כדי אים מחיה־מתים זיין פאַרן טויט; כדי אַריינצוגעבן אין דעם גוסס, בעת „זיין אָטעם פלאַמט, זיין אָטעם שפּריצט מיט פונקען", די ריינע, לויטערע שפּי־נאָזע־שפּירונג, אַז טויט איז „אַ ליבשאַפט־אויסשטראַלונג פון גאָטס געדאַנק". — און דעם גרעסטן שבח וואָס איך האָב צו זאָגן אויף די „לידער פון גן־עדן" איז, אַז לייוויקן איז ווירקלעך געלונגען איינצושטעלן אין אַ צאַל לידער אַ נייעם

רעטונגס־מעטאָד דורך ליד, וואָס דאָס בעסטע צווישן זיי איז „אָפענע הימלען", ווי דער שכן, דער מיטמענטש — „דו" — ווערט דערהויבן צו גאָט־מענטש־סימבאָל, צו „משיח"־גראַד. און פאַרוואָס אָפּפּסקנען, אַז לייוויק איז אין די „לי־דער פון גן־עדן" שוין אַן איינגעשטילטער, אַ באַרויקטער, האָט אויפגעגעבן אַלע זיינע ראַנגלעניש און געמאַכט אַן אָפּשלוס, וואָס דאָס געפעלט מאַנכע אָנצורופן „רייפקייט"; און אַז ער וועט שוין מער נישט זוכן אַריינצודרינגען מיט ליד אין לעבנס־ווירקלעכקייט, כדי איינצונעמען פאַר זיך נייע פּאָעטישע טעריטאָריע? „אָפענע הימלען" זאָגן אָן, פאַרקערט, אַז ווען ער וועט פאַרלאָזן דעם „גן־עדן" און צוריק אַריין אין עפנטלעכן לעבן, וועט ער זיכער זיין נייעם היילנדיקן ליד־מעטאָד אָנווענדן אויף די געזונטע אין גוף, נאָר קראַנקע אויף דער נשמה, וואָס זענען נישט ווייניקער רעטונגס־באַדערפטיק, אָבער ווייניקער נאָכגיביק ווי די פיזישע חולאים, וואָס זענען אין שרעק פאַרן טויט. וועט מסתמא ווידער זיין ראַנגלעניש און דערלייזונגס־דראַנג אין לייוויקס ליד. וועט מען ווידער זאָגן, אַז לייוויק האָט זיך „פאַרטונקלט" און „פאַרמשיחט"?

ווען מען נעמט די „לידער פון גן־עדן" אין קאָנטראַסט צו לייוויקס „טונ־קעלן" משיחיסטישן ליד, פאַרמינערט מען זייער ווערט. ערשט ווען מען נעמט זיי ווי אַ המשך פון יענעם ליד, קאָן מען ריכטיק אָפּשאַצן זייער נייעם אויפטו אין ליד־פאַרעם.

און די „לידער פון גן־עדן" זענען גאָרנישט אַזוי אומדאַנקבאַר צו די לידער־אָבות פון וועלכע זיי שטאַמען. הגם ליכטיקע לאָזן זיי גאַנץ גוט דער־קענען, ווי אַזוי זייער ליכטיקייט האָט זיך אַרויסגענומען פון דער אַזוי־גערו־פענער טונקלקייט פון לייוויקס אַמאָליקע „משיחיסטישע" „קיינעמס לאַנד", „אומקום"־לידער. זיי דערציילן מיט אַ סך פּרטים ווי אַזוי דער איבערגאַנג פון „טונקלקייט" צו ליכטיקייט איז געשען.

דער שליסל צו דעם איבערגאַנג איז געגעבן אין די צוויי ציטירטע שורות פון ליד „ווידער געשטאָרבן אַ שכן" — „מיך שרעקט נישט מיין אייגענער טויט, — איך האָב מורא פאַר דעם טויט פון מיין שכן". דאָ איז פאַרזייט דאָס קערנדל, וואָס האָט שפּעטער זיך פאַנאַנדערגעשפּראָצט און פאַנאַנדערגעבליט אין דער באַלאַדע וועגן נתן ניומאַן. אָט איז די פאַנאַנדערשפּראָצונג און פאַנאַנדערבליִונג פון קערנדל אין די אַריינפיר־סטראָפן פון דער באַלאַדע: —

„ניט יעזוס שטאַרבט עס צוגעקלאַפּט צום צלם,
ניט משה — אויפן שוועל פון כנען־לאַנד,

נאָר נתן ניומאַן — הערט איך וועל אייך דערציילן, —
אויף אַ פּראָסטן בעטל ביי אַ פּראָסטער וואַנט.

דערציילן איז איך אמתן נישטאָ וואָס. —
ווען יעדנס לעבן הייליק וואָלט געווען
ביים צווייטן מענטש, — וואָלט אויך דער מלאך־המוות
אין יעדנס לעבן הייליקייט געזען.

נאָר ווער האָלט הייליק היינט דעם מענטשנס לעבן,
דעם צער פון בלוט, פון גלידער און הויט? —
ווי קאָן מען אין לעגענדע היינט פאַרוועבן
אַן אומבאַקאַנטס איינעמס גלאַט אַ טויט? —

אַ טויט פון איינעם נישט קיין העלד, קיין גואל,
אַ טויט פון איינעם גלאַט אַ מענטש אַזוי,
וואָס ליגט נישט אין קיין צוגעדעקטן אוהל,
נאָר אויף אַ קרקע אונטער דענוווער־שניי".

נישט קיין העלד, נישט קיין גואל, נישט משה, נישט יעזוס, און נישט חנינה פון דער „גאולה קאָמעדיע" שטאַרבט, נאָר אַן „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט" פון דער מענטשהייטס־אַרמיי, נתן ניומאַן, ווער אַזוינס איז ניומאַן? — פרעגט לייוויק, און ענטפערט: —

„נו, יאָ. אַ מענטש אַזאַ. אַ נתן ניומאַן.
אַ ליבער יונג מיט אויפגעקרויזטע האָר. —
צו זעכצן יאָר איז ער אַהער געקומען
און אָפּגעלעגן אויף שפּיטאָל־בעט פופצן יאָר".

אויפן 31סטן יאָר פון זיין לעבן שטאַרבט ער, און דער פּאָעט נעמט זיך אונטער אויסצוגלייכן דעם טויט פון אָט־דעם אומבאַקאַנטן מענטש־סאָלדאַט מיט דעם טויט פון גרעסטן העלד, מיט דעם טויט פון שפּינאָזאַ, פון משיחן אין דער „גאולה קאָמעדיע". — וואָס פאַר אַ פייערלעכן צערעמאָניאַל לייוויק פּראָוועט אַרום דעם טויט פון משיח חנינה! — חנינה איז גוזר אויף זיך דעם טויט, כדי אויסצוקויפן די גאולה פון פאָלק. נתן ניומאַן איז נישט גוזר אויף זיך דעם טויט. זיין טויט איז קיין אויסלייזונג נישט פאַר קיינעם — אויסער זיין אייגענעם אויסגעלייזט ווערן פון פופצן יאָר מאַטערן זיך אויפן קראַנקן־בעט. עס איז פּשוטער טויט. דאָ ווי דאָרט איז לייוויק פאַרנומען מיט טויט — מיט דער נפקא־מינה:

דאָרט האָט טויט אים געדינט פאַר דער דערהייבונג פון אַן איבערמענטש, דאָ דינט ער אים פאַר דער דערהייבונג פון אַ פּשוטן מענטש. ער האָט וויזיאָנערישן טויט פאַרוואַנדלט אין פאַקטישן. איז דאָס טאַקע אַ גרויסע ענדערונג פאַר לייוויקן. אָבער אַן ענדערונג, נישט קיין קאָנטראַסט. וויפיל עס האָט זיך געלאָזט אַרויסנעמען פון וויזיאָנערישן, האָט ער אַריינגעגעבן אין פאַקטישן. פון וואַנען די שורות: — „ווען יעדנס לעבן הייליק וואָלט געווען ביים צווייטן מענטשן, — וואָלט אויך דער מלאך־המוות אין יעדנס לעבן הייליקייט געזען״? ווען נישט די הייליקייט, וואָס לייוויק האָט אַנגעזאַמלט פון חנינהס טויט, וואָלט ער נישט געהאַט מיט וואָס צו הייליקן דעם טויט פון נתן ניומאַנען. ניומאַן אַרבט חנינהן. נישט אומזיסט באַווייזט זיך חנינה אין איינעם פון די „לידער פון גן־עדן״, ווי אַ דערמאָנונג, פון וואַנען לייוויק נעמט זכות און חסד פאַר ניומאַנען. אַן אָפּשטראַלונג פון חנינהס נשמה שוועבט איבער יעדן זייטל פון דער באַלאַדע. עס לייענט זיך ווי אַ מצבה־שריפט איבער דעם קבר פון אַ הייליקן, וועלכער איז הייליק געוואָרן בלויז דורך דעם, וואָס ער איז געשטאָרבן ווי אַמענטש. די באַלאַדע איז אַן אוהל אַרומגעבויט אַרום אַ פּשוטן מענטשן. דער אוהל איז חנינהס. און נישט נאָר חנינהס. מען קען זאָגן, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן ביז די „לידער פון גן־עדן״, איז געווען אַ צוגרייטונג צו דער רעטונגס־אַקציע אַרום נתן ניומאַנס טויט. און דאָס, וואָס ער האָט געשאַפן אין די „לידער פון גן־עדן״, איז אַוודאי אַ צוגרייטונג, — ווי אויך אַ רעזולטאַט פון דער רעטונגס־אַקציע.

די רעטונגס־אַקציע באַשטייט אין צוגרייטן דעם פּשוטן מענטשן נתן ניומאַן צו שטאַרבן ווי אַ מענטש — מיט שטאָלץ, אין ריינקייט און לויטערקייט פון גייסט, אַזוי אַז שפּינאָזאַ זאָל זיך נישט דאַרפן שעמען צו זיין מיט אים אַ טויט־חבר:

„שפּינאָזע, האָף איך, וועט אויף מיר נישט בייז זיין
פאַר צולאָזן אַ כעס איצט אין האַרץ אַריין;
„ביט יעדער פאַרן טויט, ווי ער קאָן גרויס זיין.
„נאָר ריין און לויטערדיק קאָן יעדער זיין״.

דאָס זאָגט ער צום פּאָעט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אַ ווײַלע אַ וואַקל־געטון: ער האָט דערלאַנגט דעם פּאָעט זיין זייגערל און פּען אויף איבערצושיקן זיין שוועסטער, ווייל אָט־אָט שטאַרבט ער שוין — און זיין האַנט האָט אַ ציטער

געטון און צוריקגעצויגן די זאַכן — אפשר וועט ער לעבן נאָך אַ טאָג? — און דער פּאָעט שטיצט אים מיט פֿאַלשער טרייסט, וואָס דאָס האָט דעם גוסס באַ־ליידיקט:

„די אויגן האָבן אים געגומען ברענען,
און ס'האָט פון זיי מיט ווט געטון אַ שלאָג:
— איך בין געגוג נאָך שטאָלץ אין זיך צו קענען
ניט בעטלען קיין נדבה: — נאָך אַ טאָג".

נאָכן צוריקוועדרן חבר מיט שפּינאָזאָן, ווילקט ער ענדגילטיק איין צו שטאַרבן אין אָט דער רגע — און שטאַרבט טאַקע, מיט אַן אָנזאָג פֿאַר דער שוועסטער:

„יאָ, אַז איך האָבביים שטאַרבן ניט געליטן,
און אַז איך האָב געזען מיט אויגן קלאָר
די זון איך הימל אויפן רעכטן מיטן,
און אַלץ געווען איז ווייסע העלע וואָר — — —"

דאָ איז דער זין פון דער גאַנצער פּאָעמע: שטאַרבן אין קלאָרסטער וואָר; וויסנדיק, וואָס טויט קאָן מיינען — אפשר די פולע פֿאַרניכטונג פון לעבן, דאָס אויפגעלייזט ווערן אין דער נאַטור און אין אירע געזעצן — און טייער האַלטנדיק דאָס לעבן, די מענטשן, די זאַכן, די וועלט און דעם אייגענעם גוף, און די גע־ליבטע, וועלכע איז נאָך טייערער — און דאָך פריייוויליק זיך צעשיידן מיט דעם אַלעמען און באַשליסן צו שטאַרבן. — שלוס פון דער פּאָעמע: ניין, צען מענטשן האָבן אים באַגלייט, און ווען די ניין, צען זענען צוריקגעגאַנגען —

„אַזאַ מין וווּנדערטאָג האָט ווען געזען ווער? —
אַ חוץ די העלזער די ניין, די צען,
צופוסנס פון די ראָקי־בערג פון דענוועה,
האָט קיינער אַזאַ זעונג ניט געזען".

ווילט איר טאַקע די זעונג זען באַשריבן פון פּאָעט? אָבער נתן ניומאַן איז דאָך געווען נישט משה, נישט יעזוס, נישט חנינה. אַ פּשוטער מענטש געווען, האָט ער געהאַט אַ פּשוטן טויט און אַ פּשוטע לוויה. האָט די פּאָעמע אַ פּשוטן אָפּגעהאַקטן סוף.

אָט די גרונט־דערפֿאַרונג — דאָס אַריינלעבן זיך אין אַ פּשוטן מענטשנס טויט — אַרום וועלכער די באַלאַדע איז אַרומגעבויט, איז די אמתע סיבה פון

אַלע פאַרנדערונגען, וואָס מען געפינט אין די „לידער פון גן־עדן". אַנגעוויזן אויף זיך אַליין, וואָלט ער אַפילו מיט די בעסטע כוונות, אַפילו מיט דער בעסט־בעסטער כוונה — צו פאַרמעסטן זיך מיטן טויט אין גבורה (די כוונה מיט וועלכער ער האָט אָנגעשטעקט ניומאַנען) — וואָלט עס ניט־ווילנדיק צוריק־געפאַלן צו זיין אַלטער גוטער געוווינהייט זיינע צו קרוינען זיין איך מיט משיח־קרוין, מיט דער באַגלייטנדיקער אינסטרומענטירונג פון זיין ליד אויף זעלבסט־פייניקונג, מאַרטירערשאַפט און ווידוים. סימנים פון דעם צוריקפאַלן זענען נאָך איצט צו מערקן — ווו ער כאַפט זיך אַריין אין איר טאָן: —

„איך בין אויך אין שניי, און אויך אין שטורעם,
כאָטש איך ליג ווי אַ געשמידטער אויף אַ בעט;
איך בין אַלץ נאָך הונגעריק נאָך ליבשאַפט און יסורים: —
נאָך — נאָך — אַזוי איז מיין געבעט".

(„ראַקי בערג")

דער שכן האָט אים געראַטעוועט. ער האָט אים אַרויסגענומען פון „איכיש־קייט". עס באַשטעטיקט זיך אין פּאָעזיע, ווי אין מאָראַל: וואָס דו ווינטשסט זיך אַליין, וועט אין דיר מקוים ווערן כפל־כפלים, ווען דו ווינטשסט עס דיין שכן. בפרט אַ שכן אויפן טויטן בעט. ער ציט מיט געוואַלד אַרויס פון דער אייגענער הויט. דער שכן, דער מיטמענטש אויפן טויטן־בעט, איז דער אָנצינער פון דער ריינסטער מענטשן־ליבע. דו ווערסט איינס מיט זיין איך. פאַרגייסט זיך אין אים צוזאַמען מיט זיין פאַרגיין. מען איז גרייט אַליין אויסצוציען זיך און שטאַרבן:

„ער דרעמלט איין. איך זיץ. איך היט אים.
איך נעם אַריין אין זיך זיין גאַנצן מהות. —

איך זיץ. איך היט. איך ווער אַליין פאַרשלונגען.
כ'ווער אויפגעלייזט אַליין אין סוד פון פּיין,
אין סוד פון זיין אַרויסהויכונג פון לונגען
דורך שויב דורך אָפענער אין זון אַריין.

איך זע עס קלאָר מיט מיינע ביידע אויגן,
איך ווער אַליין אַ טייל פון אָט דעם הויך,
דאָס צימער ווערט ווי מיט אַ הויט פאַרצויגן,
און אָנגעפילט מיט ברענעניש און רויך".

ב. ריווקין

צוקאָפּנס פון אַ גוסס — דאָס איז איינמאָל אַ פּאָזיציע פאַר אַ פּאָעט, וואָס האָט געהויבן זעונגען אויף די פאַנאַנדערגעפּאַכעטע פליגלען פון טויט. דאָ זעט ער! און אָנשטאָט פאַנאַנדערצושפּילן אַ זעונג פון טויט, ווילט זיך אים גאָר מיטשטאַרבן. ער פיבערט־מיט דעם גסיסה־פיבער. און ער מאַכט דעם צימער, די לופט פון צימער מיטפיבערן. און דאָ זעט מען גלייך דעם פּאָעטישן עפעקט פון לייוויקס אַרויסצ:יען זיך פון אייגענעם „איך" און אַריינצ:יען זיך אין „יע־נעמס". די פיין, אנשטאט אויפגעשפּילט צו ווערן דרויסן פון די זאַכן, כמעט ווי אַ זעלבסטצוועק, ווי לייוויקס אַמאָליקער שטייגער איז געווען, ווערט אַריינגע־צויגן אין די זאַכן — אין רויך, אין הויך, אין הויט. די בילדלעכקייט ווערט פאַרזאַכלעכט.

לייוויק פאַר זיך אַליין, וואָלט נישט אָנגעזאַמלט אַזוי פיל מוט אין אָנגעזיכט פון טויט־סכנה, ווען ער ראַנגלט זיך נישט פאַרן שכן. און אויך נישט אַזוי פיל פאַרזאַכלעכונגס־קראַפט. און אויך נישט אַזוי פיל זעלבסט־קאָנטראָל. מען זוכט און געפינט אין די „לידער פון גן־עדן": — איינגעשטילטקייט, באַרו:קטקייט, ליכטיקייט. — איז אמת, „ליכטיקייט" איז דאָ. אָבער איינגעשטילטקייט, באַ־רו:קטקייט? פאַרקערט. די לידער האַלטן אין איין פיבערן. נאָר דער פיבער זייערער איז אַ געבונדענער, געצאַמטער, קאָנטראָלירטער. גיי פּרווו נישט זיין געצאַמט און געבונדן, ווען דו שטייסט ביי אַ גוסס צוקאָפּנס, בעת „זיין אָטעם פלאַמט, זיין אָטעם שפּריצט מיט פונקען" (און מערקט דערווייל די פאַרזאַכ־לעכונג פון גסיסה־בילד):

„אויף ליפּן נעמען זידן בלעזלעך שוים;
זיין גאַנצער גוף, אין היץ־הער־פּלעט פאַרזונקען,
נעמט ברענען ווי אין מיטן וואַלד אַ בוים.
ניט איין בוים ברענט. עס ברענען אַלעביימער,
אַרומגעכאַפּט ווערט גאַנץ שפּיטאָל אין פלאַם;
און איך בין ניט קיין שכן מער, קיין שומר,
נאָר אַזוי ווי ער, אַ טייל פון פייער־ים".

זיי אַ טייל פון אַ פייער־ים, אָבער מיט דיין פּנים, מיט דעם ליכטיקסטן שמייכל אויף דיין פּנים, גיב אים צו פילן, אַז ניין, ער שטאַרבט נישט, נאָר ער גייט צום „אייביקן לעבן". דאָס איז די ליכטיקייט — אין אָנגעזיכט פון טויט! אָבער איינגעשטילטקייט, באַרו:קטקייט איז עס? עס איז זעלבסט־קאָנטראָל! די ליכטיקייט איז אַ צודעק איבער איינגעפּרעסטער ראַנגלעניש, וואָס דאָס רופט זיך

גלייך אָפּ מיט אַן איינגעפּרעסטקייט אין דער פאָרם. אין איינע דריי סטראָפן פרעסט ער די ראַקי־בערג אַריין און מאַכט זייערע ליכטיקע קעפּ מיטפלאַקערן מיט נתן ניומאַנס גסיסה־פייער, צוזאַמען מיטן פּאָעט, מיטן קראַנקן־צימער, מיט אַלע שכנים־פּאַציענטן און מיטן גאַנצן שפּיטאָל:

„זיי שטייען אויסגעפּוצט אין העלע שנייען,
צונויפגעשמידט אין אַ ברידערלעכער קייט,
און רויטע פליגלען איבער שפּיצן ווייען,
און ווערן זילבערדיק אַליין פאַרשנייט.
די העכסטע שפּיצן בויגן זיך אַריבער, —
אַט, דוכט זיך, גיבן זיי די קייט אַ ריס,
און נעמען שפּאַנען איבער טאָלן, גריבער
מיט מײַליקע בראשיתדיקע פּיס.
— — — — — — — — — — — — — — — — —"

(דאָ קומען די אויבן־געבראַכטע סטראָפן וועגן „פייער־ים״).

„און מיטאַמאָל פון שפּיצן ווערן פלאַכן,
די ראַקיס טליען אונטער שוואַרצן רויך;
די פלאַמען — אויס. עס ווערן שטיל די קראַכן,
די ראַקיס לעשן זיך, און ניומאַן — אויך".

גרויסאַרטיק זענען זיי די ראַקיס, סיי ווען זיי קוקן מיט פלאַקער אין פענצ־טער אַריין און סיי ווען זיי מאַרשירן אין צימער אַריין אויסגעלאָשן צו ווערן מיט נתן ניומאַנס לעבן. — פּונקט ווי דער פּאָעט, האָבן די סטראָפן איינגעפּרעסט זייער פיבער, צוקאָפּנס פון גוסס, און טראָגן זייער הייסע שווערע משא מיט לייכטן טראָט און ליכטיקער מינע.

**
*

די באַלאַדע איז די צענטראַלע, פון וועלכער קראַפט שטראָמט צו די אַלע אַנדערע לידער, און קראַפט ווערט פון זיי צו איר צוגעטראָגן. נישט אָניאָגן אויף זיך היץ פאַר פיבערישע זעונגען, ווי לייוויק פלעגט עס טון, נאָר מיטפיבערן „יענעמס" פיבער — דאָס איז זיין נייע כאַראַקטעריסטיק. אַפילו זיין אייגענעם פיבער פיבערט ער ווי „יענעמס" — אונטער קאָנטראָל. געפרעסטער, קאָנטראָ־לירטער פיבער לויפט דורך די אַלע „לידער פון גן־עדן" און פורעמט זיי פון

אינעווייניק, וואָס דאָס דערשפּירן מיר גלייך אין דעם דערעפענונגס־ליד „עפן זיך, טויער!" —

„עפן זיך, טויער
נעענטער זיך, שוועל, —
איך קום צו דיר ווידער,
צימער'ל צעל.

מיין לייב — פייער,
מיין קאָפּ — שניי,
און אויף מיינע אַקסלען
אַ זאַק מיט געשריי".

ווען לייוויק שרייבט דאָס ליד, איידער ער האָט זיך דערנענטערט צום סאַנאַטאָריום, וואָלט דאָס בילד, אַרויסשפּרינגענדיק פון זיינע שפּיץ־פינגער, זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אין אַ וויזיע, און לייוויק וואָלט געדאַרפט נאָך איר נאָכלויפן. דאָ איז עס אַריינגעפּרעסט אין סימבאָלישער סטענאָגראַפיע: פייער־שניי, זאַק־געשריי. אין די וויטערדיקע פינף סטראָפן גיט ער איבער דעם פייער־געשריי פון זיין גאַנץ לעבן ביזן סאַנאַטאריום אין געצאַמט־געבונדענער קורץ־שריפט: „איך לייג צו די פיס דיר מיין זאַק מיט געשריי, לאַנד קאָלאָראַדאָ, פון פייער און שניי" — די שלוס־סטראָפע פון „עפן זיך, טויער" — פייער געצאַמט מיט שניי, געבונדענער זאַק געשריי, קאָנטראָלירטער פיבער, געפּרעסטע ליד־פאָרעם — דאָס איז לייוויקס שכר פאַר זיין ראַנגלעניש מיט פייער־ים צוקאָפּנס פון אַ גוסס. דעם כוח צו פורעמען האָט ער פון דעם „צוקאָפּנס" באַקומען. נתן ניומאַן איז דער פורעמער פון לייוויקס פייער־ים. — דאַרף מען אָבער דערביי נישט פאַרגעסן ,אַז ווען נישט דער לייוויק פון אַמאָל, וואָלט דער לייוויק פון היינט קיין פייער־ים נישט געהאַט פאַר נתן ניומאַנען צו פורעמען — וואָלט ער נישט געקאָנט מאַכן זיין ליד אויסגיין אין ליבשאַפט. ווען אַ פּשוט מענטשל גייט אויס פאַר זיינע אויגן. די פעיִקייט צו מאַכן פון טויט אַ קוואַל פון ליבשאַפט צום מענטשן, איז די ירושה פון זיין אַמאָליקן „טונקעלן" משיחיסטישער ליד — ניין, ווי געזאָגט: אַ דירעקטע ירושה פון חנינהס טויט אין דער „גאולה קאָמעדיע". אמת, נישט די גאַנצע ירושה, נאָר אַ טייל, לאָמיר צוגעבן. און לכתחילה קאָן מען מיינען, אַז אַריינפּרעסנדיק חנינהס טויט אין נתן ניומאַנס טויט, האָט לייוויק געפּטרט אַ היבט שטיק פון זיין אָנגעזאַמלטן פאַרמעגן, אַז וואָס ער האָט געוווּנען אין פאָרעם — נתן ניומאַנס צוגאָב צו זיין פאַרמעגן — האָט ער אָנגע־

וואָרן אין פּאַרמעסט. — ווענען וועט נתן ניומאַן דערלייזן? שפּעטער שטעלט זיך אַבער אַרויס, אַז דורכלאָזנדיק בלויז אַ טייל פון זיין פּאַרמעגן דורך גע־פּרעסטער פּאַרעם, האָט לייוויק אַרויסגעקראָגן דאָס ליד „אָפּענע הימלען" ווי זיין גאַנץ פּאַרמעגן איז געגעבן אין דער געפּרעסטער פּאָרעם — אַ פּאַרשפּיל צום יידישן צוקונפט־ליד, דורך וועלכן משיחות וועט זיך לאָזן אַנווענדן אויף דעם פּשוטסטן מענטשן, אַזאַ ווי נתן ניומאַן. האָט ער איינגעשטעלט אַ קליינעם טייל פון זיין פּאַרמעגן און געוווּנען אַ גרויסן געווינס. —

דער פּאַרבייט פון משיחן מיט דעם פּשוטן מענטשן און פייערלעכן טויט מיט פּשוטן טויט, האָט אַריינגעטראָגן אַן ענדערונג נישט נאָר אין באַהאַנדלונג פון טויט, נאָר אויך אין באַהאַנדלונג פון טויט צווילינג — גוף; און ווען מען דערמאָנט זיך וואָס פאַר אַ ראָלע טויט און גוף זאַלבענאַנד האָבן געשפּילט אין דער אויספורעמונג פון לייוויקס ליד פון אַמאָל, דאַרף דערפון במילא געדרונגען זיין, אַז אַן ענדערונג האָט אויך געדאַרפט אַריינטרעטן אין דעם גוף פון לייוויקס ליד, אַפילו ווען זיין ליד־גוף ציט נאָך אַלץ נשמה פון נשמה־אוצר, וואָס לייוויק האָט אָנגעזאַמלט פון פריער.

צום באַקוועמסטן, קאָנען לייוויקס לידער פון אַמאָל און היינט פאַרגליכן ווערן אין זייער באַציונג צו טויט און גוף.

„אַ ליד וועגן זיך", ווי לייוויק גיט די געשיכטע פון זיין ליד, דערפירט נישט די געשיכטע ביז צו די „לידער פון גן־עדן". עס שטעלט זיך ערגעץ אָפּ ביי די „אומקום"־לידער:

„אַז איך בין אויף שטענדיק אַ שרייבער —
איז מיין אמת נאָך אַלץ אין דעם,
וואָס אין בלוט פון געשמיסענע לייבער
ליגט אויך מיין געשמיסענער שם.

און אויך אַזוי מיינע לידער,
און זאָלן זיי ליגן אַזוי;
כ'וועל זיי אפשר ווען צודעקן ווידער,
ווען כ'וועל האָבן אַ נייעם שניי".

דאָ איז מער נישט אמת, אַז „אין בלוט פון געשמיסענע לייבער ליגט זיין געשמיסענעם שם". אין די „לידער פון גן־עדן" איז קוים אַ סימן דאָ דערפון. עס איז יאָ מקוים געוואָרן, אַז זיינע לידער זענען צוגעדעקט געוואָרן מיט אַ נייעם

שניי פון די קאָלאָראַדאָ־בערג. דערפאַר אפשר האָבן זיי דעם גוטן מזל פון די סיבירער לידער, מיט זייער זכות אָנגערופן צו ווערן „ליכטיקע"? אָבער שניי, ליכטיקייט איז בלויז אַ סימבאָלישער צודעק איבער דער פּאַטעטישער געשעעניש אין לייוויקן. דאָס פולע געשעעניש איז: זיין „איך"־ראַנגלעניש איז צוגעדעקט געוואָרן, און ס'איז אים איבעריק געוואָרן דער גאַנצער פּר‏ידיקער וויזיאָנע־רישער אַפּאַראַט אויף אָנצוצי‏ען אין זיך ליד־שטימונג, דאָס קימפעטן מיט טויט־און־גוף, — מיט אַלע געבורטס־אינסטרומענטן און געבורטס־סעקרעטן פון ליד־בפרהסיה, פאַר די אויגן פון די לייענער — וואָס אָט די צו־אָפענע „אָפנקייט" האָט זיי געטונקלט אין די אויגן. ער קאָן זיך איצט באַגיין אָן דעם משיח־סימבאָל און אָן דעם „זי"־סימבאָל, וואָס האָבן אָנגעהערט צו זיין ליד־אַפּאַראַט, ביידע צוגענאָפּלטע צו טויט און גוף. אָבער ווי אַזוי קאָן ער זיך באַגיין אָן די אַלע וויזיע־כלים זיינע? — ווייל ער האָט באַקומען אַ קאָנקרעטע סיטואַציע, וואָס איז פונקט אַזוי גוט ווי אַ וויזיע — אַ סאַנאַטאַריום, מיט אַ בית־עולם דערביי, מיט וועלכן דער סאַנאַטאַריום איז פאַרבונדן דורך אַ טונעל, און געשטאַלטן, וואָס שוועבן צווישן לעבן און טויט —

„לבנה־געזיכטער,
פאַרכישופטע הייזער,
באַלקאָנען און ליכטער,
און לאַנגזאַמע ווייזער.

און בעטן ווי טראָגן
אויף הויכע געשטעלן,
און מילך פון לבנה,
פון שויב ביז די שוועלן".

(„ווו ביסטו")

דאַרף ער מער נישט קיין קינסטלעך־קינסטלעריש געשאַפענע וויזיעס אויף אָנצופּאָמפּען טיף־זין. — טיף־זין איז אויף דער האַנט, פאַר די אויגן.

„איין שנירעלע פון בלוט
טוט אַלעמען פאַרקניפּן:
די ווייסע חכמה רוט
אויף אַלע אונדזערע ליפּן".

(„אין דרימל")

דאַרף ער מער נישט קיין וויזיאָנערישע אויפשרויפונג פון טויט. טויט איז כדבעי, ווי די אויבן־ציטירטע, גאַנץ רעאַליסטישע באַשרייבונג פון נתן ניומאַנכ גסיסה באַווייזט עס: און ער דאַרף נישט גוף־פאַרלייקענונג, ווי אַ טרעפ: און געפּייניקטע גלידער ווי סטאַלאַזשאַן אַרויפצוקלעטערן צו זיין וויזיע־בנין. גוף און גלידער זענען כדבעי — עס איז אַ רחמנות אויף זיי, ווען זיי קרענקן.

„— נאָר ווער האָלט הייליק היינט דעם מענטשנס לעבן,
דעם צער פון בלוט, פון גלידער און פון הויט? —"

לייענען מיר שוין אין דעם אַריינפיר צו דער באַלאַדע, און באַלד ווידער אַ שאַרפע אָנצוהערעניש דעם גוף־פאַרלייקענער דעם לייוויקן פון אַמאָל: „דער וואָס איז אין אמתן דערהויבן, פאַלט כורעים פאַר אַיעדנס מינדעסטן גליד". — און „דער צער פון גלידער" ווערט שפּעטער מערערע מאָל אויפגעכאַפּט און פאַנאַנדערגערעדט, ביז ער ווערט דער סאַמע תמצית פון ניומאַנס לעבנס־געפיל ערב טויט, אין זיין געזעגענונג מיטן לעבן:

„איך וויל נאָך אַט וואָס פאַרן טויט פאַרכאַפּן:
מיט אַלע מאַרכן טראַכטן וועגן גוף,
באַוווּנדערן פון אייגענע ציין דאָס קלאַפּן,
דאָס וואַקסן פון אַ שטערנבערעם אַרויף.

אַ קיינער ווייסט דאָך ניט, וואָס מיינט אַ פינגער!
אַ זעט, ווי וווּנדערלעך אַ נאָגל איז;
ווי גרויס עס איז אין האַלדז דער נס פון שלינגער,
און, הערט, ווי אייביק איז ס'געוויין פון פיס!"

און ווי לייוויק זאָגט עדות אַליין אין ליד „אייביק": — „איך זיי מיינע לידער, ווי קערנער מען זייט, זיי שפּראָצן, זיי וואַקסן, ווי זאַנגען און קריי־טער..." — זענען קערנער פון אַט־דער באַציונג צום גוף פאַרזייט אין נאָך פריערדיקע לידער. אין ליד „די הייליקע סעודה", וואָס הייבט זיך אָן מיט דער שורה — „איך האָב רחמנות היינט אויף מיינע אייגענע גלידער"— דאָס נאָכ־דעם, ווי ער האָט געהערט זיין שכן זאָגן ווידוי און דערנאָך אים געזען אויפן טהרה־ברעט — ווערט דאָס עסן אַ מצווה, אַ הייליקע סעודה — דעם גוף צו רפואה! — און דער טיש, צוליב דער נאָענטקייט פון טהרה־ברעט, ווערט אַ שולחן —

ב. ריווקין

„דעם קרוג געהייבן, דאָס ברויט געבראָכן,
דער גומען גלוסט, עס קוועלט דער צאָרן:
וואָס שווייגסטו שכן? לחיים, שכן, —
די הייליקע סעודה גייט אָן, גייט אָן״.

און אַ „הימנע״ — אַ ברכה אויף ברויט, וואָס ראַטעוועט פון טויט:

„ברויט און טויט־געוויסן האַלט אונדז אין איין קנופּ, —
זינגט אַ לויב צום ביסן, זינגט אַ לויב צו זופּ״.

די „הייליקע סעודה״ איז דערמיט אַזאַ גוטער ביישפּיל, וואָס עס גיט אַרויס אָפן דעם סעקרעט, אַז די קאָנקרעטע סיטואַציע גופא פון קראַנקן־צימער איז וויזיע. — וואָרעם פעלט דען וויזיע אין סעודה־צערעמאָניאַל פון הייבן קרוג, ברעכן ברויט און זינגען לויב צום ביס און זופּ? — די שפּירונג גופא וואָלט אוממעגלעך געווען אָן וויזיע. יאָ, עס איז דאָ אַ וויזיע. — זי הויערט און לויערט האַרט דאַקעגן. אַלע זענען אַמאָליקע ליד־וויזיעס, מיט דער משיח־וויזיע אינ־איינעם, שוועבן אומגעזעענע דורך די „לידער פון גן־עדן״, זיך זאַמלענדיק אַרום דער באַלאַדע. נאָר ער האָט דעם וויזיאָנערישן אַפּאַראַט אַריינגעצויגן אינעווי־ניק אין זיך. ער גיט מער נישט אַרויס די געבורט־סעקרעטן האָט אַ קאָנקרעטע סיטואַציע, וואָס קאָן זיי גלייך איינזויגן אין זיך. עס איז נישטאָ קיין זייטל אין דער באַלאַדע, ווו עס זאָל זיך נישט שפּירן די אַרבעט פון לייוויקס אַן אַמאָ־ליקער וויזיע, וואָס שפּילט דאָ אין באַהעלטעניש.

„צו אַלע וועלט־געשעענישן האָט ער — גיומאַן —
די פינגער אויסגעשטרעקט ווי ליכטלעך דין,
און דורכזיכטיק דורך זיי געווען, באַקומען
אַ ווייסע וועלט־נשמה און אַ ווייסן זין״

די וויזיע, וואָס פּליסטערט דאָ, האָט גערעדט בקול־רם אין צענדליקער אַמאָליקע לידער, ספּעציעל אין די לידער, וואָס זענען אַדרעסירט צום „פּריינט״. אַפילו די בילדער, וואָס געהערן צו דער שפּראַך־בילדלעכקייט, האָבן וויזיעס הינטער זיך, וואָס שפּריצן אין זיי אַריין סימבאָלישע טראָפּנס. וויזיע איז דאָס אויג און אויער פון זיין סטיל: —

„די נאַכט אין ווייסער העמד
שטייט פיבערדיק צוקאָפּן.

און שפּריצט אַף דיל און ווענט
געווירצטע שלאַף־טרונק טראָפּן״.

(„אין דרעמל״)

עס איז געשען מיט לייוויקס וויזיעס, וואָס עס דאַרף אייגנטלעך געשען מיט וויזיעס: זיי ווערן אַריינגערונען אין דער ווירקלעכקייט. געוויינלעך מאַכט מען אַ גרויסן חילוק צווישן באַשרייבונג פון זאַכן ווי זיי זענען אין עצם און זייער באַשרייבונג דורך זייערע אָפּשפּיגלונגען און וויזיעס. עס איז אַ פאַלשער חילוק: וואָס איז איצט ווירקלעכקייט, איז אַמאָל געווען וויזיע, און וואָס עס איז איצט וויזיע וועט מיט דער צייט זיך אַריינשניידן ווי אַ שטריך אין דער ווירקלעכקייט. נאָך אַ לאַנגער צייט שוועבן אין דער לופטן, ווי די איבערשטע אויסטייטשונג פון דער ווירקלעכקייט, אין געדולדיקער דערוואַרטונג, אַז די אויסטייטשונג זייערע וועט זיך אָננעמען, באַרעכענען זיי זיך פלוצלונג די וויזיעס און מאַכן קפיצת־הדרך — אויף ענגליש: „ שוירט סוירקיט״ — קורץ־שטראָם — פון די אַפּאַראַטן אַ שפּרונג דירעקט אין דער ווירקלעכקייט אַריין. ביי לייוויקן האָט אַ־דער קפיצת־הדרך זיך פאַרהאַלטן, ווייל ער, לייוויק, האָט זיך אונטערגענומען אויסצוטייטשן אַ ריזיק שטיק ווירקלעכקייט אויף אַ נייעם אופן — אויסצוטייטשן דערלייזעריש די יידישע ווירקלעכקייט. איז ער לאַנג געהאַנגען אויף זיינע דערליזונגס־אַפּאַראַטן. איצט איז אים דער קפיצת־הדרך געלונגען. ער האָט געפונען אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז איינפּאַס פאַר וויזיע.

קאָן ער איצט אַריינדרינגען אין זאַכן אַזוי, אַז זיי ווערן געשטעלן (איינפּאַסן) פאַר וויזיעס, בעת די וויזיעס זענען פאַרן אויג דורכן בפירושן וואָרט ביש־טאַ דערביי. טוט ער עס איינציקע מאָל מיטן זייגערל אויף ניומאַנס טישל, ווען די וווייזערלעך נעמען ציילן די רגעס פון ניומאַנס לעבן. מערקווירדיק אין דעם פּרט איז דאָס ליד „אויפן טיש שלאָפט אַ גלאָז״, וואָס אויסנווייניק איז עס אַ באַשרייבונג פון אַ כמעט לידיקן קראַנקן־צימער. אָבער פון אינעווייניק פּרעסט זיך דעם איינדרוק אַרויף, אַז דער מלאך־המות איז פול אין אַלע ווינקעלעך, הגם ער טוט קיין הויך נישט.

אַרויסכאַפּנדיק דריי סטראָפן — פון אָנהייב, פון מיטן, פון סוף:

„די שויבן פאַרצויגן טויאיק,
אויפן וואַנט שפּילט זיך אַ האָז,
דאָס טישל ביים בעט שטייט רויק,
אויפן טישל שטייט אַ גלאָז״...

ב. ריווקין

„דאָס זייגערל ליגט אויפן פענצטער,
און שפּיגלט די זון אין זיך אָפּ,
דריי ווייזערלעך —איינער — דער קלענסטער,
יאָגט איבער זיך אַליין אין גאַלאָפּ...״

„צוקאָפּנס שלאָפט דאָס קישן,
אויף דער סטעליע שלאָפט דער האָז,
אין ווינקל שלאָפט דאָס טישל,
אויפן טישל שלאָפט דאָס גלאָז״.

און דער חולה אין בעט איז שוין איינמאָל איינגעשלאָפן — אפשר אויף אייביק! און דער איינשלעפּערער איז דער, וואָס „לוגט״ מיט „טויזנט אויגן״ פון די ווינקלען, פון די ווענט, פון דער סטעליע אַראָפּ און פון דיל אַרויף — ער האָט זיי אַן עין־הרע געגעבן. מען פילט אים אַרויס פון דעם סדר פון די זאַצן אין סטראָפע פון די ווערטער אין זאַץ, פון דעם טראָפּ, וואָס לויפט באַרג־אַראָפּ. זיין עין־הרע דיקטירט דעם סדר און דעם טראָפּ אַזוי, מען זאָל וויסן, אַז ער, דער דיקטאַטאָר, איז דאָ. די סטראָפן הייבן זיך אָן פון אַ הויכן מיטן „די שויבן פאַרצויגן טויזיק״, „דאָס זייגערל ליגט אויפן פענצטער״, „צוקאָפּנס שלאָפט דאָס קישן״ און קייקלען זיך אין רעאַלן בילד אריין — דאָס איז די צווייטע זיכטבאַרע העלפט פון בילד. די ערשטע אומזיכטבאַרע העלפט פון בילד איז פון יענער זייט סטראָפע — אין רשות פון פחדיקן רואה ואינו נראה. אדרבא זאָל פּרווון געבן אַזאַ „רעאַליסטישע״ באַשרייבונג פון אַ קראַנקן־צימער אַ רעאַליסט, וואָס האָט קיינמאָל נישט געאיבט זיין אויג אויף זיכטבאַר צו מאַכן דאָס אומזיכטבאַרע דורך וויזיעס!

און אויב דער מלאך־המוות איז דאָ נישטאָ, איז דאָס קראַנקן־צימער „פאַר־מלאך־המוותט״ געוואָרן. דאָס קראַנקן־צימער איז הוילע וויזיע — קאָנדענסירטע, קאָנקרעטיזירטע — וואָס טיילט צו פון איר כאַראַקטער — קאָנדענסירטע, קאָנ־קרעטיזירטע וויזיע — צו די לידער וואָס זענען געשריבן אין קראַנקן־צימער, און אַפילו נישט אין קראַנקן־צימער. לייוויק האָט זיין פּאָעטישע גרונט־דערפאַ־רונג פון קראַנקן־צימער, וואָס האָט אים געגעבן אַ נייעם אַפּאַראַט פאַר לידער־בוי, אַריינגעאַרבעט אין זיין פּען.

און כדי מען זאָל נישט מיינען, אַז די וויזיע פון טויזנט־אויגיקן איז די איינציקע, וואָס דאָס קראַנקן־צימער האָט מיטגעגעבן דעם פּאָעט ווי אַן אָנשפּאַר פאַר זיין ליד — (סך־הכל זענען דאָ דריי לידער, צו די צוויי נאָך איינס, וואָס

האָבן דעם בעל־דבר אין זייער הינטערגרונט) — ווער איך אין קאָנטראַסט ברענגען דאָס ליד „ייִנגל", וואָס פאַרדינט אַן אָרט אין דער פראָנט־ריי פון די נאַטור־לידער: — די וועלט נאָך אַ שטורעם איז ניי־באַשאַפן געוואָרן צוזאַמען מיט איר באַשעפער. — די מיטלסטע דריי סטראָפן: —

„אָפּהילך פון אַ שטורעם, מילכוועג דרייט זיך קרום. — ריח
פון גאָטס פורעם טראָגט זיך נאָך אַרום. ערשט אַרויס פון תהומען
צו אַ זין, אַ ציל — אַלץ איז נאָך אָן אַ נאָמען. — שמייכל, סוד
און שפּיל. לבנה־שפּילצייג־קלינגל — ווייזט זיך און פאַרשווינדט.
גאָט אַליין — אַ ייִנגל, שפּילט זיך ווי אַ קינד".

(די סטראָפע נאָכדעם וויל איך נישט ציטירן, ווייל ווי מיר דוכט זיך, איז די פרישע ייִנגל־אימפּרעסיע איבערגעריסן געוואָרן פון אַן אידעע, וואָס האָט דעם פּאָעט אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין — דורך דעם קאָנטראַסט פון ייִנגל און זקן: ער דערזעט זיין זקן־קאָפּ אָפּגעשפּיגלט אין דער לבנה. איז עס אַן אָנגעשטרענגט בילד, וואָס ברעכט איבער די גאַנצקייט פון דער וויזיע. דאָס ליד איז פולשטענדיק געגוג ביז צו דער סטראָפע).

דער נסיון פאַר לייוויקן איז דאָ געווען גרויס: אַ שפּאָגל־נייע, צאַפּלדיקע שפּירונג — גאָט איז נאָך גאָר אַ ייִנגל! — פון וועלכער לייוויק אַליין האָט גע־דאַרפט פאַרצאַפּלט ווערן, און די וויזיע — גאָט־ייִנגל — איז דאָ אָפּן, אָנגערופן ביים נאָמען. דאָס האָט נישט געקאָנט אויסגעמיטן ווערן. דאָס איז דאָך די טעמע. די וויזיע האָט זיך ממש געבעטן פאַנאַנדערגעוויגט צו ווערן אין דער ברייט און אַרויפגעשליידערט צו ווערן אין דער הויך, כדי אַוועקצוטראָגן זיך ווי אַ זעלבסט־שטענדיק וועזן. אַן ענלעכע שפּירונג — פון צעפּלאַקערטן אָוונט־הימל — אַז גאָט געבערט די וועלט נאָכאַמאָל — האָט געגעבן דעם שטויס צו „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד" — די שלוס־פּאָעמע פון פאָריקן לידער־בוך. איז זי זיך פּאַ־נאַנדערגעלאָפן אויף צוועלף פולשורהדיקע זייטן. עס האָט לייוויקן זיכער גע־רייצט דאָס צו טון ווידעראַמאָל. דאָך האָט ער זיך איינגעהאַלטן. די שפּירונג איז דאָ צונויפגעפּרעסט אין פאַרבילדלעכטער סטענאָגראַפיע. די וויזיע — גאָט־ייִנגל — איז דאָ אַריינגענאַרט אין זאַכן־צייכנס, אַריינגעכאַפּט, פאַרהאַלטן און איינגעהיט פול און גאַנץ איינמאָל פאַר אַלעמאָל. דערמיט באַנוגנט ער זיך. פאַר די יעניקע, וואָס קוקן אויף ליד פון דעם אַזוי־גערופענעם קינסטלערישן שטאַנד־פּונקט — דהיינו, אַז די אויפגאַבע פון ליד איז צו געבן אַן אַדעקוואַטן פאַר־

בילדלעכטן איינפּאַס פּאַר אַן עמאַציע — און יוצא! — און זייער גאַנצער אינ־טערעס אין ליד שעפּט זיך אויס דערמיט, ווי גוט דער איינפּאַס איז אויסגע־אַרבעט — פּאַר אַזעלכע איז דאָס ליד „יינגל" אַ מוסטער־ליד.

עס איז אָבער קלאָר, וואָרעם לייוויק האָט זיך אַזוינס געקאָנט דערלויבן בנוגע דער שפּירונג „גאָט־יינגל". — זיינע עקספּעדיציעס מאַכט ער איצט אין דער ריכטונג פון קאָנקרעטן פשוטן מענטשן; אים זוכט ער אָנצושפּייזן מיט די שטימונגען, וואָס ער האָט אָנגעצאַפּט פון אַלע זיינע אַמאָליקע וויזיעס. איז לאָ־די וואָס „גאָט־יינגל" ליגט נישט אין דער ריכטונג, איז זיין אינטערעס בכלל איצט — נישט אין פאַנאַנדערשפּילן זיי ווי זעלבסטשטענדיקע וועזנס, נאָר אין אַריינ־שפּילן זיי אין זאַכן, אין קאָנקרעטיזירן זיי.

די מערסטע נאַטור־ און שטימונגס־לידער פון דער זאַמלונג גיבן נישט אַרויס אַזוי אָפן זייער זין, ווי „אויפן טישל שלאָפט אַ גלאָז" אָדער „יינגל". — „צוויי קינדער", אַ באַגלייט־ליד צו „יינגל" — אַן עלטערער ברודערל פירט אַ שוועסטערל דורך פעלד — וויל בשום־אופן נישט אויסזאָגן, וואָס פאַר אַ וויזיע עס באַגלייט זיי. אָבער מען פילט די גאַנצע צייט, אַז עמעצער גייט זיי נאָך און שעפּטשעט: באַהיט זאָלן זיי זיין! געשיצט זאָלן זיי זיין! — און דער עמעצער בעט רחמים ביים פעלד און ביים הימל און ביי עמעצן נאָך אַ גרעסערן פון זיך און פון זיי: ראַטעווע! — אַנדערש וואָלט דאָס ליד אַזוי נישט געקאָנט געשריבן ווערן. — „עלטערער ברודער, — נעמט אויפגעלייגט איילן, דורכפליען וויל ער מיט נס פון מינוט ס'בייזע צעפלאַקערטע האַרץ פון די מיילן".

ווו איז דאָ די וויזיע? — די וויזיע און איר זין זענען איינגעשלאָסן אין דעם געשטעל פון ליד. אָבער וואָס איז לייוויקס ליד־געשטעל, אויב נישט קיין ירושה פון זיינע אַמאָליקע וויזיאָנערישע לידער? אוודאי האָט ער זיך אויסגע־אַרבעט אַ ליד־פאָרעם, וואָס איז איינגעשטעלט אויף וויזיעס — אַ מין ליד־שטייגל אויף צו פאַנגען זיי אין זייער שוועב. שליסט ער דאָס שטייגל אויף, באַקומט ער אַ ליד. דער פאָרעם גיט אַלעמאָל צו פילן, אַז מען געפינט זיך ביי אַ שוועל, ביי אַ טרעפּ, ביי אַ טיר פון אַ געהיימען חדר, ביים ראַנד פון „קיינעמס לאַנד", ביים זוים פון אַ וווּנדער, ביים ברעג פון אַ זעונג. אין אַן אויסטערלישער רגע אַזאַ, דערפאַר, אַפילו איצט, ווען ער האָט זיין וויזיע־אַפּאַראַט אַריינגעצויגן אין זיך, קוקן פענצטערלעך פון דער וויזיע אין זיין ליד אַריין. אוודאי איז דאָ אַ געפאַר — ספּעציעל אין די קורץ־שורהדיקע סטענאָגראַפישע לידער — דער פּאָעט זאָל זיך פאַרלאָזן אויף דעם ליד־פאָרעם, אויף דער איינגעאיבטער ליד־

מאַנער, זי זאָל דורכטראָגן דאָס ליד. ער פאַרלאָזט זיך אויפן פאָרעם אין געוויסע שטעלן פון דער „אַבעלאַר און העלואיז"־סעריע: — „כ'הער אַן אָנריר. פינגער? — ווּעמעס? „דאָס בין איך דאָך אויף אַן אמת". — און עס טרעפט. — הלוואי זאָל עס נישט טרעפן — אַז פּאָעטן מיט לאַנגיעריקער דערפאַרונג זאָלן ווערן פויל און זאָלן נעמען שרייבן פון זייער פּאָעטישן סידור, צונויפשטעלנדיק לידער פון די שריים פון זייערע אַמאָליקע ליד־ווענטלעך. זיי פאַלן אַריין אין פּאָעטישן קאַמופלאַזש. אָדער אפשר רופט מען דאָס „רייפקייט"? מידקייט איז עס. עלימי־נירונג פון פּראָבלעמען. נישטאָ מער קיין כח, קיין חשק צו פיבערן. צו לייוויקס שבח דאַרף מען זאָגן, אַז ער זוכט אַלעמאָל צו באַרעכטיקן דעם געירשנטן ביי זיך ליד־געשטעלט מיט פרישער שפּירונג, אַפילו ווו עס געלינגט אים נישט אונטערצוזאָגן דעם ליד אַ גאַנצע וויזיע. אַזוי אין „פול זאָל זיין די פרייד" גע־לינגט אים בלויז דאָס מיטלשטיק — ער זאָל ווערן אַש אויף גאָטס פינגער; דערנאָך אונטערשטיצט ער עס מיט רעש...

דאָס פאַרגאַנצטע, פאַרזאַכלעכסט ליד־וויזיע אין די „לידער פון גן־עדן" — אַ ליד, וואָס ירשנט אַלע לייוויקישע מעלות, אַמאָליקע און היינטיקע — איז אַ ליד־עקספּעדיציע צום שכן.

אַוודאי איז עס אַ משיחיסטיש ליד. וואָרעם ערשט דער אומענדלעכער, משיחיסטישער אַדרעס שטרעקט לייוויקס פאַנטאַזיע און שפּאַנט זי אָן צו פּרוכט־באַרער שעפערישקייט. אַזוי איז געווען און אַזוי וועט עס אויך איצט זיין. און אַוודאי דאַרף ער זיין משיחיזם נישט אָנווערן, וואָס לייט זאָלן נישט זאָגן — אַפילו איצט נישט, ווען ער האַלט זיינע אויגן אַראָפּגעלאָזט צום בשר־ודם. די משיח־וויזיע איז געווען דער אינסטרומענט, מיט וועלכן ער האָט אַרויסגעצויגן פון זיך ווערק, וואָס האָבן דורכגעמאָסטן די יידישע ווירקלעכקייט אין דער טיף, לענג און ברייט. דאַרף ער לייט צוליב זיין אינסטרומענט נישט אַרויס־לאָזן. און זיי זאָלן זיך נישט מישן — עס איז זיין אינסטרומענט.

עס איז גלייכצייטיק אַ וויזיאָנעריש און קאָנקרעט מענטשלעך ליד — משיח אַריינגעפּרעסט אין פשוט מענטשלעכן „דו". — ווי קאָן עס געמאָלט זיין? לייוויק האָט געלייזט דאָס פּראָבלעם. דער נייער ליד־מעטאָד זיינער, וואָס פּרעסט וויזיע אין דער עצם־זאַך אַריין, האָט אַרויסגעפּרעסט דאָס ליד. דער מעטאָד, וואָס ער האָט זיך אויסגעאַרבעט צוליב זיין רעטונגס־אַקציע לטובת נתן ניומאַנען, האָט דאָ געקראָגן זיין העכסטע באַרעכטיקונג. דאָס ליד איז זיין הויפּט־הכנסה פון דעם פאַרמעגן, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין נתן ניומאַנען.

דאָס ליד האָט זיך אַרומגעזוכט און אַרומגעבלאָנדזשעט אין די אַלע לידער ווי „דו“ איז אַן אויגנבליקלעך דערוואַרטעטע אַנטפּלעקונג און ווי עקספּעדיציע ווערט גלייך אַ באַגליקנדיקע אַנטדעקונג און פאָרעמט זיך אין געזאַנג („קום צו מיר“, „אַ העלער באַגינען“, „גוט וואָס קיינער ווייס נישט ווו“, „טרעף“) — ביז דאָס ליד האָט זיך געפונען — ביז משיח־אַלמענטש — „דו“ — איז געקומען צום פולן זעלבסטשטענדיקן אויסדרוק אין ליד „אָפענע הימלען“. וואָס איז דאָס בעסטע ליד אין בוך און אפשר דאָס בעסטע, וואָס איז פון לייוויקן געשריבן געוואָרן. דאָס ליד איז נישט צום ציטירן. עס מוז געלייענט ווערן אינגאַנצן. יעדעס וואָרט איז געציילט, געמאָסטן, געוויגן. יעדעס וואָרט אויף זיין אָרט — פון אָרט נישט צו רירן .עס דערפילט אַ פונקציע — עס דאַרף געבן דעם ריכטיקן עפעקט אין ריכטיקן מאָמענט.

עס איז געשריבן אין סטיל פון פשוטע נאַקעטע רייד; אין דעם אין איינפאַכקייט אויסגעאיידלטן סטיל פון „אַ בריוו פון אַמעריקע צו אַ וויטן פריינט“ פון פאַריקן בוך, און אין וועלכן די מערסטע גוטע לידער פון דער נייער זאַמלונג זענען געשריבן; דער אָנפירער פון דעם ריטם איז נישט אַזוי דער מוזיקאַלישער קלאַנג, ווי דער אָטעם פון געמיט; אַמאָל אָטעמט ער אין כוואַליעס, אַמאָל אין וויברירונג; באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ און טאַליק. עס בעט אויף זיך אַ ניגון, און דער ניגון וועט זיך אַליין אויסשטעלן ביים לייענען; עס בעט זיך געשפּילט צו ווערן; און עס וועט זיך אַליין אויפשפּילן.

דער אין איידלקייט פּאַראיינפאַכטער סטיל מיינט אַז דאָס ליד וויל זיין מער ווי ליטעראַטור; וויל אַריבערטרעטן דעם שוועל פון ליטעראַטור; וויל ווערן לעבנס־אמת; וויל וואָס אויפטון מיטן מענטשן. און דאָס, וואָס די איינפאַכקייט האָט זיך אויפגעאָטעמט ביז ניגון, אַזוי אַז עס וויל אויפגעזונגען און אויפגעשפּילט ווערן, ווייזט אויף נאָך מער: עס ווייזט, אַז דאָס איז אַ ליד פון גאָר אַ נייעם היוכן גראַד.

דאָס ליד איז אַ סך מער ווי „יינגל“. עס האָט נישט נאָר אַדעקוואַט איבערגעגעבן דעם פּאָעטס אינטימסטע ווירקלעכקייט; און נישט נאָר כאַפּט ער אויף און פאַרפעסטיקט דעם פּאָעטס אַ נייע לעבנסשפּירונג — נאָר ס׳ליד גופא איז אַ מיטל צו פאַרמערן די ווירקלעכקייט; ס׳באַשאַפט דורך זיך אַליין נייע שפּירונגען. יעדעסמאָל ווען ס׳ליד ווערט געלייענט, באַשאַפט עס אַ נייע קאָמבינאַציע פון ווירקלעכקייט פאַרן לייענער: פאַרמערט דעם מענטשן אין אים און פאַרפורעמט די פאַרמערונג; עס קומט אים צו מענטש. עס קאָן געלייענט ווערן ווי־

אַ תפילה פאַר נשמה־באַרייכערונג, און די תפילה זאָל גלייך מקוים ווערן. דאָס ליד איז מענטש־באַשעפעריש. אַן אינסטרומענט, אויף וועלכן ניי־מענטש ווערט אויפגעשפּילט, און דער אויפשפּיל שטעקט אַן. נישט אוממעגלעך אין עפעקט צו אַ גוטער מוזיק־אויפפירונג: אַלע מאָל אַ ניי קונסט־ווערק.

עס איז אויפגעשפּילטע תפילה, אַ הייליקע אויפפירונג, צערעמאָניעלע האַנדלונג, אַ ליד־עבודה. ס׳איז משיחיזם אין אַקציע.

ליד־עבודה, קינסטלערישער צערעמאָניאַל איז קענטיק לייוויקס גאַנג צו אַ יידישער ליטעראַטור, וואָס שאַפט אָפּ ליטעראַטור און אונטערנעמט זיך צו שאַפן מענטש־באַשעפערישע רעליגיעזיטעט מיט קינסטלערישע מיטלען.

עס שיינט צו ווערן דער גרונט־געזעץ פון דער יידישער פּאָעזיע אָט די טענדענץ אירע צו ווערן קינסטלערישע רעליגיע. — מיר האָבן די טענדענץ צו־ערשט באַמערקט ביי א. ליעסינען, וועלכער אַרבעט שוין פון כמה יאָרן אויף אַ פאָרעם פון ליד, וואָס קאָן באַצייכנט ווערן אַלס ליד־חזיון. לכתחילה האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז ליעסינס אַ פּערזענלעכע כאַראַקטעריסטיק. שטעלט זיך איצט אַרויס, אַז די טענדענץ איז דער ציל, וואָס די יידישע פּאָעזיע האָט זיך אויסגעזוכט פאַר איר זעלבסט־רעטונג, כדי אַזוי אַרום צו ווערן לעבנס־וויכטיק און אומבאַדינגט נייטיק דער יידישער פאָלקס־מאַסע. ה. לייוויק גייט דעמזעלביקן וועג מיט אַן אייגענעם גאַנג. און די שנעלקייט, מיט וועלכער דער־זעלביקער פּאָעטישער ציל האָט זיך איבערגעגעבן קיין ווילנע צו גראַדען און פֿאַר־רעמט ביי אים אַ ליד, וואָס איז עכט און אייגנאַרטיק, באַשטעטיקט, אַז דאָס איז די פּאָעזיע אַליין וואָס האָט עס זיך געמאַכט פאַר אַ ציל.

פאַר לייוויקן באַצייכנט דאָס ליד אַ נייע ווענדונג אין זיין שאַפן. פון איצט אָן וועט ער קאָנען זיך באַנוצן מיט דעם „דו״־סימבאָל — דעם סימבאָל פון פּראָסט־פשוטן מענטשן — ווי ער האָט זיך פריער באַנוצט מיט דעם משיח־סימבאָל און „פריינט״־סימבאָל, אויף צו פורעמען זיינע ווערק. ער האָט אויס־געגליכן דעם „דו״־סימבאָל אין יחוס מיט זיי. ער וועט מער נישט גיין נאָך געהויבענער אינספּיראַציע אין די יחוד־שטיבלעך פון די אויסדערוויילטע. זיינע דערלייזונגס־ווערק וועלן אַראָפּנידערן פון די הימלען צום קאָנקרעטן לעבן, אין אַ מענטשן פון דער מאַסע וועט ער זוכן און געפינען משיחות — דערליי־זונגס־קראַפט. קאָנקרעטיזירונג — דאָס האָט זיך פון אים געפאָדערט, און צו דעם האָט ער געצילט. זיין נעקסטע משיח־דראַמע וועט זיך אָפּשפּיגלען אונטער „אָפענע הימלען״ — אינמיטן גאַס. ער וועט זיך צוריק קאָנען נעמען צו דער

דראַמע־פאַנטאַזיע „ל״ו״, וועלכע ער האָט ערגעץ באַהאַלטן — און נישט פאַר־שלייערן זיי די פנימער, און נישט פאַרוואַרפן זיי אין די מדבריות. אין ניו־יאָרק וועט ער געפינען געגנוג פלאַץ פאַר זיי.

לייוויקס מעלה איז, זיין לייוויקישע גרעסטע מעלה — זיין קיינמאָל זיך נישט אָפּשטעלן. דאָס לעצטע איז קיינמאָל נישט לעצט: „יאָ וואַרהאַפּטיק, זע — דאָס לעצטע וואָרט איז קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט לעצט״ („אַ העלער באַ־גינען״). — „געזאַנג איז פיבער. שפּרייז אַריבער, שפּאַן אַריבער״. „איך הייב זיך אויף ווידער, איך שפּאַן אַוועק ווייטער״ — דאָס איז די שבועה, וואָס גייט אים נאָך ווי אַ ניגון אויף זיין לעבנס־וועג. מעגן מיר זיכער זיין, אַז ביי זיין דערגרייכונג פון די „לידער אין גן־עדן״ וועט ער זיך אויך נישט אָפּשטעלן — ער וועט אַריבערשפּאַנען.

„צוקונפט, 1937.

אויפֿן ברייטן שליאַך

עס איז דער פֿאַרדינסט און דער גוטער מזל פֿון ה. לייוויקן, וואָס ער גייט מיטן גרויסן וועג, מיט וועלכן די ייִדישע ליטעראַטור דאַרף גיין — דאַרף גיין, ווייל דער וועג איז נאָך גאָר נישט קיין פֿאַרטיקער. ער דאַרף ערשט אויסגעלייגט ווערן. לייוויק מיט זיינע ווערק העלפֿט אויף אַ גרויסן שטייגער אויסלייגן דעם וועג.

וואָס איז דער גרויסער וועג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור? זייט די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור איז אויפֿגעקומען, האָט זי זיך פֿאַרנומען אין דער ריכטונג, אין וועלכער עס האָט זיך פֿריִער באַוועגט די ייִדישע רעליגיע — פֿאַראויסצוגיין דעם פֿאָלק מיט וועג־ווייזונג; צו געפֿינען פֿאַר אים אויסוועגן, ווען עס פֿאַלט אַריין אין אַ קלעם, וואָס דאָס פּאַסירט אַזוי אָפֿט; ווי דאָס פּאַסירט היינט. די ייִדישע ליטעראַטור איז געקומען די ייִדישע רעליגיע צו פֿאַרבייטן — צו זיין די טרעגערין פֿון פֿאָלקס־גורל, צו פֿירן דעם פֿאָלקס־חשבון מיט זיין געשיכטע און זיין חשבון מיט דער וועלט.

פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור איז עס גאָר נישט אַזוי לייכט. ערשטנס, טאַקע דערפֿאַר, ווייל די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסע איז פֿאַר טויזנטער יאָרן געווינט געוואָרן, אַז די רעליגיע, דער רעליגיעזער ספר זאָלן פֿירן די גרויסע ייִדישע חשבונות. ליטעראַטור, ווי מיר פֿאַרשטייען עס, איז לכתחילה פֿאַרן פֿאָלק געווען אַ פֿרעמדע זאַך — „נאָכגעטון די גויִים". צווייטנס, ווען די ייִדישע ליטעראַטור האָט שוין געוווּנען אַ שטיקעלע אָנערקענונג ביים פֿאָלק, האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז די פֿאָלקס־אָנערקענונג איז נישט גענוג צו באַזאָרגן די ליטעראַטור מיט קיום און חיונה. איידער נאָך די ליטעראַטור האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט איר לייענערשאַפֿט זיך גענומען פֿאַרמינערן: די יוגנט, די אינטע־

ליגענץ, זענען פון איר אַוועקגעצויגן געוואָרן דורך דעם מאַגנעטיזם פון די שכנישע, עקאָנאָמיש־שטאַרקערע, רייכערע ליטעראַטורן.

די ליטעראַטורן פון די אומות־העולם האָבן עס אַ סך לייכטער: ערשטנס, איז זיי פאַרשפּאָרט די דאגה פון חיונה. צווייטנס, איז זייער עצם־אויפגאַבע אַ גרינגערע. דאָס אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע לעבן, די מלוכה, רעגולירן דעם פאָלקס גורל. דעם פאָלקס ווייטערער געשיכטלעכער וועג צייכנט זיך פון זיך אַליין פאַר דער ליטעראַטור בלייבט נאָך דעם וועג אויסצושפּירן.

די יידישע ליטעראַטור, אַ חוץ וואָס זי דאַרף זיך אַליין אויסהאַלטן, ראַנג־לענדיק זיך כסדר מיט דער סכנה פון אונטערגאַנג, דאַרף זי נאָך דערצו, טראָגנ־דיק זיך מיט איר אייגענעם אימפּעט אין דער לופטן, נישט נאָר דעם וועג אויס־שפּירן, נאָר פון זיך גופא דעם וועג אויסלייגן, כדי צו געבן דעם פאָלק וועג־ווייזונג. פאָדערט עס אַ געוואַלטיקע אָנשטרענגונג מצד דעם יידישן שריפטשטע־לער וועג־אויסלייגער. בפרט פון לייוויקן, וועלכער איז גאָרנישט וואָס מען רופט אַ „פאָלקס־מענטש“. בטבע אַ יחידישער, אַ פאַרטאָנענער אין זיך. וואָס ער לעבט איבער פּריוואַט, קאָן גאָרנישט, ווי עס שטייט און גייט, איבערגעזעצט ווערן אין פאָלקס־איבערלעבונג. האָט ער געהאַט אַ היפּשע אַרבעט איבערצואַרבעטן זיינע פּערזענלעכע נשמה־נויטן אין פאָלקס לעבנס־נויטן. און ווען ער האָט דער־גרייכט, אַז זיין פּערזענלעכער גורל האָט פאַר אים אַזוי זיך צונויפגעשמאָלצן מיטן גורל פון פאָלק, אַז פון „אין זיך“ ציט ער וועג און אויסוועג פאַרן פאָלק — איז עס אַ גאָר גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג.

די, וואָס גייען דעם גרויסן וועג פון דער ליטעראַטור, אויסברעכנדיק אויס־וועגן פאַרן פאָלק, אויסברייטערנדיק זיינע האָריזאָנטן — זיי האָבן זייער שכר: דאָס פאָלק אינסטינקטיוו טראָגט זיי אַנטקעגן שעצונג און פאַרערונג. אַזוי איז געווען מיט די פּיאָנערן, וועלכע האָבן איינגעפירט מאָדערנע ליטעראַטור ביי יידן. דער שכר האָט אויך לייוויקן נישט אויסגעפעלט. אָבער נאָך וויכטיקער איז דער אינעווייניקסטער שכר: דער שריפטשטעלער וועג־אויסלייגער האָט דעם באַוווסטזיין, אַז ער איז מקיים אַ גרויסע פליכט, אַז ער דערפילט די שליחות פון דער ליטעראַטור. און אָט דער באַוווסטזיין רופט אָפּ אין אים אַן איבערפלוס פון שעפערישן כוח. אַזוי איז אויך געווען מיט די פּיאָנערן — מיט זייער יעדן טראָט פאָרווערטס, איז זיי צוגעקומען טאַלאַנט. לייוויק, וועמענס גאַנצער גאַנג איז אַן איבערברעכן פון זיין פּערזענלעכן אינטימען וועג אין אַ וועג פאַר דער ליטעראַטור, דורך כסדרדיקער זעלבסט־באַצווינגונג, דורך כסדרדיקע נצחונות

איבער זיך אַליין — איז פון נצחון צו נצחון פאַרמערט געוואָרן אין טאַלאַנט. פאַסט זיך פאַר אַ יובל־סך־הכל מיר זאָלן מיט לייוויקן נאָכאַמאָל איבערגיין זיין וועג.

דאָס איז די ערשטע סטראָפע פון לייוויקס ערשטן ליד — געדרוקט אין „צוקונפט" פון 1914.

„ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע,
זילבערנע בלאָען די בערג
נאָך פון קיינעם באַטראָטענע;
ערגעץ טיף ערגעץ טיף
אין דער ערד איינגעקנאָטענע
וואַרטן אוצרות אויף אונדז
וואַרטן אוצרות פאַרשאָטענע".

די צווייטע סטראָפע טראָגט אונדז אַריבער אין דער סיבירער קאַטאָרגע, דער „ערגעץ ווייט" און דער „ערגעץ טיף" חלומען זיך אַ געפאַנגענעם אין קאַטאָרגע־קאַמער. אָבער ער האָט נישט געדאַרפט וואַרטן אויף דער קאַטאָרגע צו פאַרחלומען אַן „ערגעץ ווייט" און אַן „ערגעץ טיף". נאָך יינגלוויז — דער־ציילט ער אונדז אין אַ צווייטן ליד און ער האָט עס אַ צענדליק מאָל איבערדער־ציילט — האָט ער געלעבט מיט זיך אַליין — „אַזוי ווי עפּעס וואָס פון אַלעמען באַהאַלטן". און באַהאַלטן האָט ער:

„...איך דער ערשטער וועל דערזען דאָס וווּנדערלעכעס, גרויסעס,
און מער פון מענטשן שוין נישט קענען עס פאַרבאַרגן;
פון טיר צו טיר, פון שויב צו שויב וועל איך זיך לאָזן קלאַפּן
און אָנזאָגן דעם ליכטיקן פרימאָרגן..."

אַ פאַרשוויגענער יינגעלע געווען, מיט אַ גוט קעפּל און שטומער צונג, און, ווי דער שטייגער איז פון אַזעלכע יינגלעך, חלומען זיי זיך אַריין אין אויסדער־ווײַלטקייט. וואָס אַזאַ יינגעלע דערזעט נישט צו מענטשן, דערזעט ער עס אין זיך. ער איז נישט אַבי־ווער, איזן איז ער עפּעס אַנדערש. ער איז טאָפּלט. ער איז צווייִיק. אָט אַזוי ווי איר קוקט אים אָן, איז ער אַן אויסגעטראַכטער; דער אמתער איז ערגעץ־ווו אַנדערש, און עס איז גענוג אַ שפּעלטעלע אין אַ שטומער וואַנט, ער זאָל זיך אויסחלומען אין דער וואַנט, הינטער דער וואַנט, אַ וווּנדער־לאַנד, ווו דער אמתער יינגעלע וואַנדערט אַרום.

דערמיט איז דער יִנגל לייוויק קיין אויסנאַם נישט געווען. דאָס איז געוויינלעך מיט יִנגעלעך, וואָס האָבן אַ שטיקעלע נשמה־יתירה אין זיך — קינפּטיקע פּאָעטן אָדער פילאָזאָפן. דאָס אויסבאַהאַלטעניש האַלט אָן ביז ווייט אין דער יוגנט אַריין — ביז זיי נעמען זיך צו דער פּען, וועלכע רעדט עס אַרויס. איז ער אָבער אַריינגעפאַלן אין דער קאַטאָרגע, און דאָס וואָס האָט געזאָלט אויסגיין צו זיין פּען, איז אויסגעגאַנגען צו אים אַליין. דאָס פאַרבאַהאַלטן זיך אין זיך איז געוואָרן זיין לעבענס־רעטונג. אונטער די שמיץ פון די קאַטעווער, פלעגט אים נעמען אַ רגע צו פאַרגיין טיף אין זיך צום סאַמע ברעג פון זיין וואונדערלאַנד. אַ פאַרגלאָצטער אין זיין זעונג, פלעגט ער ווי אַרומגערינגלט ווערן מיט אַ הייסער לופט, וואָס פלעגט אים שיצן פון די קלעפּ און ער פלעגט קיין ווייטיקן נישט פילן — צום שטוינען פון די וועכטער און פון די חברים־אַרעסטאַנטן. וועגן דעם האָט ער אַ צען־מאָל־צענדליק מאָל דערציילט אין זיינע לידער — אָפן אָדער פאַרשטעלט. יאָרנלאַנג איז ביי אים קיין ליד נישט געווען, ווו דער געפּייניקטער גוף זאָל נישט דערמאָנט ווערן צום גוטן. דער גוף איז אים נייטיק געווען ווי אַ געצייג אַרויסצוקריגן פון זיך רגע פון וואונדער, אַרויסצורופן די זעונג פון וואונדערלאַנד און די זעונג פון זיך, דעם אויסדערוויילטן. און ווו עס האָט אים קאַטאָרגע געפעלט פאַר פּייניקונג, פלעגט ער אַליין זיך צערעכטמאַכן אַ קאַטאָרגע. נאָך עד־היום אַזוי.

די לידער פון זיין ערשטער לידער־זאַמלונג „אויף סיבירער וועגן" — וועגן זיין פליטה פון פאַרשיקונג — פאַרמאָגן בלויז פונקען־שפּריצן פון זיין זעונג פון וואונדערלאַנד. אָבער די לידער זענען דווקא געפעלן. פונקען זענען גענוג פאַר דעם איינדרוק פון שיינקייט: —

„קומען ערגעץ וועלן מיר צופאָרן
ערגעץ אין אַ זומערדיקן לאַנד;
וועלן מיר פאַרקויפן פערד און שליטן
און צופוס זיך לאָזן גיין ביינאַנד".

פון פּראַקטיקן שניי אַרויס פינקלט אים דאָס זומערלאַנד. די פונקען זענען די חן־גריבלעך פון די סיבירער לידער.

דאָס זענען געווען די יאָרן, ווען די „יונגע", וואָס זענען שוין איצט ביי די פופציקער, זענען אויפגעקומען מיט זייער פאַרהערלעכונג פון פאָרעם פון ליד. ביז זיי איז דער קערן פון ליד געווען דער אינהאַלט — אַ פּראָלעטאַרישער, צי נאַציאָנאַלער. ראָזענפעלד האָט לידער פוןביידע מינים. וואָס שייך די פאָרעם,

איז מען צופרידן געווען, אויב זי גיט געגוג זינגענדיקן צי קלינגענדיקן אייג־פּאַס פאַרן אינהאַלט. דער אויפּטו פון די „יונגע" איז געווען, וואָס זיי האָבן איינגעפירט, אַז די פאָרעם פון ליד דאַרף פּילפּאַך באַרייכערן דעם אינהאַלט. דער אויפטו איז געווען פון גרויסער באַדייטונג פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור. צוליב דעם אייגנטלעך איז די נייע „גאָטלאָזע" שאַפונגס־פאָרעם איינגעפירט געוואָרן ביי ייִדן. דער רעליגיעזער ספר איז געווען פון גאָט אינספּירירט — גאָט העלפט גרונטעווען זיך אין לעבנס־אמת. דאָס ליטעראַטור־ווערק איז פון פאָרעם אינספּירירט — די פאָרעם העלפט גרונטעווען זיך אין לעבנס־אמת. די ייִדישע ליטעראַטור האָט מיט די „יונגע" פאַרענדיקט דאָס לערנען די גוייִשע לעקציע. און ווייל פון אַזאַ באַדייטונג, זענען די „יונגע" — צווישן זיי מאַני־לייב, דער ערשטער, וואָס איז „יונג" געוואָרן — עד־היום פאַרכישופט אויף זייער אויפטו.

לייוויק, וועלכער איז געקומען אויף אַ כמעט פאַרטיקן אויפטו, איז נישט פאַרכישופט געוואָרן, הגם ער האָט געגוג כישוף אין זיך. אָט די געשפּאָלטענע רגע, פון וועלכער עס דאַרף באַלד אַרויסשפּרינגען אַ זעונג, גיט אייגנאַרטיקע פאָרעם צו זיין ליד:

„טויט און שטיל
שעה נאָך שעה
ווער איז דאָ?
איך בין דאָ".

דאָס איז די פאָרעם פון אויגנבליקלעכער דערוואַרטונג פון אַ וווּנדער. לייוויק, ווען ער וואָלט געווען אַ „פאָרמאַליסט", אַ שיינקייט־יעגער, אַ פּאָעט־עסטעט, וואָלט ער אויף דער באַזע פון אָט־דער פאָרעם, געקאָנט מאַכן אַ פּאָעטישע קאַריערע, צאַפּנדיק אָן אַ סוף, דורך אַלץ רייכער־געפורעמטע לידער, פון דעם בלוטס־טראָפּן דערפאַרונג, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון זיין קינדהייט און יוגנט. אָבער לייוויק באַגנוגנט זיך נישט מיט קיין טראָפּן. זיין גאַנצן לעבנס־אינהאַלט דאַרף ער אַריינטון אין זיין ליד. און זיין לעבנס־אינהאַלט דאַרף ער אַלץ פאַרמערן, און ער טוט אים אַריין אין לידער טאָפּלטער פאַרמערונג.

אויך די פּאָעטן־עסטעטן שעפּן פון זייער לעבנס־דערפאַרונג. אָבער נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעשעפּט, זייען זיי אָפּ אַ טראָפּן פון איר אויבערשטן שוים און דערווייטערן זיך אין זייער אויבערשטער סאַליע, אין זייער פּאָעטישער לאַבאָ־

ראַטאָריע, און זייען און זייען פון שוים, ביז עס בלייבט בלויז דער טעם. און דעם טעם פּאַסן זיי אַלץ מער צו צו דער כּלי, מיט וועלכער זיי זייען — נישט די כּלי צום טעם. ווייל די כּלי — די פאָרעם פון ליד — איז פאַר זיי דער עיקר. גאַנץ אָפט איז די כּלי אַ סך מער ווערט, ווי די לעבנס־דערפאַרונג, וואָס האָט געגעבן דעם שטויס צו דעם פּאָעטישן אָפּזייונג־פּראָצעס. און נאָר אַ קריטיקער מיט אַ שאַרפן אויג קאָן טרעפן, פון וועלכער אָפּגעזייטער לעבנס־דערפאַרונג דאָס ליד איז געבאָרן געוואָרן.

דאָס איז דער אַלטער שטרייט צווישן ייִד און גריך, דער אמת־זוכער און שיינקייט־יעגער. לייוויק איז נענטער צום ייִדישן מקור, „נענטער צו גאָט״, צום „ממעמקים״. ער האָט אין אַמעריקע געהאַט אַ פאָרגענגער אין א. ליעסינען. אָדער אפשר נישט אַ פאָרגענגער, נאָר אַ צוזאַמענגייער. וואָרעם גלייכצייטיק האָבן זיי עס געטון — דער עלטערער און דער ייִנגערער. אויך ליעסין האָט זיין ליד געלאָזט זיך אָנזייגן פון זיין לעבנס־דערפאַרונג.

לייוויק לעבט דורך זיין ליד. מ׳קאָן פון זיין ליד אַרויסלייענען וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט אים נעכטן. ער מאַכט חשבון־הנפש בפרהסיה. און ווי ער וואָלט געוועזן אַ קאַטאָרזשניק נאָך איידער ער איז אויף קאַטאָרגע אַוועק. ער פּאַלמעסט זיך, און שפּייזט זיך פון זיינע יסורים. און ביז ער קריגט נישט אַרויס דערלויזבעניש פון זיין געוויסן, שרייבט ער קיין ליד נישט. אָבער אויך דער כּישוף פון פאָרעם איז אין אים איינגעבאָרן, האָט לייוויק לידער פון צווייערליי מינים: לידער — עקספּעדיציעס, לויזע, לויפנדיקע, ווו ער לאָזט זיך אַרויס אין געיעג נאָך נייעם לעבנס־אמת; און לידער, ווו ער איז אַ שיינקייט־יעגער — געצאַמטע, קאָנצענטרירטע, ווו ער פאַרפורעמט דעם ניי געוווּנענעם לעבנס־אמת אין ליד־פאָרעם פון געשפּאָלטענע רגעס פון ערב־ווונדער. און ער האָט לידער וואָס זענען אַ סינטעז פון ביידע מינים.

דאָס גילט וועגן לייוויקן פון אַלעמאָל — פון זיין אָנהייב ביזן היינטיקן טאָג.

נאָכדעם ווי ער האָט מיט זיין זאַמלונג „אויף סיבירער וועגן״ איבערצייגט זיך אַליין און די קאָלעגן־פּאָעטן, אַז ער איז אַ פּאָעט אין זיין אייגענעם רעכט, האָט ער געוווּנען קראַפט און רשות אויף נאָך מער: ער האָט מער זיך נישט באַנוגנט מיט ציִען פונקען־שפּריצן פון זיין זעונג פון וווּנדערלאַנד, כּדי אַריינצושפּרינקלען זיי ווי „חן־גריבעלעך״ אין זיין ליד פאַר אַן איינדרוק פון שיינקייט; נאָר ער האָט זיין ליד געעפנט פאַר גאַנצע זעונג־כוואַליעס:

ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק

„איבער מיר גייט אויף אַ רעגנבויגן, —
דער טייך ,וואָס פירט צו מיין געהיימען לאַנד״...

און דריקנדיק אויף די „טויט־ווייסטע״ ערטער אין זיין געמיט, האָט ער געצויגן חיות אויף צו האָדעווען זיין „צווײ געשטאַלטיקייט״, זיין אויסדערוויילטקייט: — „איך גלויב אין מיין טויט דעם באַזונדערן״. — ער וואָלט דערגאַנגען ביז צו זעלבסט־פאַרהערלעכונג — וואָס דאָס איז, אגב, געזעצלעך פאַר אַ פּאָעט: נישט מער ווי אַן אילוזיע — אַ פּאָעטישע אידעאַליזאַציע, וואָס גיט אינספּיראַציע. איז אונטערגעקומען די ייִדישע קאַטאַסטראָפע פון די מלחמה און נאָך־מלחמה־יאָרן, און די זעלבסט־פאַרהערלעכונג האָט אויפגעהערט. ער האָט געפונען אַ רחבות „אויסער זיך״ פאַר דעם וואָס ער האָט געטראָגן „אין זיך״. קאַטאָרגע? — דער גאַנצער ייִדישער תחום איז געוואָרן איין שטיק ייִדישע קאַטאָרגע, מיט געפּייניקטן, געשענדעטן ייִדישן גוף, מיט טויט אַלס דעם איינציקן אויסלייזער פון פּיין און שאַנד...

אָבער קאַטאָרגע ,גוף, טויט, זענען פאַר לייוויקן דאָך פון תמיד אָן געווען די קוואַלן פון אויגנבליקלעכער וווּנדער־דערוואַרטונגען — האָט דאָ פּאַסירט, אַז „קיינעמס לאַנד״, ווו ייִדישע שטעט האָבן געפלאַקערט צווישן די מלחמה־שרפות און הורבן האָט געלייגט אין די קברים צענדליקער טויזנטער ייִדישע נפשות — דאָ האָט פּאַסירט, אַז „קיינעמס לאַנד״ צווישן די לאַגערן איז געוואָרן דאָס „וווּנדערלאַנד״, ווו דער טויט, ווי אַ ריזן־זעונג האָט געשפּאַנט געאָרעמט מיט דער משיח־זעונג. און דאָ האָט פּאַסירט, אַז די זעלבסט־זעונג פון פּאָעט, ווו ער האָט זיך אַליין געזען אין דער געשטאַלט פון אויסדערוויילטן ,איז צונויפגעפאַלן מיט דער זעונג פון אויסדערוויילטן פון פאָלק ישראל — מיט דער משיח־געשטאַלט.

די לידער „אין קיינעמס לאַנד״ פלייצן מיט זעונגען, אויסגעפלייצט פון אַן אויג, וואָס האָט געטרונקען זעונג ביז פאַרשיכורונג — ביז די ברעגן פון דער ניכטערער ווירקלעכקייט זענען פאַרשוווּנדן. „טונקעלע לידער״ — ווייל זיי האָבן געטונקלט אין די אויגן, וואָס זענען נישט געווינט געוואָרן צו אַזאַ ספּעקטאַקל. נאָר טרוקענע שפּענדלעך אויף דער פלאַך גיב זיי אָנקוקן. אָבער אין דערזעלביקער זענען דאָ „ליכטיקע לידער״, ווו די ווירקלעכקייט איז אויפגעליכטן ביז צו העלזעונג, טאַקע דערפאַר, ווייל אָנגעקוקט דורך אַ זעונג. אַזוי־פיל ווירקלעכקייט קאָן גאָר דאָס געוויינלעכע אויג נישט דערזען.

לייוויקס זעלבסטזעונג איז צונויפגעפאַלן מיט דער משיח־געשטאַלט, וואָס ער לייענט אַרויס אירע שפורן פון די שטיינער און שוועלן, איבער וועלכע עס שוועבן נאָך די נשמות פון די הרוגים.

לייוויקס אַריינוואַרפן זיך אַליין אין דער משיח־געשטאַלט איז אַ געשעעניש אין זיין שאַפן. מיט יאָרן שפעטער וועט מען זאָגן, אַז עס איז געווען אַ געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָ צום ערשטן מאָל, איז משיח גענומען געוואָרן נישט פון דער טראַדיציע, ווי אַ טעמע, פאַר אַ גלייכגילטיקער אומפּערזענלעכער באַאַרבעטונג, נאָר גענומען פון אָנהייב אָן, נייגעבאָרן, הייסגעבאָרן פון געפיל און באַוווסטזיין פון היינטיקן יידן. דערפאַר איז טאַקע גוט, וואָס זיין משיח־געשטאַלט וואָרצלט אין זיין זעלבסטזעונג, שפּראָצט פון אים אַליין.

דאָס איז נישט קיין נחתן זיך מיט דער אייגענער גדולה. נאָר דאָס געזעצלעכע רעכט פון אַ פּאָעט צו נוצן זיך אַליין פאַר זיין שטאָף און אינסטרומענט. מעג ער זיך פאַרקליידן אין דער געשטאַלט, וואָס אין איר נאָמען שאַפט ער זיינע ווערק. די געשטאַלט דאָס איז זיין אינסטרומענט. אַז מען זאָל גוט נאָכפאָרשן, האָט יעדער פּאָעט — אָפן אָדער פאַרשטעלט — אַזאַ געשטאַלט־אינסטרומענט. א. ליעסין האָט אים געהאַט אין „אייביקן יידן" וועלכער האָט געשריבן פאַר אים זיינע פּאָעמען. מאַני לייב האָט זיין אינסטרומענט אין דער געשטאַלט פון אַ וואַנדערנדיקן בעטלער, וועלכער קומט אין די אָוונטן אין שטעטלאַריין מיט אַ גאַנצער טאָרבע צויבער־מעשיות פאַר יידישע קינדער. אין ניו־יאָרק האָט ער דעם אָוונט־וואַנדערער געדאַרפט פאַרשטעלן, שיינע מיידלעך צו געפעלן. זיין יעדעס ליד איז געווען דער אָנהייב פון אַ פאַרצויבערטער אָוונטדיקער מעשה. זישע לאַנדוי האָט זיין אינסטרומענט געהאַט אין דער געשטאַלט פון אַ חסידישן רבינס אייניקל, וועלכער איז אין פּאַריז מגולגל געוואָרן אין אַ פּאָעט־סקעפּטיקער, וועלכער נוצט זיין בעל־שמישע ירושה פאַר גראָטעסק־סימבאָלישן שפּיל.

די משיח־געשטאַלט, אין וועלכער לייוויק האָט איינגעפאַסט זיין אייגענע געשטאַלט, איז פאַר אַ שטיק צייט געווען לייוויקס אינסטרומענט, וואָס האָט אים אויסגעצייכנט געדינט אין ווערק־שאַפונג. דורך איר האָט ער געמאַכט דעם איבערגאַנג פון „איך" צום פאָלק, איבערזעצנדיק זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען אין פאָלקס־איבערלעבונגען, איינהעפטנדיק זיין אייגענעם גורל אין פאָלקס גורל. אַלץ וואָס ער האָט אָנגעלעבט פּריוואַט, יחידיש, האָט ער געקאָנט

גלייך שטעלן אין פּאָלקס־דינסט. די משיח־געשטאַלט האָט נאָך די גרויסע מעלה, וואָס די גאַנצע ייִדישע געשיכטע איז קאָנצענטרירט אין איר ווי אין אַ ברען־גלאָז. האָט ער געקאָנט נעמען מקיים זיין דעם באַרוף פון דער ייִדישער ליטעראַטור — זי זאָל דינען אָנשטאָט דער רעליגיע, פאַר דעם פּאָלקס חשבון־פּי־רונג מיט זיין געשיכטע, פאַר זיין חשבון־פּירונג אַפילו מיט גאָט אַליין.

נאָך „אין קיינעמס לאַנד״ האָט ער די חשבון־פּירונג אָנגעהויבן. אין דער פּאָעמע „וואָלף״ פּאָדערט אַרויס אַ רב דעם ייִדישן גאָט צו משפּט. ער האָט צוגעזען די שענדונג ביז אין טויט אַריין פון זיין פרוי און טאָכטער. פּראָטעס־טירט ער: הלמאי? הלמאי האָט גאָט עס צוגעלאָזט? הלמאי האָט ער אַפילו אים נישט פאַרגונען צו שטאַרבן אַ מאַרטירער־טויט? טויט וואָלט פאַר אים אַן אויס־לייזונג געווען; איז ער דאָך אַ רב און טאָר נישט עובר זיין אויף גאָטס געבאָט: נישט אומצוברענגען קיין לעבן — זיך אַליין אויך נישט. פּראָטעסטירט ער מיט אַ פאַרווילדעוועט זיך אין אַ חיה־רעה, ביז ער באַדעקט זיך אַפילו מיט אַ וואָל־פישער פעל. און די ייִדן? אַזוי גיך ווי זיי האָבן זיך אָפּגעטשוכעט פון דער בהלה, קומען די לעבנגעבליבענע צוריק אין שטאָט אַריין און נעמען ווידער זיך איינ־אָרדענען, ווי קיינמאָל גאָרנישט — דאָס איז דער ייִדישער „סדר עולם״. לויערט ער און וואַרעט דורך די נעכט, ווי אַ וואָלף און באַפאַלט ייִדן — און אין יום־כּיפּור רייסט ער זיך אין שול אַריין, און די ייִדן הרגענען אים, מיינענ־דיק: דער וואָלף!! — ערשט זיי קוקן זיך אַרום: דאָס איז זייער רבּ! — האָט ער זיין פרייידיקע נקמה: אי ער שטאַרבט גאָט אויף צו־להכעיס, אי ער האָט גע־צוווּנגען ייִדן צו ווערן רוצחים אין פאַרטיידיקונג פון זייער לעבן, אי ער האָט זיי אויפגעריסן די מוחות — זיי וועלן נעמען מאָנען פון גאָט יושר און פרעגן: הלמאי?

די פּאָעמע איז אויך אַ פּראָטעסט קעגן דער ייִדישער רעליגיע, הלמאי איז זי אַזוי אָנמעכטיק, אַז אַפילו אין צייט פון די ערנסטע קאַטאַסטראָפעס ברענגט זי פון זיך קיין נייע גאָט־אַנטפּלעקונג נישט אַרויס. — אין „וואָלף״ איז די ייִדישע „קאַטאַרגע״ פּערזאָניפיצירט; הוילע „קאַטאַרגע״ אָן אַ סימן פון טרייסט און טרייסט־געבער.

ווי אַן ענטפער אויפן „וואָלף״ איז געקומען לייוויקס ערשטע משיח־דראַמע „דער גולם״.

לייוויק איז ראוי געווען צו שרייבן דראַמען: זיין „צוויי־געשטאַלטיקייט״ איז קעגנזאַץ, צוזאַמענשטויס, ער און דער אַנדערער און בעט זיך אין דראַמע

אַריין. זיין אייגנאַרטיקע ליד־פאָרעם פון געשפּאָלטענע רגעס איז אייגנטלעך דיאַלאָג, אַ ווענדונג צו זיך אָדער צום אַנדערן: — „זיי מוחל, זאָג!“ — דאָס איז דער נוסח פון תפילה, פון אַ באַשווערונג, וואָס דאַרף אָפּטון אַ כישוף.

לייוויק איז נישט יוצא מיט איבערגעבן די לעגענדע, ווי זי דערציילט זיך אין פּראָג: — ווי אַזוי דער מהר״ל האָט באַשאַפן אַ גולם פאַר אַן אָפּוועך קעגן דער סכנה פון אַ בלוט־בלבול; ער באַאַרבעט נישט אַ „טעמע“, ווי לייט וואָלטן געווונטשן; ער מאַכט עס נאָך בעסער: — ער נוצט די לעגענדע ווי אַ ברייטן לייוונט, אויף וועלכן ער וואַרפט אַרויף דאָס בילד פון דער יידישער גלות־ווירקלעכקייט ווי אַזוי זי האָט זיך געהאַלטן טויזנטער יאָרן אויף אומגליק, אַן אָנגעהאַנגענע אָן דעם משיח־גלויבן. —

דער סך־הכל פון אַלע זיינע אויפטוען מיט ליד ביז אַהער איז אַריינגעלאָפן אין דער דראַמע: — דער גולם דאָס איז דער געפייניקטער גוף, וואָס לייוויק איז געוווינט געוועזן אַרויסצוקריגן פון אים אויגנבליקלעכע וווּנדער־דערוואַר־טונגען, די זעונג פון ווונדערלאַנד. מיר האָבן דאָ די זעעניש־פאַרפלייצונג פון „אין קיינעמס לאַנד“. דאָ, ערשט, ווערט דער פולער זין פון די זעוּנגען אַרויסגע־בראַכט — זיי זענען אַריינגעשטעלט אין אַ סיטואַציע, ווו זיי דאַרפן האַנדלען, העלפן, ראַטעווען. דער היסטאָרישער און נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער ווערט פון דער משיח־זעונג ווערט איבערגעשאַצט; עס ווערט רעווידירט דער יידישער אויבער־חשבון מיט דער וועלט. איז די גלותדיקע משיח־געשטאַלט מסוגל צו פירן דעם חשבון? ענטפערט זי אויף עפּעס? גלייכט זי דעם חשבון אויס?

אין דער דראַמע איז אַריינגעלאָפן און פאַרגרעסערט געוואָרן לייוויקס נאָך אַ גרעסערער אויפטו: זיין איינגריף מיט אַ שאַרפן אויג אין דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט. דאָ באַשטעטיקט זיך נאָך אַמאָל, אַז ערשט באַלויכטן מיט זעוּנגען, זעט זיך די ווירקלעכקייט פול; גאַנץ פאַרקערט ווי מען מיינט, אַז זעוּנגען פאַר־שטעלן די ראיה. ערשט אונטער דער שיין פון די יידישע היסטאָרישע זעוּנגען קאָן דער יידישער מהות מענטש פּינקטלעך אָפּגעוויגן און אָפּגעמאָסטן ווערן מיט אַ היסטאָרישער וואָג און מאָס.

דער רב פון „וואָלף“ איז דאָ אין תנחומען, דעם שטאָט־משוגענעם, וועמעס בכור איז אומגעקומען אין אַן ערב־פּסחדיקן פּאָגראָם. ער לויפט אַרום און שרייט דעם רבס שאלה: הלמאי? ווער וועט ראַטעווען? — אַ משוגענער, דווקא דערפאַר, ווייל ער איז דער קלאָרסטער. ער זעט די יידישע ווירקלעכקייט ווי זי איז — זי איז אויף משוגע צו ווערן. פאַרקערט, די פּני, די איינגעפונדעוועטע בעלי־

בתים, זיי לעבן אויף משוגענע פֿאַרבלענדענישן. זיי ווערן נישט משוגע בלויז דערפֿאַר, ווייל זיי זענען קורצזיכטיק און זאַט, און מער אָדער ווייניקער געזי־כערט.. ווען גאָר שלעכט, קויפֿן זיי זיך אויס. זיי טענהן דאָס: נישקשה, מיר וועלן איבערקומען. אין דער אמתן, איז ער גאָר נישט בטחון, נאָר די שרעקעוו־דיקייט פֿון שתדלנים־פֿאַרזאָרגער. זיי לאָזן דעם יידישן „סדר עולם" אָנגיין, דעם יידישן אומגליק געדויערן.

דער מהר"ל האַלט גיכער מיט תנחומען, ווי מיט די פּני. ער ווערט נישט משוגע, ווייל ער איז אַ שעפֿערישער מענטש, כמעט אַ היינטיקער מענטש. ער נעמט זיך אָן מיט העזה קעגן דעם רבונו־של־עולם: האַלט זיך מיט דיין משיחן! — און אין שעפֿערישער אומגעדולד באַשאַפֿט ער דעם גולם — ער רופֿט אַרויס פֿיזישע געוואַלט, דעם כוח פֿון המון, פֿאַר אַ פֿאַרלויפֿיקער במקום־גאולה.

דער מהר"ל איז, צום גרויסן טייל, דער פּאָעט אַליין. פֿאַר אַ באַוויז, אַז דער „גולם" איז ערשט־קוואַליקע אינספּיראַציע, נישט קיין קינסטלעכע פֿאַר־פֿאַסונג, קאָן דינען דער פֿאַקט — ווי פּינקטלעך עס איז אויסגעהאַלטן די שע־פֿערישע פּסיכאָלאָגיע, די מאַגישע פּסיכאָלאָגיע. די זעונגען קומען לויט דעם מאַגישן געזעץ: געדאַנק איז זאַך, וואָרט איז מעשה. דער פּראַלאָג, ווו דער מהר"ל באַשאַפֿט דעם גורל, שפּיגלט געטוי אָפּ, ווי אַ פּאָעטיש ווערק ווערט באַשאַפֿן. אין זעונג ציט אָן די אַנדערע. דער גולם, ווייל ער איז וויפֿיל נישט איז פֿאַר־לויפֿער פֿון משיחן, רופֿט אַרויס דעם רואה ואינו נראה — די אייביקע יידישע גאולה־וויזיע, וואָס פֿון איר האָט זיך אַרויסגעשלאָגן די טראַדיציאָנעלע יידישע משיח־געשטאַלט, און אַלע פֿאַלשע משיחים, און ישו, און אפשר איז איר נאָך באַשערט צו דערלאַנגען פֿון זיך אַ צוקונפֿטיקע משיח־געשטאַלט.

דער טראַדיציאָנעלער יידישער משיח, וועלכער רייסט זיך צו ברענגען די גאולה און ווערט געהאַלטן אויף קייטן, באַווייזט זיך טאַקע. אַרויסגערופֿן פֿון בלויז אָן אָנצוהערעניש אויף גאולה, ווערט אויף אַ ווײַלע באַפֿרייט און קומט אין דער באַגלייטונג פֿון זיין אָנזאָגער, אַליהו הנביא. אויך ישו באַווייזט זיך אָן אַרויסגערופֿענער פֿון דער יידישער טענה קעגן אים, קומט ער זיך פֿאַר־ענטפֿערן.

איינס אָבער, האָט דער פּאָעט־מאַגיקער מהר"ל פֿאַרזען: — דער גולם, זיין באַשאַף, אָנגעצונדן פֿון גאולה־פֿונק, רייסט זיך צו ווערן אַ מענטש, און אין זיין ווערן נעמט ער נקמה פֿאַר זיין ביז־אַהעריקן גולם־צושטאַנד, פֿאַר די באַליידי־קונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען. ווערט ער אַ צושטערנדיקער, אָנשטאָט אַ

העלפנדיקער כוח — אַן אָנזאָג אויף דעם מעגלעכן אויסלאָז פון אַ המונישער געוואַלט־רעוואָלוציע. דער גולם איז קיין ענטפער נישט. און דער משיח פון דער יידישער טראַדיציע ווערט פון אליהון צוריק אָוועקגעפירט אין מדבר, ווייל די צייט איז נאָך נישט געקומען. ער איז אויך קיין ענטפער נישט. און ווען אַלע דריי — דער גולם, דער רואה ואינו נראה און ישו קומען זיך צונויף צום לעצטן מאָל אין הייל פון פינפער טורעם אויסצוזיינגען און אויסצוטענהן זייערע מהותן אין אַ ליד־קאַראַהאָד, האָבן זיי אויך קיין ענטפער נישט. און די שאלה פון רב פון „וואָלף" — הלמאי? — בלייבט הענגען אין דער לופטן.

„דער גולם" איז דערפירט ביז צום שוועל פון היינט, אָבער איז נאָך נישט קיין דירעקטע אָנווענדונג אויפן היינט. לייוויק האָט זיך פאַנאַנדערגערעכנט מיט דער משיח־געשטאַלט פון דער טראַדיציאָנעלער לעגענדע און זיך געזעגנט מיט איר. אין דער טראַדיציאָנעלער פאָרם קאָן זי אונדז מער נישט דינען. און מער וועט ער זי נישט נוצן ווי זיין אינסטרומענט. ער וועט זיך באַשאַפן נייע אינס־טרומענטן. אָבער אַ געווינס האָט ער געהאַט פון דער טראַדיציאָנעלער זעונג — ער האָט באַקומען אַ „שיינוואַרפער", וואָס מאַכט זען די יידישע ווירקלעכ־קייט גרעסער און בעסער — אין איר גאַנצער וועלט־צעשפּרייטקייט און ביז אירע טיפסטע באַהעלטענישן. וואָרעם נישט דאָס דרויסנדיקע אויג זעט, נאָר דאָס אינעווייניקסטע. די זעונג זעט. און עס איז אומבאַדינגט נויטיק אַ זעונג, אַריינצוזען אין דער ווירקלעכקייט. נישט מער, וואָס די זעונג דאַרף אַלץ מער מאָדערניזירט ווערן. טוט דאָס לייוויק — זי ווערט ביי אים אַלץ קאָנקרעטער, זאַכלעכער, היינטיקער. די לידער, וואָס ער שרייבט איצט, זענען אָנגעלאָדן מיט זאַכן, וואָס האָבן זעונג אַריינגעזויגן אין זיך. זיי זענען אָנגעקוואָלן מיט זעונג, און זיי גיבן אַרויס דעם פולן מיין, וואָס די זעונג האָט אין זיי אַריינגעגעבן.

עס וואָלט געגומען פּונקט אַזוי פיל פּלאַץ צו אַנאַליזירן לייוויקס וויטער־דיקן שאַפן נאָכן „גולם". בקיצור: די לידער־זאַמלונג פון 1932 איז אַריינגעלאָפן אין דער „גאולה־קאָמעדיע", ווי אין איר סך־הכל. דער אינסטרומענט, וואָס ער האָט אין די לידער אויסגעאַרבעט, איז נענטער צו דער ערד — אַ סימבאָל פון פרוי־ווייב־מוטער. מיט דעם סימבאָל איז די דראַמע געשריבן געוואָרן. דבורה, די ווייב־מוטער פון חנינה, איז אַ באַשאַף פון די לידער. די דראַמע שפּיגלט געגוי אָפּ, ווו מיר האַלטן היינט מיט דער גאולה. חנינה מאַטערט זיך מיט די זעלבע פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן אונדז אַלעמען. דער אינסטרומענט, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט אין די „לידער פון גן־עדן", איז נאָך נענטער צו דער ערד —

דער פּשוטער מענטשלעכער „דו״ — דער פּשוטער מענטש, וועלכער טראָגט אָבער אומגעזען די קרוין פון משיחן. אַ גאולה־דראַמע אויף דעם פּשוטן מענטש, דעם „לאַמעד־וואָווניק״, וועלכער זאָל אַריינגעמען אין זיך דעם סך־הכל פון די „לידער פון גן־עדן״, די דריטע דראַמע צו דער משיח־טרילאָגיע, איז פון לייוויקן נאָך נישט געשריבן געוואָרן. אפשר דערפאַר, ווייל קיין יידישער טעאַטער איז פאַר דעם נאָך נישטאָ, פּונקט ווי עס איז קיין יידישער טעאַטער נישט געווען פאַר זיינע ערשטע צוויי משיח־דראַמען.

מיטן „גולם״ איז לייוויק אַרויף אויף דעם ברייטן שליאַך, מיט וועלכן די יידישע ליטעראַטור, דורך אירע גרויסע שריפטשטעלער, באַוועגט זיך און דאַרף זיך נאָך שטאַרקער און באַוווסטזיניקער באַוועגן — ביז זי וועט דערגרייכן דעם אָרט, וואָס די רעליגיע האָט ביז נישט לאַנג פאַרנומען ביים יידן, און איבער־נעמען פון דער רעליגיע דעם צוזאָג, וואָס זי איז נישט בכח צו דערפילן — צו געבן דעם יידן אַ הויפּטראָלע ביי דער וועלטס איבערשאַף. אַ גרויס שטיק פון דעם שליאַך איז אויסגעלייגט פון לייוויקן.

„צוקונפט״, 1939.

אַ תפילה פון אַן אומגלויביקן, וואָס וועט גלייך טאָן אַ פּעולה מיט אים

כדי צוצוקומען צו גאָט, דאַרף די נשמה אַ כלי־זיין. כדי די נשמה זאָל האָבן אַ כלי־זיין, דאַרף צוקומען אַ נדר — אַ פאַרנדרטע האַנדלונג פאַר דער נשמה־וועגן — מעשר פאַר דער נשמה. און כדי דער נדר זאָל אַ פּעולה־טון, דאַרף די נשמה אויפגעעפנט זיין צום „אין־סוף" — דאָס מיינט ווידער אַמאָל צו גאָט. איז דאָך דאָס אַ פאַרכישופטער קרייז. כדי צוצוקומען צו גאָט, דאַרף מען אָנקומען צו גאָט. איז ווי עפנט מען דעם קרייז? ווו הייבט מען אָן? עס מאַכט נישט אויס ווו, פון וועלכן טייל פון קרייז איר זאָלט ניט אָנהייבן, וועט דער גאַנצער קרייז אַריינ־געצויגן ווערן. עס איז איין געשלאָסענער פּראָצעס: גאָט, נשמה, נדר, אין־סוף. און ווו מען זאָל נישט אָנהייבן, וועט עס פאָדערן ריזיקע — אַ פאַרמעסטן זיך מיט גלויבן ,איידער מען איז נאָך פאַרטיק פאַר דעם, איידער מען האָט נאָך „גאָט אין האַרצן". וועט דער פאַרמעסט שוין ברענגען גאָט אין האַרצן אַריין.

און עס איז פאַראַן אַזאַ פאַרמעסט, וואָס איז צוגענגלעך כמעט פאַר יעדן. עס איז נישט קיין אויסנווייניקסטע, נאָר אַן אינעווייניקסטע האַנדלונג, אַ נשמה־האַנדלונג. דאָס איז די תפילה. תפילה־טון צו גאָט וואָס איז אין אונדז, איידער נאָך מען האָט אים דערשפּירט, איידער ער איז אויפגעעפנט. וועט די תפילה אים שוין אויפעפענען און גלייך געבן צו שפּירן זיין ווירקונג, אַרויסקריגנדיק פון אים וואָס עס איז איר געוווּנטשן: דערהייבונג, וואַרעמקייט, התלהבות, רוח־הקודש, צופלוס פון מוט און קראַפט — נייעם מענטשן־באַשאַף.

אָבער איז אַזוינס מעגלעך — אַ תפילה „אויף צופלייסנס", איידער נאָך מען איז פאַרטיק מיט גלויבן? — יאָ! — די קונסט, די פּאָעזיע טוט עס כסדר — טוט עס אין ריזיקע, און עס איז גאָר נישט אויף צו פלייסנס. מאָלט אייך אַ ליד

געזונגען צו זיך אַליין. עס איז אַ קונסט־אַקט. אויף אַזויפיל, שטומערהייט אין זיך, איז יעדער פון אונדז וויפיל נישט איז אַ בעל־תפילה אַ קינסטלער. דער קינסטלער פון באַרוף וועט די שטומע תפילה באַרעדעוודיק מאַכן. — אָבער וועט אָקאָרשט אַזאַ בעל־תפילה צו זיך אַליין נישט פאַרמישן דעם אין־סוף אין אים מיט זיין אייגענעם קליינעם איכעלע? וועט עס נישט פירן צו זעלבסט־פאַרגע־טערונג? נאָר אַ קינסטלער גיט זיך אַן עצה. אַ קינסטלער זיין מיינט באַזיצן אויסערגעוויינלעכן טאַקט. קונסט איז טאַקט. די עליה פון זיין „איך" טראָגט ער גלייך אַריבער אויפן מענטשן בכלל. ער מאַכט עס גלייך קענטיק: ער מיינט נישט זיך, נאָר דעם מין מענטש זוכט ער צו דערלייזן דורך זיין תפילה אויף זיך. אויף אַ העכערע מדרגה האָט ער נאָך אַ בעסערע באַוואָרעניש: — תפילה־צו־טון צום אין־סוף, וואָס איז אין „איך", דורכן אין־סוף, וואָס איז אין „דו", אין מיט־מענטשן... — „גאָט איז צווישן מענטשן און מענטש". דער דורכברוך פון דער מחיצה, וואָס טיילט אָפּ מענטש פון מענטש, דער דורכריס פון דער זעלבסטפאַר־בלענדעניש, וואָס מאַכט יעדן איינעם סעפּאַראַט, דאָס דערשפּירן זיך אין יענעם און יענעם אין זיך, דאָס ווערן איינס, די אידענטיפיקאַציע — דאָס איז שוין די איינשטעלונג פון איניקסטן, אינטימסטן קאָנטאַקט מיט דעם אין־סוף, וואָס שפּאַרט זיך דורך אַלע מענטשן, דורך אַלע מענטש־געמאַכטע מחיצות און פאַר־בלענדסטע פעולה: דער אין־סוף דער באַשעפער רופט זיך אָפּ כהרף־עין דורך דער תפילה גופא און איך קאָן מיר פאַרשפּאָרן ווייטערדיקע רייד, ווייל איך האָב אַ גרויסאַרטיקן ביישפּיל פון אַזאַ תפילה פון „איך" דורך „דו".

אין לייוויקס „לידער פון גן־עדן" איז פאַראַן אַ ליד, וואָס איז כולל אַלע לייוויקס לידער פון אַמאָל ביז צום יאָר פון זייער פאַרעפנטלעכונג — אין 1936. ס׳איז עד־היום לייוויקס קרוינווערק. דאָס איז דאָס ליד „אָפענע הימלען", אויף זייט2 (אין דער נייער אויסגאַבע פון „אַלע ווערק" — זייט 460, באַנד איינס).

דאָס ליד באַוועגט זיך גלייכצייטיק אויף צוויי פלאַכן: אויף דער אויבערש־טער פלאַך איז עס אַ משיחיסטיש ליד. דערמיט ירשנט עס לייוויקס ליד פון אַמאָל: די לידער פון „קיינעמס לאַנד", די „אומקום"־לידער, די סאָוועטישע, און די לידער, וואָס זענען אַדרעסירט צום אויסדערוויילטן „פּריינט".

אויף דער אונטערשטער פלאַך איז עס פּראָסט־פּשוט אַ מענטשלעך ליד. וואָס דאָס איז דער אויפטו פון די „לידער פון גן־עדן", וואָס זייער גרעסטע צאָל איז אַדרעסירט צום שכן, דעם מיטמענטשן, דעם מיטקראַנקן אין סאַנאַטאָריום, מיט דער צענטראַלער פּאָעמע „די באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום", וואָס האָט

פּאַר איר העלד אַ פּשוטן מענטשן, אַ פאַרשטאַרבענעם שכן, וועלכער ווערט אָנ־גערופן ביי זיין אמתן נאָמען — נתן ניומאַן — און האָט אַ שוועסטער און פריינט אין ניו־יאָרק.

„אָפענע הימלען" שליסט איין אין זיך ביידע ליד־קאַטעגאָריעס. עס איז דער פאַנאַנדערגעזונגענער איבערגאַנג פון משיחן צו בשר־ודם. די משיח־גע־שטאַלט איז דאָ איינגעשפּאַנט צו טון דינסט אין רעאַלן לעבן. געשריבן איז עס קורץ־שורהדיק. פאַראַן שורות פון דריי, צוויי און איין וואָרט „דו". איך שרייב עס איבער אין לאַנגע שורות, ערשטנס צו פאַרשפּאָרן פּלאַץ; צווייטנס, צו ווייזן, אַז דער אינעווייניקסטער ריטם ווערט נישט פאַרלאָרן, ווי די שורות זאָלן נישט אויסגעשטעלט ווערן; דער אָטעם וועט זיי לייענען, ווי לייוויק האָט זיי אויס־געשטעלט —

„אָפענע הימלען, וואַכיקע וועלדער, — דער שליאַך גייט
גייט פאַרביי און פאַרטיפט זיך אין הייאיקע פעלדער, דאָס היי
ליגט געשניטן, און עס שיכורט זיין ריח, און ס׳ווילט זיך ס׳זאָל
קומען אַ מענטש אַנטקעגן. — ווער? אַ מענטש זאָל קומען אַנטקעגן.
ווער? און ווידער און נאָכאַמאָל: ווער? אַזאַ מין געזאַנג נעמט זיך
זינגען: ווער — ווער. — געזאַנג פון הענט, געזאַנג פון טריט, געזאַנג
פון טראַכטן און וועלן, אַז דו זאָלסט קומען אַנטקעגן. — ווער? דו
זאָלסט קומען אַנטקעגן, — דו און ווידער און נאָכאַמאָל —דו.
אַזוי ווי עס זינגט דאָס פאָלק דו־דו — אין לוי באַרדיטשעווערס
ליד: — דו־דו, — איצטער איז אָוונט, מסתמא איז אָוונט אויך
דאַמאָלסט געווען, געשניטן פעלד, — מסתמא איז דאַמאָלט אויך
שניטצייט געווען. פעלד געווען, אָוונט געווען, ליד געווען,
דו. דו. געווען. ביסט, זאָלסט אייביק זיין" .

דאָס ליד איז אַן אויפשפּיל, אין וועלכן דער לייענער ווערט אַריינגעצויגן, און ער מאַכט מיט, אויף זיין שטייגער, דעם פּאָעטס איבערגאַנג פון זיין פאַר־הייליקטן, פאַרמשיחטן, איך צו דער פאַרטייערונג און פאַרהייליקונג פון פּראָסט־פּשוטן „דו". אויך ביים לייענער ווערט דער „איך־שפּיץ" אָפּגעבראָכן. ער ווערט דערהויבענער. עס קומט אים צו „מענטש". ער ווערט פונדאָסניי באַשאַפן. דאָס ליד ווירקט אויף אים ווי תפילה. עס איז אַ ליד־עבודה, אַ ליד־צערעמאָניאַל, אַ ליד־כאָראַל.

ווי אַזוי איז דאָס אים געלונגען צו קאָפּירן דורך ליד דעם פּראָצעס פון מענטש־באַשאַפן? האָט ער נאָכגעטון גאָט? „דו" האָט עס געטון. „דו" איז אַ

פראָצעס. ער האָט קאָפּירט דעם פּראָצעס פון איבערגאַנג פון „איך" צו „דו". דאָ קאָן נישט זיין קיין באַשלוס: פון היינט מאָל אָן זאָל זיין „דו", נישט „איך". מען פאַלט כסדר צוריק אין „איך" אַריין. עס מוז אַלעמאָל, פונדאַסניי, באַשלאָסן און געהאַנדלט ווערן. דער איבערגאַנג צו „דו" איז לייוויקס אַ האַנדלונג, וואָס האָט אים גענומען אַ לעבן — זינט ער האָט אָנגעשריבן זיין ערשט ליד. עס איי געווען זיין לעבנסלענגלעכע ראַנגלעניש פון פאַרמשיחטן „דו" — דעם „פריינט" — צום פּראָסט־פּשוטן מענטש — „דו". האָט ער די זיך־ראַנגלענדיקע האַנדלונג זיינע אויפגעשטעלט — ניין, זי אויפגעשפּילט פאַר אונדז — סצענע פאַר סצענע — אין קאָמפּאַקטער ליד־דראַמע־פאָרעם.

דאָס ליד איז די אַקטיוויזירטע אינסצענירטע לעבנס־דערפאַרונג זיינע מיט אַלע אירע שטופנווייזע איבערגאַנגען. די בינע ווערט צוגעגרייט — הימלען, וועלדער; שליאַך, וואָס נידערט, פאַרטיפט זיך, שכורער ריח פון היי — ניין, עס איז נישט די בינע ביים ברעג פון געהיימען לאַנד, ווו ער איז געווינט גע־ווען אַ וווּנדער־געשטאַלט זאָל אים קומען אַנטקעגן — עס איז אַ צו רעאַליס־טישע בינע פאַר אַ דוכטעניש, פאַר אַ זעונג. דאָס מאָל וויל ער בפירוש אַ מענטש זאָל קומען אַנטקעגן. כדי זיך צו באַשטעטיקן, אַז ער מיינט עס טאַקע, פרעגט ער דריי מאָל איבער: ווער און ווער און ווער? און דריי מאָל ענטפערט ער: אַ מענטש. די איבערחזרונג איז זעלבסט־סוגעסטיע. ס'איז אָן אָנזאָג, אַז דער „ווער" זאָל אַ מענטשן אַרויסרופן, נישט משיחן, נישט דעם „פריינט" אַפילו. אָבער דער מענטש ירשנט פאַרט אַלדאָס גוטס פון „פריינט". דער „ווער, ווער" זינגט זיך אַריין אין „געזאַנג פון הענט, געזאַנג פון טריט", וואָס לויט דעם סימן דערקענען מיר דעם „פריינט", וועלכער איז געווען זיין ערשטער מענטשלעכער „דו". — „דו, דו" רופט אַרויס נאָך אַ גרעסערן פון „פריינט" — משיחן? ניין, נאָך אַ גרעסערן! דער „דו, דו" נעמט איבער דעם ניגון פון לוי באַרדיטשעווערס „דו, דו". דער „דו" נעמט זיך מיניען צווישן מענטש — מענטש — דו — גאָט דו. און כדי עס זאָל קיין ספק נישט זיין, אַז ער מיינט דווקא דעם מענטשן, נישט גאָט, שטעלט ער נאָך אַמאָל אויף די רעאַליסטישע בינע פון דער ערשטער סצענע, אָבער מאָדנע, די בינע איז שוין אַזוי אויסגעשטעלט, אַז אי מענטש, אי גאָט קאָן עס זיין: „מסתמא איז דאַמאָלט אויך שניט־צייט געווען, פעלד געווען, אָוונט געווען". דער מענטש ירשנט אַלדאָס־גוטס פון גאָט: געווען, ביסט און זאָלסט אייביק זיין.

נישט „וועסט אייביק זיין", נאָר „זאָלסט אייביק זיין". קיין איין וואָרט אין

גאַנצן ליד, מיט וועלכן מיר זאָלן נישט קאָנען אַדרעסירן צום מענטשן. קיין איין איבערמענטשלעכער געטלעכער סימן. דער גאָט־ניגון, וואָס ציטערט דורכן ליד, מיינט בלויז, אַז דער מעטאַד פון ווענדן זיך צו גאָט — דעם מענטשנס אומענד־לעכע בענקשאַפט, זיין גאָט־הונגער — ווערט קינסטלעריש אַריבערגעטראָגן פון גאָט אויפן מענטשן. ס'ליד שטעלט איין אַ גאָט־באַציִונג צום מענטשן. נישט מענטש ווערט דערהויבן צו גאָט, נאָר „דו" ווערט דערהויבן צו אַ סימבאָל. „דו" איז דער מענטש, איך אַזוי ווי דו, ביידע אינאיינעם, מיר אַלע, לויט דעם וואָרט, וואָס דער פּאָעט האָט צוגעשריבן שפּיגאָזאָן אין ליד „צוויי מאָל צוויי איז פיר". — „איך מאָל איך איז — דו. דו מאָל דו איז מיר". אין „דו" ווערט אָפּגעבראָכן די „אייביקע שפּיציקייט" פון „איך", וואָס מאַכט קליינלעך און נישטיק דעם גרעסטן און בעסטן. „דו" איז אַן עפענונג צום קוואַל פון געטלעכן אין אונדז. דורך „דו" ווערט דער מענטש דער איינפאַס פאַר גאָט.

דער „דו" פון „אָפענע הימלען" איז אַן איינפאַס פאַר דאָס גאַנצע גוטס, וואָס לייוויק האָט אָנגעלעבט דורך זיין משיחיזם, דורכן „גולם", דורך דער „גאולה קאָמעדיע". עס איז דער געזוכטער צילפּונקט פון לייוויקס גאַנצע פּאָע־טישער אַנטוויקלונג. שוין דער דערגרייכטער צילפּונקט? נאָך נישט. נאָר דער ערשטער גרויסער באַשטימענדיקער שריט, וואָס ווייזט די ריכטונג אָן. אַהין גיין — צום מענטשן! דאָס ליד איז אַ וועגווייזער. עס איז אַ פייערלעכע פאַר־פליכטונג פאַר לייוויקן. — איבערצוגיין נאָכאַמאָל זיין הימלוועג האַרט ביי דער ערד. און פאַר דעם לייענער, וואָס האָט אויפגענומען דאָס ליד, איז עס אַ באַפעל: צוצוגיין צום מענטשן, ווי מיר פלעגן צוגיין צו גאָט — אין דער זיכערקייט, אין דעם גלויבן, אַז מיר וועלן אויף אַזאַ אופן דערגרייכן דורכן מענטשן, וואָס מיר האָבן פריִער געזוכט צו דערגרייכן דורך גאָט. — מענטש באַשאַפן, וועלט באַשאַפן. — דאָס ליד זאָגט אָן: מיר וועלן פאַרווירקלעכן „גאָט" דורך אַ רע־ליגיעזן איינשטעל צום מענטשן, דורך אַ רעליגיעזער פאָרעם פון ווענדונג צו אים. אָט די כוונה האָט דאָס אַרויסגעפּאָדערט ביי לייוויקן די פאָרעם פון צערע־מאָניאַל־ליד, פון עבודה, פון תפילה.

דאָס ליד איז בפירוש אונטערגעזאָגט פון אַ דרינגענדיקער יִידישער קיום־נויט, וואָס באַפעלט דער יִדישער ליטעראַטור די טענדענץ צו פאַרקינסטלערן רעליגיעזיטעט. און די יִדישע ליטעראַטור פאָלגט, כדי צו באַרעכטיקן זיך עק־זיסטענץ און צו פאַרזיכערן זיך צוקונפט. און לייוויק האָט דעם טאַלאַנט אויפצו־כאַפּן לעבנס־באַפעלן — וואָס דאָס איז אייגנטלעך טאַלאַנט. „אָפענע הימלען"

איז זיין אָפּרוף אויף דעם טאָמע לעצטן צייט־געשריי. דאָ איז שוין דער מעטאָד פון אַ נייעם וועלטלעך־רעליגיעזן שאַפן. דאָ איז אויפגעבראַכן אַ קוואַל, פון וועלכן עס וועלן נעמען שלאָגן נייע לייוויקישע קינסטלעריש־פּאַרמענטשלעכטע, פאַרוועלטלעכטע רעליגיעזע ווערק. כן ירבו!

אָבער איך האָב דאָס ליד „אָפּענע הימלען" געבראַכט נישט בלויז פּאַר אַ באַשטעטיקונג, אַז עס איז נישטאָ די מחיצה צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט, וואָס פילאָזאָפן, מיט נישט־גענוג שטאַרקע קעפּ אויף דורכצוברעכן מחיצות צווישן באַגריפן, האָבן אין אונדז אַריינגערעדט. — דאָס ליד עדותט: די פּאַר־קינסטלערונג פון רעליגיע מיינט שוין איר פאַרוועלטלעכונג — איר פּאַרמענטש־לעכונג, איר פאַרנאַטירלעכונג. אָבער נישט צוליב דעם האָב איך דאָס ליד געבראַכט.

דאָס ליד דינט מיר פּאַר אַן עדות, אַז גאָט־אין־סוף איז נישט יענע טויטע, מיט אייזערנע געזעצן געבונדענע נויטווענדיקייט, וועלכע איז נישט פון אָרט צו רירן — ווי די יעניקע, וואָס האָבן צו גוט זיך איינגעהזרט די נאַטור־וויסנ־שאַפט פון פאַר 50 יאָרן האַלטן עס איך איין איבערחזרן. די מאָדערנע פיזיקער וואָס האָבן דערגרייכט די ברעגן פון קאָסמאָס און די טיפעניש פון אַטאָם, זענען ווי מיר וויסן, גאָר נישט אַזוי איבערצייגט אין דער אייזנפעסטקייט פון די נאַ־טור־געזעצן. און דאָס ליד דינט מיר פאַר אַן עדות, אַז גאָט־אין־סוף איז אויך נישט יענע הימל־הויך דערוויטערטע, געטלעך־גלייכגילטיקע, אומפּאַראינטערע־סירטע, איבערמענטשלעך־אוממענטשלעכע, הייליק־הייליקע נויטווענדיקייט, וואָס מענטשלעכע בקשות קאָנען זי נישט רירן, און וואָס מיטן מענטשלעכן שכל איז זי נישט צו דערגרייכן — ווי עס מאָלן גאָט דעם וועלט־פאַרוואַלטער די רעלי־גיעזע פאַטאַליסטן. זיי פאַרגעסן אָט די אַבסטראַקט־רעליגיעזע, אַז וואָס שייך די פאַרוואַלטונג מיט דער מענטשהייטס ענינים, אַרבעט דער וועלט־פאַרוואַלטער דערעיקרשט דורכן מענטשן.

דער גאָט־אין־סוף פון „אָפּענע הימלען" איז דאָס דאָזיקע ברוכשטיק פון אומבאַקאַנטן, אומדערקענבאַרן אין־סוף, וואָס אַרבעט זיך דורך דורכן מענטשן. לכל־הפּחות אָט־דאָס שטיק אין־סוף, וואָס דער מענטש האָט אַריינגעצויגן איז זיך דורך נשמה־האַרעוואַניע פון טויזנטער דורות איז פאַרן מענטשן יאָ דער־גרייכבאַר. דער מענטש קומט מיט אים אין טאָגטעגלעכער באַרירונג. און ער קאָן האַלטן איבער אים קאָנטראָל. גאָט איז דאָ — אָט דאָ. ער קאָן אים נעמען אין די הענט אַריין און איינשפּאַנען צו טון אַרבעט פאַר אים. מעג מען עס? יאָ!

דאָס איז דאָך נישט דער גאַנצער אין סוף, נאָר זיין פּאָדערטייל, וואָס איז צום מענטשן געווענדעט; דאָס פּנים וואָס ער ווייזט צום מענטשן. דערויף גייט דער פּסוק: — „גאָט באַווייזט זיך צום מענטשן, ווי ער באַנעמט אים; און ער ענט־פערט ווי מען רופט צו אים". — ער איז דעם מענטשנס אייגנס, דער פון אים אַליין באַשאַפענער גאָט. — צו אַזאַ גאָט מעג מען תּפילה טון.

די דערמאָנונג: — „גאָט ווייס סיי־ווי וואָס דעם מענטשן פעלט — וואָס טויגן בקשות?" — די דערמאָנונג איז נישט חל אויף דער תּפילה צו גאָט־אין־סוף וואָס איז אין מענטשן גופא. וואָס גיט אַזאַ תּפילה? זי דערלאַנגט פריער פון אַלץ כוח. אין דער תּפילה גופא איז שוין דאָ איר מקוים ווערן. ווי דאָס איז בולט צו זען פון לייוויקס „אָפענע הימלען". די תּפילה איז אַן אינסצעניזירונג פון איבערגאַנגס־פּראָצעס פון „איך" צו „דו". און עס איז אַן אַרויסרוף פון כוח. אין פאַרלויף פון דער תּפילה גופא שטייגט דעם פּאָעטס כוח. נאָכן פאַרענדיקן דאָס ליד איז לייוויק דער מענטש שטאַרקער, גרעסער, ברייטער און אָפענער געוואָרן. און דאָס וועט אויך געשען מיט דעם גוטן לייענער, וועלכער וועט מיטמאַכן, מיטשפּילן די אינסצעניזירונג. וויפיל נישט איז וועט די תּפילה אין אים אויך מקוים ווערן. — קאָלעגע חיים גרינבערג האָט ביי ביאַליקן געפונען פינף אַזעלכע לידער, וואָס אַ מער רעליגיעז־סענסיטיווער יידישער דור, האַלט ער, וואָלט זיי אויפגענומען ווי תּפילות. און איך האַלט, אַז נישט וואַרטנדיק אויף יענעם דור, וואָלט מען שוין איצט געקאָנט, נאָך אַן אויפמערקזאַמען אריינלייענען זיך אין אונדזערע ביידע ליטעראַטורן, צונויפשטעלן אַ סידור פון וועלטלעך רעליגיעזע תּפילות פאַר אונדזער אייגענעם דור, ווי אומגלויביק ער איז. דער סידור מיט זיינע תּפילות וועט אים שוין גלויביק מאַכן.

צווייטער טייל

דראַמאַטישע ווערק

אונטערן צייכן פון גולם

פאַראַן אַ יידישע לעגענדע, וואָס איר אַלמענטשלעכער, אַלוועלטלעכער זין אַנטפּלעקט זיך ערשט איצט — דאָס איז די לעגענדע וועגן גולם.

אַז אַ מענטש זאָל באַשאַפן אַ נאָכגעמאַכטן מענטשן, — די אידעע האָט געמײַזט אויפבליצן נישט נאָר ביי יידן... עס לייגט זיך אויפן שכל, — און אַזוי איז טאַקע געווען, — אַז יעדעס פאָלק און יעדע צייט, אַל אַרויסשטעלן פאַנטאַזיאָרן, וואָס ווילן איבערשפּאַרן גאָט און די נאַטור און איבערנעמען די מלאכה, וואָס יענע האַלטן פאַר זייער מאָנאָפּאָל — שאַפן מענטשן.

זיי האָבן זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיט דער באַשיידענער ראָל, וואָס דעם מענטשן איז איינגעטיילט געוואָרן — צו זיין דער אומבאַהאָלפענער נאַרישער אַרויסהעלפער ביי גאָט אָדער דער נאַטור.

זייער נאָמען פאַר גולם — איז „אויטאָמאַטאָן" — לעבעדיקער אויטאָמאַטאָן. —

אָבער עס איז אַ גרויסע נפקא־מינה — אין די צילן און כוונות, אין דער מאָראַל, וואָס יידן און די פעלקער לייגן אַריין אין דער לעגענדע, אין דער ראָל, וואָס זיי שרייבן צו דעם קינסטלעך־געשאַפענעם „אויך־מענטשן"; ביי זיי שפּילט דער אויטאָמאַטאָן אין קאָרטן; זיי זענען נייגעריק צו דער טשעקאַווער זייט פון אַ מענטשן, וואָס מענטשלעכע הענט האָבן אים געמאַכט.

ביי יידן ראַטעוועט ער אין אַן עת־צרה; ער טוט די געמיינערע רעטונגס־אַרבעט; נישט פון אַלע צרות און נישט אויף שטענדיק ראַטעוועט ער — נאָר אין דעם מאָמענט פאַר דער נויט איז אַ גולם אויך גוט... ער פאַרבייט אויף אַ ווײַלע דעם גרויסן דערלייזער: ער איז אַ במקום־משיח.

אַ לעגענדע האָט נישט איין זין; עס האָט אַ זין אין אַ זין — און דאָס איז

דער טיפסטער זין פון דער גולם־לעגענדע: אַ פֿאַרביטענער משיח, זיין נידע־ריקערע שטופע...

און דער זין שיילט זיך איצט אַרויס און ווערט אַ כוח, וואָס ווירקט אין דער וועלט.

די פֿעלקער האַלטן ביים גולם; זיי זוכן דעם סוראָגאַט פֿון דערלייזונג. רע־טונג, וואָס זיי האָבן ביז אַהער זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר מעגלעך נאָר אונטער אַ נייעם אַלערהעכסטן שאַפֿונגס־אַקט, אַלס אַ נייע מענטשן־באַשאַפֿונג, ווילן זיי איצט פֿאַרבייטן מיט מלאכה; זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט פֿאַר אַ געוואַלט־ריס: מיט געוואַלט אַרויסצורייסן ביים גייסט זיין אייביקע פֿונקציע און איבערגעבן צו די הענט...

און אויב איר ווילט אַ נאָמען, טאָ האָט אויף מיר קיין פֿאַריבל נישט — איך רעד דאָך נאָר סימבאָליש — טראָצקי איז דער גולם, וואָס דאַרף פֿאַרבייטן משיחן — דער גולם, וואָס קערט איבער שטעט, לענדער און די וועלט — דער במקום־משיח...

נישט לעניך, דער ניכטערער טאַקטיקער און פֿאַרזיכטיקער וועגער און מעסטער: נאָר טראָצקי, דער מעטאַפֿיזיקער, מיט זיין אַבסאָלוטן גלויבן אין אַבסאָ־לוטע מיטלען; דער טראָצקי, וואָס שטעלט זיך פֿאַר קיין זאַך נישט אָפּ, ווי ער איז עס געווען פֿון אָנהייב.

זיין יידישע אָפּשטאַמונג, די האָפֿענונג אויף משיחן האָט ער צו פֿאַרדאַנקען זיין גלויבן אין אַל־היילנדן רעטונגס־מיטל — דאָס האָט אים זיין אומגעריכטן כוח און נישט־איינגעהאַלטענעם אימפּעט געגעבן און גיט אים נאָך איצט, אויף וויפֿיל ער איז נאָך דער אַמאָליקער טראָצקי.

די יידישע האָפֿענונג האָט זיך אין אים איבערגעבראָכן: ער איז נישט דער איינציקער, נאָר אפשר דער קאָנטיקסטער פֿאַרטרעטער פֿון יעדן יידן, ווען עס האָט אָפּגעעקלט פֿון דער איינגעזייערטער יידישער גייסטיקייט. צוויי טויזנט יאָר אַ האָפֿענונג — לעכערלעך! אָט האָט איר אייער לוין...

די פֿאַרצווייפֿלונג האָט ביי זיי אָנגענומען די פֿאָרעם פֿון עקל צו די גע־דולדיקע וואַרטער; זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פֿון דער טראַדיציאָנעל־יידישער לאָזונג: „נישט מיט כוח, נאָר מיט גייסט” — ניין, דווקא מיט כוח, און זיי האָבן זיך אַ וואָרף־געטון צו גראָבער האַנט־אַרבעט...

זייער פֿינצטערע אַנטשלאָסנקייט ווייזט אָבער, אַז זיי האָבן פֿאַרט געירשנט

דעם ייִדישן גלויבן אין אַלהיילנדע פּאַרוואַנדלונגען — אין משיחס צייטן, נאָר געבראַכט זאָל עס ווערן מיט די הענט, מיט גראָבער מלאכה...

אַ פּאַרביטענע דערלייזונג — אַ מאַטעריעלע אַנשטאַט אַ גייסטיקער...

דאָס איז דער וועג פון גולם, וואָס דאַרף פאַרבייטן משיחן...

אָבער עפּעס משיחדיקעס בלייבט קלעפּן דעם גולם אויפן שטערן, און דערפאַר שרעקט ער אַזוי... נישט אומזיסט שפּירן די רוסישע אַנטי־באָלשעוויקעס עפּערס טייוולאָנישעס אין טראָצקי; ער איז פאַר זיי דער פאַרקערפּערטער אַנטי־קריסטוס, און מיט דעם נאָמען רופן זיי אים, ווען זיי רעדן צום פאָלק...

עס וואָלט אוממעגלעך געווען צו פאַרשטיין דעם דערפאָלג פון דעם ייִדישן משיח־גולם, ווען רוסלאַנד וואָלט נישט געווען גרייט, פּאַרטיק און ראוי דערצו. די גאַנצע וועלט איז ראוי פאַרן גולם; די פעלקער וועלן נישט האָבן קיין פאַלשע משיחים, ווי מיר, ייִדן, האָבן עס געהאַט, נאָר גולמים וועלן זיי האָבן; גולמים וואָס פּרעטענדירן נישט צו טראָגן משיחס נאָמען; נאָר קינסטלעך, מיט מאַטעריעלע, אייגענע־געמאַכטע מיטלען, וועלן זיי פּרוּוון נאָכטון וואָס דער גייסט איז באַרופן צו טון...

די גאַנצע וועלט שטייט איצט אונטערן צייכן פון גולם: אין רוסלאַנד האָט זיך דאָס אָנגעהויבן, און דאָרט, ווו עס האָלט ערשט ביים ערב דעם אָנהייב, האָט די נייע שטימונג געפונען איר אויסדרוק אינעם פּלוצלונגען אינטערעס צו דער ייִדישער גולם־לעגענדע.

אין דייטשלאַנד און עסטרייך, ווו דער ערב פון נייעם אָנהייב איז אויסגעמישט מיט אונטערגאַנג, האָט דער אויפגעוועקטער אינטערעס צו דער גולם־לעגענדע אַרויסגערופן נישט איין נוסח, נאָר גאַנצע פינף נוסחאות מיט אַמאָל...

איין דייטשער נוסח ווערט געוויזן אין ניו־יאָרק אויפן לייוונט.

אָבער מערקווירדיקער פון אַלץ: אין ענגלאַנד, ווו קיינער איז נישט איבעריק דערשראָקן, נישט פאַר דעם ערב־רב אָנהייב און נישט פאַר אונטערגאַנג, האָט זיך געפונען איינער, וועלכער נישט־וויסנדיק אפשר פון דער ייִדישער לעגענדע, האָט דאָך אונטערגעהערט איר שוועבן אין דער לופטן, און באַשאַפן אַן אייגענע גולם־לעגענדע, און אויפגעבויט אַ גאַנצן דערלייזונגס־פּלאַן אויפן גולם... ער גייט ביי אים אונטער אַן אַנדער נאָמען; איך וועל אפשר היינט נישט באַווייזן אַרומצורעדן דעם ענגלישן גולם, וויל איך דאָ דעם נאָמען פון זיין פאַרפאַסער נישט אָנרופן.

דער ענגלישער גולם האָט מיך איבערראַשט; און איך האָב מורא געקראָגן, אַז דעם ענגלענדער וועט געלונגען זיין גנבה, און עס וועט אַריבער אומבאַמערקט.

דער ענגלישער גולם זעט אויס אַ סך מענטשלעכער פון ייִדישן. ער איז נענטער צום שכל און ער קען האָבן דערפּאָלג אין זיין אַרבעט און קען נאָך, חלילה, אויף אַן אמת פאַרבייטן משיחן — ביי וואָס וועלן מיר בלייבן? — דאָס טאָר מען נישט דערלאָזן.

און איך וויל דעריבער אַרויסרופן ה. לייוויקס „גולם" — אַזוי שפּעט, באַלד אַ יאָר נאָכדעם ווי ער איז דערשינען — כדי צו מאַכן אַ פאַרגלייך: איך וויל אים שיקן אין מלחמה קעגן זיין ענגלישן קאָנקורענט און זאָל ער אים צעקלאַפּן...

פונקט אין דער ריכטיקער צייט איז ה. לייוויקס „גולם" דערשינען: די וועלט האָט געוואַרט אויף אים און אים שוין געזען פאַר די אויגן. און עס וואָלט געווען אַ וווּנדער, ווען עס זאָל זיך נישט געפינען אַ ייִדישער שריפטשטעלער דאָס אָפּצושפּירן, כאָטש ייִדישע שריפטשטעלער זענען נישט געוווינט אונטער־צוהערן זיך, וואָס די גאַנצע וועלט טראַכט און רעדט.

דעם פאַרגלייך וועל איך היינט נישט מאַכן, איך וועל נאָר זאָגן, אַז ה. לייוויק האָט אַרויסגעלייענט דעם טיפסטן זין פון דעם גולם — אַז ער איז במקום־משיח, וועלכער דאַרף טון מיט כוח די שליחות פון גייסט...

אַזוי האָט אים לייוויק פאַרשטאַנען און אַזוי האָט עס ביי אים פאַרשטאַנען דער מהר"ל, דער באַשאַפער פון גולם...

דער מהר"ל, פונקט ווי היינטיקע ייִדישע יונגעלייט, האָט דורכגעמאַכט אַ פאַרצווייפלונג; עס איז געווען אַן עת־צרה, פונקט ווי היינט, אַ גרויס אומגליק האָט זיך געקליבן, און מיד איז ער געוואָרן דער הייליקער רבי צו וואַרטן אויף דעם צוגעזאָגטן העלפער; ער וויל נישט, ער קען נישט, ער טאָר נישט קומען...

זיכער טאָר ער נישט; די ייִדן זענען נישט גרייט; זייער וואַרטן האָט קיין ממשות נישט.

„מיר ווילן נישט — טענהט דער מהר"ל.
„מיר האָבן צו אַלץ און אַלעמען פון גאָר דער וועלט
„נאָר צוגערירט זיך מיט איין שפּיץ פון פינגער,
נאָר פון דער זייט אַ הויך־געטון מיט אונדזער אָטעם..."

און דאָס איז אויך צופיל וויפיל די וועלט קען פאַרטראָגן, נישט נאָר די ייִדן זענען נישט גרייט, נאָר די וועלט אויך נישט; שטורעמס ברעכן אויס פון

„אונדזער לייכטן אויסגעהויכטן אָטעם" — דערקלערט דער מהר״ל, פאַר וואָס משיח טאָר נישט קומען. וואָס וואָלט נאָך געווען, ווען אָנשטאָט מיט איין שפּיץ פינגער אָנרירן די וועלט, זאָלן זיי אויפהייבן אַ גאַנצע האַנט מיט מיט אַלע פינגער?

עס וואָלט געווען אַ שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע, אַן אַלוועלטלעכע הריגה אויף ייִדן.

די טעמים זענען אַ ביסל אַנדערע, אָבער פּונקט ווי אונדזער היינטיקער ייִד באַשליסט מהר״ל אנשטאָט משיחן אַראָצוברענגען בעסער טון מיט כוח משיחס אַרבעט...

דער געדאַנק איז קלאָר און שאַרף אַרויסגעבראַכט דורך דער פּאָעמע, און לייוויק מאַכט קיין סוד נישט, פאַרקערט, ער וויל מען זאָל עס וויסן — אַז דער גולם פאַרן מהר״ל איז אַ במקום־משיח, וואָס זאָל אים פאַרבייטן.

ווען מהר״ל וואָלט נישט געווען, אַ רב, אַ למדן, אַ הייליקער, וואָס קרענקט מיט דעם צער פון אַלע ייִדן — ווען ער וואָלט געווען אַ טונקעלער יונגערמאַן, מיט מיסטישע שטימונגען, וואָלט ער אַליין זיך אָנגעבאָטן פאַר משיח...

און די ייִדישע געשיכטע וואָלט באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך איין פאַלשן משיח.

אָבער מהר״ל איז מהר״ל מיט דעם פולן היסטאָרישן ייִדישן געוויסן אין האַרצן, און ער קען נאָר ביי זיך פועלן מיט אַ געבראָכענעם געמיט צו באַגיין אַ קלענערע זינד — צו טון אַ טמא זאַך, מיט כישוף באַשאַפן איינעם, וואָס וועט טון מיט כוח וואָס משיח טוט — העלפן; דערלייזן די ייִדן אויף אַ ווײַלע...

נאָר אויף אַ ווײַלע; ווײַל אַנדערש פון די לייכטזיניקע היינטיקע ייִדישע יונגעלייט ווייס ער, אַז אַ גולם קען נאָר דינען אויף אַ ווײַלע — פאַר איין מאָמענט, פאַר אַ חיי־שעה.

און דערפאַר איז די טראַגעדיע פון „גולם" ביי לייוויקן נישט אַזוי, וואָס אין גולם רופט זיך אָפּ דער מענטש — אַ פּשוטער בשר־ודם מיט מענטשלעכע ליידנשאַפטן, — נאָר משיח רופט זיך אָפּ.

דערפילנדיק משיחס שליחות, רייסט ער זיך צו יענעמס מדרגה, און דער מהר״ל דאַרף זיך מיט אים ראַנגלען און נישט דערלאָזן; משיח אַליין ווערט אָנ־געצויגן און קומט אין דער באַגלייטונג פון זיין אָנזאָגער אליהו הנביא — און דער מהר״ל מוז זיי טרייבן.

און אין דער שטאַרקסטער סצענע פון „גולם״ — אין דער הייל אונטערן פינפער־טורעם, ווען דער „גולם״ טוט זיין שליחות — ער געפינט דעם קריסט־לעכן הרוג און נעמט אַוועק די סכנה פון יידן — דעמאָלט איז ער אַמנאָענטסטן צו דער משיח־מדרגה.

די סטרונע איז אָנגעצויגן, און משיח איז דאָ אין זיינע אַלע דריי געשטאַלטן — אין דער פאַלשער געשטאַלט, ווי ער איז שוין געקומען; — אין זיין אמתער געשטאַלט, — ווי ער דאַרף קומען, און אין זיין גולם־געשטאַלט.

אָפּגעטון זיין משיח־שליחות, און עס איז אויס מיטן גולם.

און איצט קענען מיר צוטרעטן צום פאַרגלייך.

„די צייט״, 1921.

אַ גולם צו אַ גולם איז נישט גלייך

אויבן, ערגעץ אין די הימלען, משפּטן מיר זיך שוין — מיר און זיי — מיר ייִדן און זיי — די פעלקער.

ווער וועט אַריבערפירן די וועלט איבערן אָפּגרונט — מיר אָדער זיי?

אונטן מושטירן מיר שוין — מיר און זיי — אונדזערע רייען צו פאַר־מעסטן זיך אין דעם גרויסן געווער. איר מערקט עס נישט? — די מושטירונג קומט פאָר אין אַן אומזיכטבאַרן געביט, אין גייסט, ווו נישט יעדער האָט די זכיה אַריינצוקוקן.

אָבער יעדעס פאָלק האָט זיינע זעער, וואָס קענען יאָ אַריינקוקן. ווען זיי זעען עס נישט מיט די אויגן — שפּירן זיי דורך אַ פאַרגעפיל — ווען זיי קענען עס נישט אויסדריקן אין איינפאַכע קלאָרע ווערטער, אין פּשוטע דיבורים שפּילט זיך דאָס פאַר זיי אָפּ אין בילדער, געשטאַלטן, אין זייער פאַנטאַזיע.

בילדער, וואָס פאַרקליידן אידעען — סימבאָלן רופט מען דאָס.

אַזוי איז שוין די טבע פון זעער, וואָס כאַפּן פאָראויס דאָס צוקונפטיקע אין אַ נבואה. זעער — נביאים זענען היינטיקע צייטן די דיכטער, די פּאָעטן, די קינסטלער בכלל, און אויך יענע פילאָזאָפן, וואָס פילאָזאָפירן נישט מיטן קאָפּ, נאָר דורך אינטויציע, רוח־הקודש...

אויב איר ווילט אַ נאָמען פאַר אַזאַ מין פילאָזאָף — נאָט אייך בערגסאָן. מיר וועלן אינגיכן דעם דאָזיקן פאַרשטעלטן ייִדן צונעמען פאַר זיך.

און מיר מעגן זיך גראַטולירן: אונדזער ליטעראַטור האָט פאַרן פאַריקן ייִדישן יאָר — אַזוי זיך צעוואַקסן אָדער ריכטיקער — זיך פאַרטיפט, אַז זי האָט אָנגערירט די אָפּגרונטן, די שפּיצן און די ברעגן פון דער וועלט. מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט די גויים, וועמעס וועלט די איצטיקע איז איצט — מיר קוקן

זיך איינע די אַנדערע אין די אויגן, מיר מעסטן זיך אָפּ — גייסטיק. באַלד, באַלד, נאָך צוויי טויזנט יאָר וועלן מיר זיך ווידער פאַרמעסטן מיט זיי — ווער וועט איבערדרייען דאָס רעדל פון גורל.

פון דעם גורל פון די פעלקער. ווער וועט אַ דריק־טון די ספּרוזשינע פון דער געשיכטע — מיר אָדער זיי?

עס שפּילט זיך דאָס אָפּ נאָך אין טונקעלן, קיינער זעט עס נישט, אַפילו די פּאַראויסזעער וויסן נישט דערפון, אָבער דער רואה ואינו נראה זעט און ווייס.

אָבער באַלד וועלן אַפילו בלינדע עס דערטאַפּן מיט זייער לייב און לעבן, וואָרעם די ערד וועט זיך רודערן אונטער דעם ראַנגלען זיך פאַר גייסטיקער הערשאַפט צווישן אונדז מיט זיי.

און אין דער וואָך פאַר ראש־השנה, ווען די סך־הכלען וועלן אונטערגע־פירט ווערן, דאַרף מען דאָס פאַרכאַפּן און אָנווייזן, וואָרעם מען וועט עס פאַר־ביילאָזן אומבאַמערקט, וואָרעם קיין סך־הכל פון דעם צוויי־קאַמף איז נאָך נישטאָ. עס איז ערשט דער אָנהייב.

דאָס ווייסן אַלע, אַפילו די וואָס ווילן עס גוט־מאַכן און פאַרגלעטן, אַז די וועלט רודערט זיך און קערט זיך איבער, — אָבער זי רודערט זיך אין אַ נידע־ריקן, באַסאָווען טאָן, פלאַך צו דער ערד. דאָס געהילך פון דער וועלט־געביידע ווערט צעשטערט, און העק האַקן שוין נייע ברעטער און באַלקנס. און דאָס ווייסן אַלע, אַז אויך ייִדן אַרבעטן מיט די העק, ניט נאָר אַלס פּראָסטע האָלץ־העקער, נאָר — הויפּטזעכלעך, — אַלס אויפזעער — „דעסיאַטניקעס" און „פּאַרלייט". זיי זענען אויך פאַרכאַפּט געוואָרן — ווי קען עס אַנדערש זיין? וועלן זיי פון ווייטן שטיין, ווען צייטן בייטן זיך — זיי די אָנזאָגער פון דער גאולה?

אָבער ווען צייטן בייטן זיך, בייטן זיי זיך נישט נאָר אונטן, נאָר אויבן אויך — נישט נאָר אויף דער ערד, נאָר אין די הימלען אויך— נישט נאָר אין דער מאַטעריעלער אָרדענונג, נאָר אויך אין גייסט.

און די דיכטער, וואָס בענקן אויס פאַר די מענטשן דערלייזונג, עקלט אַביסל פון דער אונטערנעמונג; עס עקלט זיי פון דער פאַרבלענדעניש פון די האָלץ־העקער, אַז מיט העק אַליין קען מען ענדערן דאָס פּנים פון דער ערד. וואָרעם דאָס פּנים פון דער ערד איז אין דעם אויג פון דיכטער אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם פּנים פון די הימלען.

עס עקלט זיי, אָבער זיי זענען אויך אָנטציקט, — וואָרעם די אַרבעט פון

די האָליך־העקער איז פאַר זיי אַן אָנזאָג, אַז נאָענט איז די צייט — און אַנדערש קען נישט זיין — אַז אויך די הימלען וועלן זיך באַנייען.

און זייער עקל און אַנטציקונג האָבן זיי אויפגענומען אין איין געפיל און האָבן אויסגעדיכטעט די געשטאַלט פון אַ גולם־דערלייזער — אונדזערע און זייערע דיכטער האָבן עס געטון, נישט צונויפּרעדנדיק זיך, נישט־וויסנדיק איינע פון די אַנדערע.

זיי ווילן אין דעם גולם, אין דעם חומר, אין דעם מאַן מיט דעם טעמפּן קאָפּ און שאַרפער האַק, וועלכע ברעכט די מאַטעריעלע אָרדענונג, מיינענדיק: אַז דאָס איז שוין דאָס בויען אויך — ווילן זיי אַריינבלאָזן אַ נשמה, אַ שם־המפורש, כדי צו שאַפן אַ באַהעפטונג צווישן ערד און הימל.

ווען די ערד רודערט זיך, זאָל דער הימל זיך צאַפּלען.

2.

דער הויפּט־סימן, וואָס טרייסט מיך אין מיין גלויבן, אַז דער זיג איז אונדזערער, איז נישט אַזוי לייוויקס גרויסער זיג מיט זיין ייִדישן גולם, ווי בערנאַרד שאָוס גרויסער דורכפאַל מיט זיין גוישן גולם.

בערנאַרד שאָו האָט מעלות קעגן לייוויקן. ערשטנס איז ער אַ גוי. און — „שיכור איז אַ גוי”. אַ גוי קען אויפהייבן דעם שווערסט־האַמעטנעם געדאַנק און זיך צעלאַכן ווי אַ שיכורער געצנדינער — זיך צעלאַכן, זיך אַ שפּיל־טון מיט אים און אַוועקוואַרפן.

בערנאַרד שאָו ענדיקט זיין פינפער־דראַמע — „צוריק צו מתושלח” זייער שווער — מיט אַ טרוקן־געדאַנקלעכער דרשה פון לילית, די מוטער פון לעבן — דער לעבנס־דראַנג. זי דרשנט: עס וועט קומען אַ צייט, ווען זי, וועלכע האָט מיט איר ווילן אַרויסגעוואָרפן פון איר מוטער־טראַכט אַן „ער” און „זי” וועט קומען אַ צייט, ווען זי וועט זיי צוריק איינשלונגען, און זיי וועלן ווערן ווידער איינס, און אויס וועלט.

און לילית ברענגט ראיות פון לאַמאַרקען און בערגסאָנען. אָבער ווען בערנאַרד שאָו זאָל קריגן אַ געלעגנהייט צו שרייבן אַ זעקסטע דראַמע צו די פינף, וואָלט ער זיך אויסגעלאַכט און זיין גאַנצע לילית געמאַכט צו חוזק.

אָבער דער ייִד לייזויק, ווען ער דערטאַפּט אַ שווערן געדאַנק, בייגט ער איין דעם קאָפּ און טראָגט דעם יאָך — ביז ער וועט זיך נישט אויסלערנען טאַנצן, און טאַנצנדיק אַראָפּטרייסלען פון זיך דעם קאָפּ מיטן יאָך צוזאַמען.

לייזויק און זיין „גולם" טאַנצט און זינגט נאָר צייטנווייז. דער קאָפּ בלייבט אים נאָך אַלץ שווער — אָבער ער טראַכט שוין ריטמישער — צום טאַקט פון די טאַנצנדיקע פיס.

דער שאָטן וואָס גייט פאָרויס

ה. לייוויקס „גולם״, ווען ער וואָלט געווען אַ ליכטיקער, וואָלטן די הימלען זיך געוואָרט ... מיט אים; איצט אָבער, ווען ער איז אַ שאָטנדיקער, שושקען זיך די ווענט קעגן אים, ווער עס קען גיין פאַזע ווענט, קען זיך אונטערהערן. איך קען עס.

איך פאַרשטיי די שפּראַך פון שאָטנס; ווייל איך ווייס דעם געזעץ פון זייער עקזיסטענץ. דאָס איז דער אַלטער געזעץ פון כישוף: געדאַנקען זענען זאַכן. וואָס אין געדאַנק, איז שוין אַ ווירקלעכקייט, קוים איז די געשטאַלט פאַרטראַכט, איז זי שוין אַ לעבעדיקער נפש, וואָס העלזעערישע אויגן קענען עס זען.

אָדער ווי דער מהר״ל פאָרמולירט דעם געזעץ, שטייענדיק איבערן שטיק ליים, וואָס זיינע הענט האָבן געקנאָטן און וואָס דאַרף באַלד אָנגעהויבט ווערן מיטן לעבן:

„און אַלץ וואָס איך פאַרטראַכט דערזע איך,
און אַלץ וואָס איך דערזע ווער קומען...״

ווען ער שטייט אַזוי דער גולם־באַשעפער אין ספיקות, צי האָט ער אַ רעכט געהאַט אַריינצוקוקן אַהין, ווו קיין מענטשן ביז אים האָט נישט אַריינגעקוקט, באַווייזט זיך די געשטאַלט פונעם כומר טאַדעאוש. זאָגט דער מהר״ל:

„טאַדעאוש? יאָ, ס׳איז ער, ער גייט אַנטקעגן.
איך האָב נאָר וואָס אים דערמאָנט אין געדאַנק...״

דאָס איז דער שליסל צום גאַנצן „גולם״, וואָס עפנט פאַר אייך אַלע זיינע רעטענישן. די געעפנטע רעטענישן ווערן ווי אָנגעצונדענע לאַמטערנעס באַלייכטן די אַלע טונקעלע ווינקלען, וואָס נישט־זעענדיק פאַלט איר אַריין אין זיי.

פלוצלינג שווימט אַרויס אַ נייע שאָטן־געשטאַלט. איר פרעגט איר באַ־

טייט: וואָס פאַר אַ סימבאָל איז זי און פון וואַנען האָט זי זיך גענומען? און איר פאַרשטייט נישט. אָבער קוקט זיך גוט צו: ערגעץ איז דאָ פאַראַן אַן אידעען־פאַרבינדונג. אַן אידעע, וואָס האָט נישט נאָר וואָס גערעדט, אָדער אַ שטומער נישט־אַרויסגערעדטער הינטער־געדאַנק האָט די געשטאַלט געבראַכט צו טראָגן.

לייוויק אין „גולם" האַלט זיך ביים געזעץ פון די מכשפים: „געדאַנקען זענען זאַכן". נאָר אין איין פלאַץ, גאָר פון אָנהייב, אין דער ערשטער סצענע פון דער פּאָעמע — טרעט לייוויק אָפּ פון דעם געזעץ און קנעט די געשטאַלט פון גולם פון ליים. דאָס צאָלט ער צינז דער לעגענדע. ווייטער אָבער קומט ער שוין מער נישט אָן צו אַזאַ גראָבן שאַפונגס־מיטל. דער כישוף פון געדאַנק איז פאַר אים גענוג. דער מהר"ל וואַרפט שפּעטער אַרויס זיין אייגענע טאָפּל־געשטאַלט, ווען זיין לייבלעכע געשטאַלט אַנטזאַגט זיך צו באַגלייטן דעם גולם אין הייל אַריין אונטערן פינפער־טורעם. און מערערע מאָל וואַרפט דער מהר"ל אַרויס די טאָפּל־געשטאַלט פון גולם — דעם רואה ואינו נראה. און פילע געשטאַלטן דאַרף לייוויק גאָרנישט באַשאַפן — זיי זענען דאָ, פון אַנדערע אויסגעטראַכט: צוויי טויזנט יאָר האָבן ייִדן געטראַכט, און שטאַרק געטראַכט, געהאָפט און געגלויבט, און זייער שטאַרק טראַכטן, האָפן און גלויבן האָבן באַשאַפן משיחן און זיין אָנזאָגער אליהו הנביא. די געשטאַלטן קומען פאַרטיקע אין לייוויקס פּאָעמע. אַנדערהאַלב טויזנט יאָר האָבן די קריסטן געטראַכט זייער משיח מיטן קרייץ. אַפילו ווען ער איז נישט געווען, איז ער דאָ. מיט זייער טראַכטן וועגן אים האָבן זיי אים עקזיסטענץ געגעבן. אויך ער קומט אין דער פּאָעמע צו באַגעגענען זיין מיטברודער דעם גולם. און די בייזע רוחות, וואָס די קריסטן האָבן פאַרטראַכט מיט זייערע בייזע מעשים קעגן ייִדן, אויך זיי שפּרינגען אַריין צו העלפן דעם גלח טאַדעאוש פון דעם מהר"ל. און די גייסטער פון די געשטאָרבענע — יעדער מענטש ביים לעבן פאַרטראַכט זיך אַ נישט־שטאַרבנדן גייסט — אויך זיי פאַרזאַמלען זיך אין דער פּאָעמע אויפצושטיין תחית־המתים, ווען עס דוכט זיך זיי, אַז משיח איז געקומען.

איר זעט, דעם מהר"ל איז אַ סך אַרבעט פאַרשפּאָרט געוואָרן. אים בלייבט נאָר צו שאַפן דעם גולם. ער שאַפט אים לויט דער לעגענדע פון ליים. אָבער כדי אים לעבעדיק צו מאַכן, דאַרף ער נישט קיין פּאַפּירענעם שם־המפורש. קנעטנדיק אַ גאַנצע נאַכט, אויף אַ בערגל הינטער פּראַג, דעם גולמס גוף, האָבן זיינע הענט אים שוין פאַרטראַכט — וואָס דאָס איז גענוג ער זאָל לעבעדיק ווערן. און ווען צו באַגינען, דער גוף איז שוין געלעגן אַ פאַרטיקער און געוואַרט אויף

זיין ערשטן אָטעם־צוג און דער מהר״ל ווערט גאַנץ מענטשלעך פאַרזונקען אין טרויעריקע מחשבות.

„ער שלאָפט שוין דאָ ווער ווייסט פון וויפיל דורות...
און ערגעץ וואַנדערט זיין נשמה אום פאַרבענקטערהייט...״

איז געבוג געווען דאָס איין וואָרט נשמה, אַז גלייך זאָל זיך אָפּרופן דער שאָטן פון דעם נאָך נישט געבאָרענעם. אָט טרעט ער שוין איבער דעם אויבער־פלאַך פון טייך. און דער געדאַנק וועגן שאָטן באַדאַרפט נאָך אַ שאָטן — אַ שאָטן פון אַ שאָטן — און אַ דריטן, און אַ פערטן. די גאַנצע לופט ווערט פול מיט פלאַטערנדע שאָטנס פון דעם נאָך נישט געבאָרענעם גולם, און דער נעבעכסטער שטעלט זיך אַוועק פאַרן מהר״ל און טענהט און בעט זיך, ער זאָל אים נישט באַשאַפן.

דער מהר״ל איז איבערראַשט; ווייל אַ נשמה נישט געבאָרן ווערן? זיין ווערק, וואָס ער האָט אויסגעטראַגן אין זיין האַרץ, וואָס ער האָט אויסגעבעטן ביי גאָט מיט אַזוי פיל תפילות ביז ער האָט זיין ברכה באַקומען...

דער מהר״ל דערציילט זיין קינפטטיקן ווערק, וויפיל וווּנדער עס איז באַ־רופן צו טון... ניין, עס וויל נישט הערן. דאָס ווערק וויל קיין ווערק נישט זיין, קיין געצייג, קיין משרת, קיין גולם, אָפּהענגיק פון ווילן פון זיין באַשאַפער.

„ווי ווילסטו איך זאָל זיין? אַ בלינדער, צי אַ שטומער?
אַ הינקעדיקער אפשר גאָר אַ טויבער?״

— איך וויל נישט! — יאָמערט דער שאָטן אַרויס. און דער מהר״ל, ווי אַ קאַלטער גזלן, ווערט נישט גערירט פון געבעט, און דער שאָטן פאַרשווינדט.

אַזוי טענהט מסתמא און בעט זיך יעדע נשמה פאַרן געבאָרן ווערן, ביי איר באַשאַפער, דעם פאָטער אין הימל, און דער פאָטער, ווי אַ קאַלטער גזלן, טוט עס דאָך. דערפאַר ליבט דאָס קינד דעם פאָטער אין הימל און האַסט אים דאָך, און איז גרייט אָפּט אויס האַס, צו ווערן אַ פאָטער־מערדער און לייקנט גאָט.

אויך דער גולם איז צוגעבונדן ווי אַ קינד צום מהר״ל און ענדיקט דאָך דערמיט, וואָס ער הייבט די האַנט אויף אים און וויל ווערן אַ פאָטער־מערדער. נאָר דער מהר״ל פאַרכאַפּט עס און טויטעט אים. דער „גולם״ פאַרענדיקט זיך מיט קינדער־מאָרד.

און אַזוי טענהט און בעט זיך יעדע ווערק ביי זיין ווערקמייסטער. און יע־דער ווערקמייסטער און יעדער מענטשן־מייסטער מוז זיין אַ גזלן און אַ רוצח, אַלע גרויס־אינקוויזיטאָרן -- פון אַמאָל און היינט — — זענען הייליקע און גזלנים. אויך דער מהר״ל איז אַ הייליקער ,אַ מייסטער און אַ גזלן.

און דאַ, ווען ער הייסט דעם שאָטן פון נאָך נישט געשאַפענעם גולם זיך אָפטראָגן, ווערט דער מהר״ל באַפאַלן נאָך פון אַ שטאַרקערן טרויער. ער האָט זיך נישט אויסגעהיט פון צער און רחמנות. ער האָט מיט זיינע שרעקעוודיקע ווערטער „געמאַכט אַ פּגימה אין קומענדיקנס האַרץ״. דער גולם וועט האָבן די שוואַכקייטן פון אַלע באַשעפענישן און ער האָט געהאַט אויסגעטרוימט אַן איבערמענטשלעכע געשטאַלט:

„אַ שמייכל, אַ באַהאַלטענער אויף זיינע ליפּן
און גבורה אייזערנע אין זיינע אָרעמס.
ער זעט — און קיינער ווייס ניט, אַז ער זעט,
ער גייט — און קיינער ווייס ניט זיינע וועגן.
זיין לעבן און זיין טויט — איין שטילער אָטעם,
איין רויקער פאַרבאָרגענער בטחון״.

כמעט אַ משיח האָט דער גולם געזאָלט זיין! אפשר איז ער, דער מהר״ל נישט ווערט נאָכצוטון די מעשים פון באַשאַפער? און ער פרעגט ביי גאָט:

„וואָס בין איך קעגן דיר? — אַ וואָרעם קליין,
אַליין — אַ שטיקל ערד, אַ זעמדל שטויב...״

און ער דערזאָגט נישט: אפשר האָט ער נישט געטאָרט אונטערנעמען אַרויס־צושטעלן אַ גולם אויף צו ראַנגלען זיך מיט דעם שונא־ישראל, דעם כומר טאַ־דעאוש ? —

און אַזוי גיך ער האָט אים דערמאָנט אין געדאַנק, באַווייזט זיך זיין גע־שטאַלט, און ער קוקט אָן דעם רב מיט גרויס שרעק: ער האָט שוין אַזויפיל ייִדן פאַרפייניקט, און נאָך קיינמאָל האָט ער נישט געזען אַזאַ גזלנישע רציחה אין אַ ייִדנס אויגן, בפרט ביי אַ רב. אַ רב — אַ גזלן, איינער צווישן מיליאָנען ייִדן. טאַדעאוש אַנטלויפט.

יאָ, דאָס האָט געזאָלט זיין דעם גולמס באַרוף, פון דעם כמעט משיח — ראַנגלען זיך מיט כוח קעגן כוח. אַ רב אַ בונטאַר גייט זיך אַליין נישט שלאָגן, נאָר ער שיקט זיין משרת.

דאָ, אין פּראָלאָג, זענען פאַרזייט די קערנער און פאַרוואָרפן די פעדים פון דער גאַנצער דראַמאַטישער פּאָעמע. דער פּראָלאָג ענדיקט זיך מיט אַ נבואה אויף די ווייטערדיקע געשעענישן:

מהר"לס צוויי תּלמידים — יצחק און יעקב — קומען פון שול, ווו זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט געפּראַוועט אַ קבלה גאָטעס־דינסט און געלייענט די פּרשה בראשית, ווען דער מהר"ל הינטער דער שטאָט האָט געשאַפן אַ מענטשן פון ליים. און איינער פון זיי דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ חלום שטייענדיקער־הייט: דער גולם וואַרפט זיך אויף מענטשן מיט אַ האַק, און פאַרמעסט זיך אויך אויפן מהר"ל. דער מהר"ל וויל אים אַ זעץ טון און — נישט געטראָפן.

דאָ איז פאָראויסגעזאָגט, אַז גולם־בונטן ענדיקן זיך אַמאָל זייער אומ־גליקלעך. דער גולם, וואָס דאַרף טון משיחס שליחות, ענדיקט מיט אַ האַק.

און אַז מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז דער מהר"ל איז גאָר נישט קיין שרע־קעוודיקער. ער האָט פינצטערן מוט, אַזוי ווי מיר היינטיקע: זאָל זיין אַ פּאָר העק אויף אַ פּאָר ייִדישע קעפּ, אָבער געראַנגלט מוז ווערן...

„יאָ, שלעכטע צייטן קומען אויף אונדז, תּלמידים מיינע"

(דאָס גילט פאַר אונדזער היינטיקער צייט אויך)

„און מיט די שלעכטע קומען אויך גרויסע צייטן"

(דאָס פילן, מיר, היינטיקע, זייער טונקל)

„מיר דאַרפן גרייטן זיך און גיין אַנטקעגן זיי".

(וועגן דעם רעדן מיר, היינטיקע, אַ וואָרט נישט) —
און מיר האָבן אַלץ, וואָס אין „גולם" איז פאַראַן.

מיר האָבן געזען דעם אַפּאַראַט, מיט וועלכן לייוויק אַרבעט — ער רופט אַרויס שאָטנס...

מיר האָבן געזען די מעטאָדע, ווי ער אַרבעט — ער שטעלט גרויסע פּראָ־בלעמען און לייזט דורך כּישוף.

פּופּציק פּראָצענט פון „גולם" איז געשריבן פאַר מכשפים (אַ ווונדער, וואָס קאָלעגע טאַלעראַן האָט נאָך נישט אַנטדעקט, וואָס פאַר אַן אוצר דער גולם איז פאַר אים).

איך, לייוויק און דער מהר"ל פאַרשטייען זיך אויף כּישוף, און פאַר אונדז איז דאָס אַלץ פאַרשטענדלעך, בילדלעך און געשטאַלטלעך. אָבער ניכטערע

מענטשן, וואָס גלייבן נישט אין כישוף, שטרענגען זיך אָן, אום צו פאַרשטיין דעם „גולם", צו טייטשן אים סימבאָליש — ווי קאָלעגע ש. ניגער האָט עס געטון — אַז די טראַגעדיע מיטן גולם שפּילט זיך אָפּ אין האַרצן פון יעדן שעפערישן מענטשן; אַ שעפערישער מענטש איז אַ געשטאַלט אין אַ געשטאַלט אין אַ גע־שטאַלט; פון אונטן זיצט אַ גולם; איבער אים איינער, וואָס שאַפט אים; נאָך העכער אַ צווייטער, וואָס שאַפט איבער דעם ערשטן שאַפער און מאַכט אים פאַר אַ גולם.

דאָס איז זייער גוט און קלוג. אָבער אָנצונעמען, אַז די גאַנצע מעשה מיטן גולם — מיטן פינפער־טורעם און זיינע בעטלער; מיטן רב, רביצין און רבס טאָכטער; מיט די צוויי וואַנדערנדע בעטלער און משיח; מיטן גלח, יעזוס־קריס־טוס און די בייזע רוחות — אַז דאָס אַלץ שפּילט זיך אָפּ אין האַרצן פון איין מענטשן, איז נאָך אַ גרעסערע אָנשטרענגונג ווי צו גלייבן אין כישוף.

אָבער ווי קומט לייוויק צו וויסן כישוף? זיינע זעונגען, זיינע אַרויסרופונגען פון טאָפּל־געשטאַלטן זענען אמתע סעאַנסן, אויסגעהאַלטן לויט אַלע דינים פון כפּירוטואַליזם. ניין, לייוויק האָט נישט געלייענט ספּיריטואַליסטישע ביכער. און ער איז נישט קיין געבאָרענער ספּיריטואַליסט.

נאָר ער וואַרפט זיך בטבע מיט שאָטנס. אַפילו אין זיינע „סיבירער לי־דער", וואָס אַלע ניכטערע מענטשן שעצן זייער הויך. ער איז אַן אַנדערער. ער איז איינער און נאָך איינער. און דער נאָך איינער איז אויך איינער און נאָך איינער. ער איז זיין צווייטע געשטאַלט. ער איז זיין שאָטן. און דער שאָטן איז גרעסער פון דער אָפּגעשאָטענער געשטאַלט.

לייוויק שענקט מער אינטערעס דעם שאָטן, ווי דער געשטאַלט. דער שאָטן פּילט ביי אים מער ווי די געשטאַלט. אין „קראַנקן־צימער" (געדרוקט אין לעצטן נומער „שריפטן") איז דאָס צימער מער קראַנק ווי דער קעניג. די ווענט ווערן משוגע און שטאַרבן. אייגנטלעך, די שאָטנס אויף די ווענט. און דער קעניג שטאַרבט אויף זיי קוקנדיק.

אויך דער גולם רעדט צו די ווענט (אַ גאַנצע סצענע טראָגט דעם נאָמען „ווענט"). ער זינגט זיך אַזאַ לידל:

„וואָס שווייגט איר, ווענט,
מיינע ווענט?
וואָס שלאָפט איר, היילן,
מיינע היילן?

וואָס פרעגט איר ניט,
פון וואַנען קום איך?״

ווען איינער זינגט, איז עס אַ העכערע מדרגה. דאָס איז ער נאָר וואָס אַרויס פון דער מדרגה פון אַ רואה ואינו נראה. אַלע זינגענדיקע פלעצער אין „גולם״ דענען העכערע מדרגות.

דאָס איז נישט קיין זעלטנהייט צו קענען אָפּוואַרפן פון זיך געשטאַלטן; יעדער דראַמאַטורג דאַרף עס קענען און קען עס. גייענדיק, שטייענדיק שטעלט ער אַוועק צוויי געשטאַלטן — אַ געשטאַלט אין איין אויג, אַ צווייטע אין צווייטן אויג — און לאָזט זיי אַמפּערן זיך צווישן זיך...

און נאָך פון ערשטן בוך לידער האָט מען לייוויקן געקענט פאַראויסזאָגן — און מען האָט עס אים פאַראויסגעזאָגט — אַז ער וועט ווערן אויך אַ דראַמאַטורג.

אָבער פאַר לייוויקן איז דאָס ווייניק. ער האָט ליב שאָטנס און געשטאַלטן, אָבער ליבער פון אַלע האָט ער ליב דעם שאָטן־געשטאַלט, וואָס גייט פאַראויס יעדן יידן (אָדער יעדן מענטשן, אויב איר ווילט) — און יענער שאָטן, וואָס גייט פאַראויס, איז דער היטער פון דעם מענטשנס אַלע סודות, כוחות און פאַר־וואַנדלונגען — זיין פערזענלעכן מכשף — קורץ און גוט: משיח.

און הינטער יעדן מענטשן שלעפּט זיך אויך אַ שאָטן — דער גולם.

אָבער אַז דער מענטש קערט זיך אום, גייט דער גולם פאַראויס און ער ווערט משיח, און משיח איז דער גולם.

און אַזוי פאַרמישיחט לייוויק דעם גולם און פאַרגולמט משיחן. לייוויק האָט דעם „גולם״ געשריבן נישט אָן אַ בייזער כוונה, אָדער אפשר האָט ער עס גע־טאָן, כדי צו פאַרלייכטערן זיין קומען?

און אָט מיט זיין מחנה שאָטנס און מיט דעם שאָטן, וואָס גייט פאַראויס בראש, האָט זיך לייוויק אַרויפגעוואָרפן אויף דער פשוטער לעגענדע, וואָס קען איבערגעזאָגט ווערן אין צען שורות:

מהר״ל האָט באַשאַפן אַ גולם כדי צו ראַטעווען די יידן פון אַן עלילת־דם.

דער גולם איז אַ העלזערנער און געפינט אויס, ווו גלח טאַדעאוש האָט אונ־טערגעוואָרפן דאָס טויט קריסטלעך קינד. דערנאָך אָבער וואַרפט זיך דער גולם מיט אַ האַק אויף יידן.

ב. ריווקין

דערזען אַז עס איז שלעכט, מאַכט דער מהר״ל אים טויט.

און אויף דער פּשוטער גולם־לעגענדע האָט לייוויק אַוועקגעשטעלט אַ לייטער צום הימל — מדרגות פאַר דעם מענטשן צו קלעטערן.

און איך זאָג נאָך אַמאָל, אַז לייוויקס „גולם״ וואָלט געקענט אויפרודערן די הימלען. נישט נאָר די ווענט זאָלן זיך שושקען — ווען ער וואָלט אים גע־לאָזט זיך אויסשפּילן צווישן לעבעדיקע מענטשן, נישט — צווישן מענטשן, געמישט מיט שאָטנס.

(„די צייט״, 1921)

די גאולה־קאָמעדיע

(„דער גולם חלומט״)

„דער גולם חלומט״ איז אַ פאַרזעצונג פון „גולם״, ווייל עס באַהאַנדלט דאָס זעלביקע פּראָבלעם, דאָס פּראָבלעם פון פיזישן כוח, פון געוואַלט אַלס דערלייזונגס־מיטל. דאָס זעלביקע פּראָבלעם, אָבער אויף אַ העכערן פּלאַן: משיח איז שוין געקומען. משיח אַליין איז די הויפּט־האַנדלענדיקע פּערזאָן. וואָס וועט זיין מיט געוואַלט, אַז משיח וועט קומען?

אין „גולם״ — איז דער גולם דאָס וואָס דאָס שפּריכוואָרט רופט „עולם־גולם״ — מאַסע, פאָלק. און גלייכצייטיק איז ער אויך דער פיזישער כוח, דער געוואַלט־מעטאָד, די יד־חזקה, וואָס דאַרף פאַרבייטן משיחן, אָבער דער פיזישער כוח איז פאַרטראַכט אויף משיחן; איז אָנגעשטעלט און אָנגעצילעוועט צו פולער פאָלקס־דערלייזונג; פאָלקס־דערלייזונג דורך דעם פאָלקס אייגענעם פיזישן כוח; מיט דעם ניצוץ פון משיחן אין זיך.

נעמט אָט דער פיזישער כוח, דווקא אפשר דערפאַר, וואָס ער טראָגט דעם הייליקן ניצוץ אין זיך, און צעפלאַנטערט זיך; נעמט ווילדעווען; ווערט רוצח — קעגן די, וועלכע ער איז געקומען ראַטעווען.

אין אַ געוויסן זין איז עס אַ פּאָעטישער פּראָטעסט קעגן באָלשעוויזם — מיט אַ מוסר־השכל: מען קאָן נישט מיט געוואַלט און איבער־געוואַלט די גאולה ברענגען.

כאָטש די „הבימה״ שטעלנדיק דעם „גולם״ אין מאָסקווע, האָט געלערנט אַן אַנדער פּשט אויפן „גולם״. זי האָט געטייטש דעם זין פון דער דראַמע־פּאָעמע, אַז דערלייזונג דורך אַ יחיד, דורך משיחן אָדער דורך זיין פאַרטרעטער,

דעם גולם־יחיד, פירט צו קיין תכלית נישט. דאָס פאָלק דאַרף מיט די אייגענע הענט זיך נעמען זיין דערלייזונג. דאָס פאָלק אין זעלבסט־דערלייזונג — דאָס איז די אמתע משיחות. אַ שיינער תירוץ פאַר מאָסקווע איז דאָס געווען, אָבער ער דעקט נישט דעם אינהאַלט פון דער דראַמע (פאַרענטפערט נישט, פאַרוואָס זאָל דאָס פאָלק דאַרפן ווערן אַ רוצח!).

אַלזאָ, די טעמע פון „גולם" איז דער במקום משיח, וואָס פאַרבייט משיחן מיט כוח־געוואַלט.

דער מהר"ל איז פאַרצווייפלט, וואָס משיח זאַמט זיך. אָבער, פון דער אַנ־דער זייט, איז ער שוין אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ער וויל גאָרנישט אַז משיח זאָל איצט קומען. ער טאָר גאָר איצט נישט קומען. צו פרי, נישט דערפאַר בלויז, וואָס מען טאָר נישט „מקרב זיין דעם קץ" — נאָר איצט איז נאָך נישט די צייט. איצט דאַרף מען נאָך אָנווענדן כוח. דער מהר"ל איז אומגעדולדיק גע־וואָרן קעגן גייסטיקייט. ער איז אין פּראָטעסט קעגן דער ייִדישער פרומער רוח־ניותדיקייט. אַביסעלע אַ סקעפּטיקער געוואָרן. און ווען משיח קומט אין אַזאַ רציחה־וועלט, וואָלט ער אַליין געמוזט זיך איינשמירן אין בלוט, און צעשמע־טערט ווערן, פאַלן. — אין אַ געוויסן זין איז ער מקרב אַ שטיקעלע קץ, אַ טראָפּעלע דערלייזונג, מיט כוח — אַלס אַ צייטווייליקע הילף פאַר אַ צייטווײַ־ליקער נויט, אָבער ער ווייס, אַז די פולע גאולה קומט נאָך נישט און ער מיינט עס נישט. נאָך נישט די צייט.

(די באָלשעוויקעס זענען יאָ „מקרב דעם קץ" מיט כוח, און מיינען טאַקע אַז דאָס איז דער אמתער וועג, און די איינציקע גאולה. ברויט איז די הויפּט־גאולה; דאָס איבעריקע — גייסטיקייט און גן־עדן — וועט צוקומען. אָבער זיי גיבן צו: געוואַלט — „דיקטאַטור" — איז אַ צייטווייליקע זאַך, ביז דער פּראָ־לעטאַרישער גן־עדן וועט זיך איינשטעלן).

**
*

וואָס איז פון דעם כוח־געוואַלט־פּראָבלעם געבליבן אין דער נייער דראַמע?

יאָ, עס בלייבט אמת: פיזישע געוואַלט וועט ברענגען קעגן זיך און פון זיך אַרויס פיזישע געוואַלט. אַפילו ווען משיח וועט קומען. אויך דעמאָלט וועט זיין געוואַלט. די מלחמות פון גוג און מגוג, וועלכע זענען דער פאָרשפּיל צו משיח־קומען. אַפילו משיח־בן־יוסף, וועלכער איז משיחס אוממיטלבאַרער פאָרלויפער,

איין שריט צו אים — איז אויך אַ געוואַלט־מענטש. נאָך ערגער: משיח אַליין אויך...

ער איז נאַטירלעך קעגן דער אָנווענדונג פון געוואַלט, וועלכע איז אָבער אומפאַרמיידלעך און ער, משיח אַליין, דאַרף נעמען אויף זיך די „לעצטע געוואַלט" — מיט די אייגענע הענט האָט ער אַראָפּ משיח־בן־יוספן דעם קאָפּ.

ווי אַזוי קומט דאָס? — ער טוט דאָס צוליב זיין געוואַלדיקן אחריות־געפיל. ער איז אחריותדיק ביז גאָר, איז מיטפאַראַנטוואָרטלעך מיט אַלע מענטשן פאַר אַלע זייערע טאַטן; אַפילו מיטפאַראַנטוואָרטלעך מיט די בלוט־פאַרגיסער פאַר זייער שפיכת־דמים. מיטשולדיק זענען מיר אַלע — יעדער איינער מיט אַלעמען, און אַלע מיט יעדן איינעם; אַלע אין איין רינג; אין איין יד־אחת. און דער הויפּט־מיטשולדיקער איז ער, משיח! — ווי אַזוי קומט דאָס?

ער איז קינדיש, תמימותדיק, די גוטסקייט אַליין. ער איז דאָס קינד פון דער וועלט, וועגן וועלכן יעדער איינער חלומט. ער האָט רחמנות אויף אַלעמען, און האָט ליב אַלעמען — דעם גולם, בן־יוספן; פאַרענטפערט זיי, העלפט זיי, טרייסט זיי, אַפילו ווען זיי קערן זיך אָפּ פון אים און ווענדן זיך קעגן אים; אַפילו ווען בן־יוסף וואַרפט אים אין תפיסה אַריין, און לאָזט דעם תליון אים מאַטערן פאַר אים אין די אויגן, מיט די ערגסטע פייניקונגען — איז משיחס ערשט וואָרט צו אים, ווען ער קומט צו זיך פון זיין חלשות־צושטאַנד און ערב־טויט־שטומעניש — איז זיין ערשט וואָרט צו בן־יוספן, אַז ער האָט אים ליב, וואָס דאָס ברענגט יענעם נאָך אין אַ גרעסערער רציחה אַריין.

ער, משיח, האָט מיטלייד מיט אַלע דערהרגעטע — שולדיקע אָדער אומשולדיק־דערהרגעטע. אין דער נאַכט נאָכן געלונגענעם אויפשטאַנד, וואָס האָט באַפרייט בן־יוספן פון תפיסה, וווהין מלך מגוג האָט אים אַריינגעזעצט, אַלס דעם לעצטן מורד — באַפרייט אַ רגע פאַר דעם, ווי ער האָט שוין געזאָלט געקעפּט ווערן פון תליון צוזאַמען מיט לילית, זיין פרוי — (אויף דעם באַפעל פון מלך מגוג, וועלכער האָט זיך נאַר־וואָס זיך געהאַט אומגעקערט אַ טריומפירנדיקער פון שלאַכטפעלד, נאָך זיין נצחון איבער מלך גוג, וועמען ער האָט געבראַכט אַ געפאַנגענעם, אַ געשמידטן אין קייטן, אַ צוזאַמענגעשמידטן מיט זיינע מקורבים) — אין דער נאַכט נאָך יענעם אויפשטאַנד פאַר משיח־בן־יוספס באַפרייונג, ווען דאָס גאַנצע פאָלק יובלט, מיינענדיק אַז משיחס צייטן הייבן זיך שוין אָן — גייט חנינה, משיח־בן־דוד, אַרום ווי אַן אבל איבער דער שטאָט, בייגט זיך איין איבער יעדן הרוג, קוקט אים אין פנים אַריין און באַוויינט אים. ער

ווײַנט אַפּילו איבער די טויטע קערפּערס פֿון גוג ומגוג, ווען משיח־בן־יוסף האָט געלאָזט אָפּהאַקן די קעפּ דורך דעמזעלביקן תּליון...

(דער תּליון איז אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע; ער דינט אַלע רעגירונגען ביז אין משיחס צײַט אַרײַן; ער איז דער טרעגער פֿון דער אײביקער האַק).

אין יענער נאַכט, מיט וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע עפּאָכע, די בן־יוסף־עפּאָכע פֿון משיחס צײַטן, ווײַנט און ווײַנט משיח־בן־דוד, און ווײַנט גאָר אַ סך.

ווײַל ער האַלט זיך פֿאַר אַ מיטשולדיקן פֿאַר די אַלע רציחות און הריגות; אַפּילו פֿאַר דעם טויט פֿון גוג ומגוג אויך...

ווײַל ער האָט געהאָלפֿן בן־יוספֿן צו נצחון; ער אין שותּפֿות מיטן גולם האָט דעם אויפֿשטאַנד אַרויסגערופֿן; אין באַגלייטונג פֿון גולם האָט ער געקלאַפּט אין אַלע לאַדנס און אַרײַנגערעדט אין אַלע הערצער — און ווו ער האָט אָנגעקלאַפּט און ווו ער האָט אַרײַנגערעדט — זענען די מענטשן אָנגעצונדענע געוואָרן. ער, משיח, רופֿט אַרויס אַלע אויפֿשטאַנדן פֿון פֿאָלק פֿאַר זײַן באַפֿרייונג. דער ניצוץ־משיח, וואָס ס'פֿאָלק טראָגט אין זײַן האַרצן, צינדט אים אָן. וואָרום וועער איז ער דען, משיח? — אַן אויסשטראַלונג פֿון פֿאָלקס־בענקשאַפֿט, פֿון פֿאָלקס־חלום וועגן דערלייזונג.

„דער גולם חלומט" — דאָס גאַנצע משיח־געשעעניש אין דער דראַמע איז אויסגעחלומט פֿון גולם (אין דעם גוטן זין פֿון עולם־גולם, — מאַסע, פֿאָלק).

פֿיר הונדערט יאָר איז ער אָפּגעלעגן ווי אַ ליימענער גולם, אונטער אַ באַרג מיט שמות, אויפֿן בוידעם פֿון מהר"לס משפּחה־הויז, און געחלומט דעם משיח־חלום, וואָס דער מהר"ל האָט אין אים אַרײַנגעגעבן. און וואָס ער האָט געחלומט, האָט אויך געחלומט משיח אין דעם מדבר (אויב איר ווילט, וואָס דער עולם־גולם חלומט, געשטאַלטיקט זיך ביים פּאָעט אין זײַן פֿאַנטאַזיע) — ביז די צײַט איז געקומען, און דער משיח־חלום האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט, אויסגעפֿורעמט — געוואָרן זאַפּטיק, קרעפּטיק, לעבעדיק. כאַפּט זיך דער גולם אויף אויפֿן בוידעם (און דאָ הייבט זיך לייוויקס נײַע דראַמע אָן) — כאַפּט זיך אויף — אָן מהר"לס שם־המפֿורש — פֿון זיך אַליין, ווײַל די צײַט איז שוין געקומען, און ער גייט און ברענגט משיחן פֿון דעם מדבר אין מענטשלעכן ישוב אַרײַן.

די צײַט איז שוין געקומען, ווײַל משיח־בן־יוסף איז שוין אויך דאָ — דער משיח ביד חזקה, דער געוואַלט־משיח, וועלכער איז אויך פֿאַרחלומט אויף משיחן, און ווערט געוואַרעמט פֿון דעם משיח־ניצוץ, וואָס ביי אים האָט עס זיך

שוין צעבלאָזן אין אַ פלאַם. ער קאָן זיך אויף דעם אמתן נישט דערוואַרטן, הייבט ער אָן אַליין. רופט אַרויס אַ פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן טיראַן און בעל־חלומות מלך מגוג, און ווערט באַזיגט. ער באַהאַלט זיך אויס אויף איין בוידעם מיטן גולם, פאַרפאָלגט פון מגוגס שפּיאָנען, פּאָליציי און סאָלדאַטן. — און דאָס הויז ווערט שוין אַרומגערינגלט. באַלד וועט ער גענומען ווערן געפאַנגען. דעמאָלט כאַפּט זיך דער גולם אויף — וואָרעם דאָס איז דער אמתער סימן, אַז די ריכטיקע צייט איז שוין געקומען. און נאָך אַ סימן: אַנדערש ווי פריִער, אין מהר״לס צייטן, לאָזט זיך משיח פון אליהו הנביא צוריק אין מדבר נישט פאַריאָגן. ער וויל בלייבן. ער וויל נעמען אויף זיך אַלע מענטשלעכע לאַסטן און יאָכן און ער נעמט אַ האַנט אין אַלע אויפשטאַנדן פון משיחס צייטן. ער וועקט, ער רעדט — ער צינדט דאָס בלוט.

דאָס איז דער משיח־חלום, די משיח־זעונג, וואָס טרייבט דאָס פאָלק פון אויפשטאַנד צו אויפשטאַנד; און דערפאַר איז ער מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַלע באַגלייטנדיקע רציחות, הריגות און בלוט־פאַרגיסונגען...

דאָס איז סימבאָליזירט אין דער דראַמע דורך אַ סצענע, אין דער נאַכט פון אויפשטאַנד, ווען משיח דערזעט פלוצלינג בלוט־פלעקן אויף זיינע הענט. האָט ער דען אַליין בלוט פאַרגאָסן? — ניין, ער האָט בלויז גערעדט און געוועקט...

האָט עס געקאָנט אויסגעמיטן ווערן? האָבן די קעפּ פון גוג ומגוג געקענט געשאָנעוועט ווערן? — אונטער די אומשטענדן פון קאַמף, אונטער דער נויט־ווענדיקייט פון טאָג — ניין! — אָבער משיח איז דאָך די פּערזאָניפיצירונג פון העכסטן מאָראַל־באַגריף. לייוויק האַנדלט דאָ אין אַבסאָלוטע מאָראַל־געבאָטן, און זיין משיח זאָגט: האָט עס נישט געקענט פאַרמיטן ווערן, איז ער שולדיק...

לייוויק בויט דאָ אויף דעם פסוק, אַז משיח וועט ערשט קומען, ווען אַלע, אַלע וועלן זיין שולדיק אָדער אומשולדיק — כולו חיב אָדער כולו זכאי.

כולו חיב קאָן נישט זיין, ווייל עס וועט אַלעמאָל זיין איינער אַן אומשול־דיקער, — משיח אַליין. און כולו זכאי קאָן נישט זיין, ווייל עס וועט אַלעמאָל זיין איינער אַ שולדיקער — דער לעצטער שולדיקער — משיח־בן־יוסף, וועל־כער האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל נישט איבערגעבן די מאַכט צו משיח־בן־דוד. דאָס פאָלק, פון דאָס ניי אָנגעצונדן פון דעם משיח־חלום, האָט געמאַכט אַ נייעם אויפשטאַנד, און אַראָפּגעזעצט משיח־בן־יוספן און געבראַכט אים אין תפיסה — צום צווייטן מאָל. אַליין אַ חלומער פון משיחן, זיין האַרץ גייט אויס נאָך אים, אָבער לילית — די פרוי — האָט אין אים אויפגעוועקט די תאווה צו

מאַכט. ער וויל נישט צוזאָגן, אַז ער וועט אַוועקלייגן זיין שווערד, ווען ער ווערט באַפרייט. ער וויל נישט לאָזן זיך איינשטעלן די פולקאָם געריכטע אָרדענונג זאָל באַפלעקט ווערן מיט בלוט־פאַרגיסונג. און זאָל משיח נישט קענען קומען — און ירשענען דעם גאַנצן כבוד פון משיחס צייטן.

ווידער אַמאָל — די אומפאַרמיידלעכקייט פון געוואַלט.

ווער זאָל טויטן משיח־בן־יוספן? — משיח וויל נישט דערלאָזן, אַז אימיצער זאָל עס טון — נישט דער תליון, וועלכער איז שוין אַ צדיק געוואָרן; נישט דער נביא פון יענעם טאָג און פון יעדן טאָג, אַרמילוס, וועלכער סימבאָליזירט די אומפאַרמיידלעכקייט און וועלכער רופט זיך אַרויס אָפּצוטון די לעצטע געוואַלט.

אויב מען מוז עס טון, וועט ער משיח עס אַליין טון — ער, דער הויפּט־מיטשולדיקער אין אַלע בלוט־פאַרגיסונגען.

משיח־בן־דוד גייט אין תפיסה און האַקט אייגנהענטיק משיח־בן־יוספן דעם קאָפּ אַראָפּ.

און גלייך דערויף ווען ער קומט אַרויס בענטשן דאָס פאָלק, דערזעט ער ווידער די בלוט־פלעקן אויף זיינע הענט. ער טאָר דאָס פאָלק נישט בענטשן, ער, דער לעצטער בלוט־פאַרגיסער, געוואַלט־טוער, דער לעצטער שולדיקער. ער אַליין פאַרהאַלט איצט די פולע גאולה.

גייט ער צוריק אין תפיסה אַריין, פאַרשפּאַרט זיך דאָרט און וויינט אַ נאַכט מיט אַ טאָג. דאָס פאָלק וויל מאַכן יום־טוב; די שלוחים פון די פעלקער זענען זיך צונויפגעקומען צו דער משיח־סעודה; ווילן אָנקוקן משיחס ליכטיקן פּנים. אָבער ווו איז משיח?

משיח האָט געצוואונגען דעם תליון אים אַליין אַראָפּצוהאַקן דעם קאָפּ, כדי אָפּצושאַפן די לעצטע מניעה צו דער גאולה.

און ער פאַרזאָגט דעם גולם צו פאַרנעמען זיין אָרט — דעם גולם, וועלכער האָט אַזוי לאַנג זיך אַריינגעזחלומט אין דער משיח־געשטאַלט, אַז ער איז געוואָרן ענלעך צו אים ביז צו דערקענען.

איז פאַרוואָס איז דאָס גאולה־קאָמעדיע? — ווייל אָך און וויי צו משיחן, ער האָט זיך אַליין אָפּ דעם קאָפּ. און דער גולם פאַרנעמט זיין אָרט.

און געוואַלט וועט נישט אויסגעמיטן ווערן — פון משיחן אַליין אויך נישט; אַן אייביקע אומפאַרמיידלעכקייט. און דער גולם, דער משיח־ענלעכער, פאַרנעמט זיין אָרט.

דערפֿאַר איז דאָס גאולה־קאָמעדיע — אַ קאָמעדיע, ווייל אָט וואָס עס לאָזט זיך אויס פון פֿאָלקס־חלומות. אַפילו משיח אַליין, קעגן זיין ווילן, מוז אַ רשע ווערן.

לייוויק בלייבט מיט דעם טראַגישן געפיל וועגן מענטש־און וועלט־גורל. אוממעגלעך פולע מענטשישע דערלייזונג. אויף יענער וועלט סיידן. אַ פּעסימיס־טישער אויספיר, קיין אַבסאָלוטער משיחיזם, נאָר אַ רעלאַטיווער. נאָר אַ טייל־כעלע פון דער גאולה וועט מקוים ווערן.

און צוריקגערעדט, אויב איר ווילט, איז דער אויספיר אַן אָפּטימיסטישער. אויב מען מעסט מיט דער גאָט־מאָס — אַז די מינדסטע עברהלע טאָר נישט צוגעלאָזן ווערן — איז פולע גאולה אַן אוממעגלעכקייט. אָבער מיט דער מענטש־מאָס געמאָסטן, איז עס גאָר נישט אַזוי שלעכט. אויב איר ווילט, דער גולם, וואָס פאַרנעמט משיח־אָרט, איז טאָקע משיח אַליין, דער אמתער, דער פּאַקטי־שער — דאָס פאָלק, און די רשעות ווערט אין דער דראָמע רעדוצירט סך־הכל צו דער טויטונג פון לעצטן רשע — בן־יוספן — דורך משיחס אייגענע הענט; אין דער ווירקלעכקייט, קאָן עס מיינען צו דער אויסראָטונג פון די לעצטע פאַרברעכער, וואָס שטייען אין וועג — אויפן פאָלקס־באַפעל, דורך דעם פאָלקס־מאַכט.

פון מענטש שטאַנדפונקט איז דאָס גאָר נישט אַזוי שלעכט; און מען דאַרף קיין געוואַלט־געשריי נישט מאַכן וועגן דעם; אַבי דאָס קומט צו זיין פולער הערשאַפט.

אויב לייוויק מאַכט יאָ אַ געוואַלט־געשריי, איז עס דערפאַר, ווייל ער גייט צו מיט דער איבערמענטשלעכער מאָס; ווייל ער טראַכט אין אַבסאָלוטע באַגריפן; ווייל ער דערטרייבט דעם „מען טאָר נישט" ביז אַבסאָלוט, און מאַכט זיין משיחן גאָט־ענלעך אין פרט פון מאָראַלישקייט, הגם מענטשלעך אין אַ סך, אַנדערע פּרטים; ווייל, נאָכפאָלגנדיק יידישע גלויבנס־לעגענדעס, פאָדערט ער כולו זכאי אַלע, אַלע זאָלן גערעכט זיין, אַלס תנאי פאַר דער גאולה — דעריבער וואַקסט אויס פאַר אים דאָס פּראָבלעם פון לעצטער געוואַלט...

ווייל ער האָט די משיח־אידעע איזאָלירט, אין זיין פּאָעטישער לאַבאָראַ־טאָריע, אויף דער פּראָבלעם פון געוואַלט — דערפאַר האָט ער אָנגעשלאָגן אַ פּעסימיסטישן שלוס־טאָן; געוואַלט איז אומפאַרמיידלעך אַפילו אין משיחס צייטן — און אָך און וויי צו אונדז.

אין די קאָנקרעטע מענטשלעכע אומשטענדן פון לעצטן קאַמף פאַר דעם

פאָלקס פולער אויסלייזונג, וועט עס קיין פּראָבלעם נישט זיין; אַפילו ווען די פאָלק־דערלייזער זאָלן וועלן זיין צדיקים, און וועלן אָדער נישט וועלן נוצן זייער מאַכט־ארם — וועט דער לעצטער צד־שכנגד אַריין אין רציחה און זיך פאַרמעסטן מיטן שווערד אויף זייערע קעפּ. וועט עס זיין אַ זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט, אַז מען וועט זיך דאַרפן אָפּוערן.

סיידן, די פאָלק־דערלייזער אין משיחס צייטן וועלן באַוואָפנט ווערן מיט אַ נייעם כוח — מיטן בליק אָפּצושטעלן די רציחה פון די געוואַלט־טאַטער; אָדער עס וועט זיך אַרויסשטעלן פאַר אמת דער אמת, וואָס וויל אַרויסרעדן דורך גאַנדי — און האָט זיך געוואָלט אַרויסרעדן דורך טאָלסטאָיען — אַז דאָס נישט ווייזן קיין ווידערשטאַנד האָט אין זיך דעם כוח צו פּאַראַליזירן די הענט פון די געוואַלט־טוערס; און דאָס דאַרף זיין דער משיח־מעטאָד, אַנדערש וועט קיינמאָל קיין גאולה נישט זיין...

אָבער דאָס איז נישט לייוויקס שטאַנדפּונקט אין דער נייער משיח־דראַמע; ער גיט דאָך צו די אומפאַרמיידלעכקייט פון געוואַלט: משיח אַליין איז דער לעצטער געוואַלט־טאַטער, דער לעצטער תליון, וועלכער באַשטראָפט זיך אַליין מיט זעלבסט־באַזייטיקונג, איבערגעבנדיק זיין פּלאַץ און מאַכט צום גולם, וואָס דאָס איז גאָר נישט אַזאַ אומגליק, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז דער גולם איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו אים, אַליין אין דער בחינה פון משיחן — דאָס פאָלק...

און דאָ איז די אַנדערשקייט צווישן לייוויקס נייער משיח־גולם־דראַמע און דער ערשטער אין דער באַהאַנדלונג פון פּראָבלעם פון געוואַלט:

דאָרט פאַרטרעט דער גולם משיחן, ווייל פאַרלויפן אים דעם וועג, כדי מיט פיזישער געוואַלט צו פאַרבייטן גייסטיקע מאַכט; און דער אויספיר איז: עס וועט נישט אויסהאַלטן; די גאולה וועט צוזאַמענברעכן...

דאָ פאַרבייט דער גולם משיחן אויף משיחס אייגענעם פאַרלאַנג, ווייל משיח אַליין האָט זיך פאַרזינדיקט מיט געוואַלט; אויב דער גולם האָט עס געטון האָט ער עס געטון בשוגג, — אין הייליקער אומשולד; בעת משיח טוט עס במזיד — מיטן אייגענעם פרייען ווילן, אַניט איז די גאולה פאַרהאַלטן; און ער, משיח, האָט דעם פאָלקס גליק ליבער, ווי זיין אייגענע גערעכטיקייט.

אין סך־הכל: געוואַלט איז צונויפגעוואַקסן מיט גאולה, איז אין איר אַריינ־געבאָרן; אָדער ווי מען דריקט זיך אויס „פילאָזאָפיש": געוואַלט איז אימאַנענט אין דער גאולה.

איז „דער גולם חלומט" אַ פּאַרזעצונג פון „גולם" און צוגלייך די קרוינונג זיינע; דאָס גולם־פּראָבלעם געבראַכט אויף אַ העכערער מדרגה, אויף דעם משיח־שטח, מיט אַ פּאַרטיפטער לייזונג פון דער געוואַלט־פּראָבלעם.

דער גולם האָט דאָ געקראָגן אַן עליה; אַנשטאָט וואָס פריער אַ נישט־געבעטענער פאַרלויפער, וואָס פאַרדאַרבט; איז ער דאָ אַ געוווּנטשענער נאָכ־פאָלגער, וואָס דערפירט.

לייוויקס פּראָטעסט איז דאָ נאָר אַ פּאָעטישער רעפלעקס פון אַן איבער־וואַכן געוויסן. סוף־כל־סוף איז דער משיחיזם דאָ דערהויבן צו אַ רעליגיע — פאַר דעם פּריוואַטן געברויך פון די יחידי־סגולה. די אויסדערוויילטע צדיקים — און דערפאַר אפשר איז משיח דאָ זייער ענלעך געמאַכט געוואָרן צו קריס־טוסן — ציט זיין אחריות־געפיל, וואָס נעמט אַרום אַלע מענטשן, מיט זיין מיט־ליידן אַפילו מיט די רשעים.

חנינה שטייגט דאָ נאָך אַריבער קריסטוסן; זיין משיח־קרבן איז פאַרגרע־סערט; צו לאָזן זיך פּייניקן איז אים ווייניק; צו לאָזן קרייציקן איז פאַר אים אַ קלייניקייט; ער באַפעלט זיין אייגענע הינריכטונג; ער איז מקריב נישט נאָר זיך, נאָר זיין אייגענע גערעכטיקייט און אומבאַפלעקטקייט פאַר דער טובה פון דעם מענטשנס גאולה; צוליב דער גאולה ווערט ער אַ מיט־פאַרברעכער מיט אַלע פאַרברעכער — דער לעצטער פאַרברעכער, דער לעצטער תליון...

**
*

און נאָך אַ טעם פאַרוואָס די „גאולה־קאָמעדיע" איז קאָמעדיע — איז די אַזוי גערופענע „פאַררעטערישקייט" פון פאָלק, זיין אומבאַשטענדיקייט; די רדיפות, וואָס משיח האָט אויסצושטיין.

פיר געשטאַלטן זענען דאָ, וואָס סימבאָליזירן פאַרראַט:

דער תליון — די געהאַרכזאַמע האַק, וואָס פאָלגט דעם לעצטן מאַכטהאָבער. בלינד־געטריי איז ער יעדן פון זיי, אָבער אָן שום תשובה און חרטה גייט ער איבער פון איינעם צום אַנדערן. ער ירשנט זיך און אָן ש ו ם באַדויערן ווטע ער היינט האַקן דעם קאָפּ פון דעם מאַכטהאָבער, וועמען ער האָט נעכטן געדינט. די „אומפאַרטייאישקייט" פון דער האַק. יעדער פון די מאַכטהאָבער האָט אַ שייכות צו אים; קאָן נישט אויסקומען אָן אים. דאָך איז נישט שייך צו זאָגן, אַז ער איז דער „פאַררעטער". ער איז דער פּראָפעסיאָנאַל; דער קצב פון דער געשיכטע.

ער איז בוכשטעבלעך דער לעצטער בוכשטאַב פון פיזישער געוואַלט. אָן באַ־וווסטזיין און אָן פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מען הייסט אים, טוט ער. און די מאַכט־האָבער באַנוצן זיך מיט אים, כדי צו פאַרטושן זייערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זייערע הענט האָבן דאָס בלוט נישט פאַרגאָסן. קיינער איז נישט „פאַראַנטוואָרט־לעך". מיט זיין הילף ווערט דער טיראַן אויס רוצח. ער איז אינסטיטוציע, רע־גירונג, געזעץ. דער איינציקער איז משיח, וואָס וויל אַליין דער תליון זיין אי־בער זיך, כדי צו אונטערשטרייכן זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זיין שולדיקייט און כדי אַליין באַשטראָפט צו ווערן דערפאַר.

מער פאַררעטער פון תליון איז דער נביא אַרמילוס — איינע פון די איני־טערעסאַנטסטע געשטאַלטן אין דער דראַמע. פונקט ווי דער תליון, גייט ער אי־בער צו יעדן טריומפירנדיקן מאַכטהאָבער. ניין, ער גייט נישט איבער, ער לויפט זיי פאָרויס. ער זאָגט דאָס בעסטע, דאָס נייטיקסטע צו זייער טובה־וועגן. ער איז זייער אינספּיראַציע, זייער נביא. און האָט ער אַ פאָרגעפיל, אַז באַלד וועט אַן אַנדערער טריומפירן, איז ער אומדערשראָקן; ער שליידערט זיין נבואה אין פנים אַריין דעם מאַכטהאָבער, וואָס דאַרף אָפּטרעטן דעם אָרט. ער האָט גאָר קיין מורא נישט אָנצוזאָגן דעם שרעקלעכן טיראַן־מלך גוג, אַז משיח־בן־יוסף, ווע־מען ער הייסט דעם קאָפּ אָפּהאַקן, וועט אים אַליין דעם קאָפּ אָפּהאַקן — כאָטש מיט אַ טאָג פריִער איז ער דאָס געווען דער ערשטער וואָס האָט געפאָדערט משיח־בן־יוספס קאָפּ.

ער איז געווען דער נביא פון משיח־בן־יוסף, ווען יענער האָט געמאַכט זיין ערשטע מרידה קעגן מלך גוג. און ווען די מרידה איז צו־ענד, זי האָט אָפּ־געטון אירס, איז ער שוין דער נביא פון מלך גוג; דערשפּירט ער בן־יוספס טריומף, ווערט ער נאָך אַמאָל בן־יוספס נביא. ער האָט אַן אָנונג וועגן משיחס קומען, און פילט פאָרויס זיין דערנענטערונג, און אָט איז ער חושד, אַז ער איז שוין דאָ — און אָט דערקענט ער אים — נעמט ער אים נישט אויף? ניין, משיח דאָס איז אַ זאַך פון מאָרגן — היינט איז בן־יוסף; און הייסט משיחן פאַרשפּאַרן אין תפיסה. דאָס פאָלק מורמלט, און לילית שליידערט אים אין פנים אַריין, „פאַררעטער", אָבער ער בלייבט קאַלט. ער ווייס נישט פון פאַרראַט. און דאָס איז דער נביא פון היינט, דער געניוס פון היינטיקן, פון דער לויפנדיקער שעה. פאָלק און די מאַכטהאָבער זענען אין גרויל פאַר אים. — ווער איז ער? — ער דער מאָמענטאַנער צייט־גייסט. ער טרעפט די טיפסטע, אינטימסטע נויטיקייט. ער איז די אייזערנע נויטווענדיקייט, די שטיינערנע אומפאַרמיידלעכקייט; די

העכערע באַרעכטיקונג און פאַרענטפערונג פון דעם וואָס געשעט. ווען ער ווערט עמעצנס נביא, מעג מען אים שוין געטרויען, אַזוי לאַנג ער איז יענעמס נביא. ער איז נישט נאָר מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן, ער איז יענעמס נשמה: ער פאַרטרעט אים נאָך בעסער, ווי יענער זיך אַליין. ווען ער ווערט משיחס נביא ,פירט ער די משיח־פּאָליטיק. ווען משיח פאַרשפּאַרט זיך אַליין אין תפיסה, פאַרבאַהאַלט אַרמילוס עס פון פאָלק, וואָס גרייט זיך צום משיח־יום־טוב. עס זאָל נישט ווערן קיין מהומה, דער יום־טוב מוז אָנגיין. און פון משיח אַ ווונק, שטויסט ער זיך אָן, אַז דער גולם דאַרף איינפירן משיחס צייטן .ברענגט ער עס צו שטאַנד. און דערמיט ווערט באַשטעטיקט, אַז דאָס זענען טאַקע משיחס צייטן, און אַז דער גולם איז דער פאַסיקסטער פאַר דער ראָלע פון דעם איינפירער.

לייוויק אַליין האָט צו אים צוטרויען; דורך אים פאַרטיידיקט ער די אומ־פאַרמיידלעכקייט פון געוואַלט ביז צו דער רגע פון משיחס קומען און אַפילו אין דער רגע, ווען ער איז שוין געקומען...

אַרויפזעצנדיק דעם גולם אויף משיחס אויבנאָן, ווייסט ער שוין אַז זיין שליחות איז געענדיקט, אַנדערע מאַכט־געבער וועלן שוין נישט זיין — און ער צעפאַלט אין שטיין. וואָרעם לויט דער לעגענדע איז אָט די אייזערנע נויט־ווענדיקייט און שטיינערנע אומפאַרמיידלעכקייט געבאָרן געוואָרן פון אַ שטיין — פון אַ סטאַטוע פון אַ גריכישער געטין, וואָס הפקר־יונגען האָבן אָנגעשטעקט מיט תאווה.

ניין, אַרמילוס איז נאָך אַלץ נישט דער אמתער „פאַררעטער". — גיכער איז ער דעם היינטיקן טאָגס ערלעכסטער פאַרטרעטער. — די „פאַררעטעריש־קייט", די אומבאַשטענדיקייט פון פאָלק ווערט אמתער סימבאָליזירט דורך דעם גולם — יאָסעלען — און דורך משיח־בן־יוסף.

ביידע לעכצן נאָך משיחן, דער גולם איז דער וואָס האָט אים אויסגעחלומט — דאָס פאָלק, „עמך", און בן־יוסף איז דער שטאַרקער יחיד, אין וועמען דער משיח־ניצוץ האָט זיך צעברענט. אָבער ווען משיח קומט, גייען זיי אַ ווילע נאָך אים, און וואַרפן זיך אָפּ פון אים, און ראַנגלען זיך צוריק צו אים און צוריק אַוועק פון אים.

אָבער איז דער גולם „פאַררעטער"? — דאָס פאָלק פאַרראַט נישט. נאָר געצויגן פון משיח־חלום גייט עס שטופּע צו שטופּע, און אויף יעדער שטופּע וויל עס באַרויִקט און באַפרידיקט ווערן. דאָס איז זיכער פוילקייט, קורץ־אָטעמ־דיקייט, מאַנגל אין ענערגיע ,אויסגעהונגערטקייט.

דער גולם שטרעבט צו פולער שמחה. — צוגרייטנדיק מיט משיחן דעם אויפשטאַנד, וואָס האָט געבראַכט צו בן־יוספס נצחון, מיינט ער די אמתע משיחס צייטן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן — די גאַנצע פולע שמחה וויל ער גלייך האָבן, און דאָ גייט משיח אַרום אַ טרויעריקער און באַווײַנט די געפאַלענע, די טויטע פּראָטעסטירט ער, און ווערט אים אַ דם־שונא. ער זאָגט עדות אויף אים פאַר בן־יוספס טריבונאַל, מיט וועלכן אַרמילוס פירט אָן, אַז ער האָט אַליין געזען ווי חנינה, משיח־בן־דוד, האָט געווײַנט איבער די קערפּערס פון די טיראַנען גוג ומגוג.

און נאָך שרייט יאָסעלע־גולם פאַר דער באַצאָלונג פון אַלע חובות — פון אַלע פאַריבלס און הונגערס. דער תאווה־הונגער אויך. אַלע הונגערס דאַרפן גע־זעטיקט ווערן, דעם פאָלקס תאווה־הונגער אויך. — צוזאַמען מיט אַרמילוס איז ער דער איינפירער פון לייב־הפקרות. — קיינער זאָל נישט זיין קיין צוריק־געשטויסענער פון אַ פרוי — און דאָס איז פאַר אים דערווייל דער הויפּט־סימן פון משיחס צייטן.

ער געדענקט נאָך גוט, ווי מהר״לס איניקל, די פרומע ,כשרע צנועה דבורהל האָט אים צוריקגעשטויסן — אים, דעם גראָבן יונג, דעם גולם, איז איר נישט אָנגעשטאַנען — איז עס אַ פאַריבל, וואָס ער קאָן נישט אויסמעקן פון זיין לייב. דערפאַר איז ער דאָס אַריין אין אַזאַ רציחה, און פאַר דער רציחה האָט ער באַ־צאָלט מיט 400 יאָר טויט אונטער אַ באַרג פון שמות, אויפן בוידעם פון מהר״לס משפחה־הויז.

און איצט, ווען הפקרות ווערט פּראָקלאַמירט אין משיח־בן־יוספס צייטן, קאָן ער אַמאָל צושטיין צו דבורהל, דעם מהר״לס אור־אור־אור־איניקל, וואָס אויף איר בוידעם איז ער אָפּגעשלאָפן זיין 400־יאָריקן שלאָף, און ווערט ווידער אַמאָל — אַפילו שוין אַ סך איידעלער, אָן געשרייען און מסירות, אַ צוריק־פאַרפאָלגער. אַנדערש איז דער פאַרראַט פון בן־יוספן, דער גרויסער יחיד, וואָס איז אָנגע־פייערט געוואָרן פון משיח־חלום צו העלדנטאַטן און פירערשאַפט. ביי אים קומט עס פון אַמביציע, וועלכע ווערט געשפייזט פון ליליתן — דער פאַרפירערישער פרוי — די פרוי, וועלכע העלפט דעם מאַן צו דער פאַרקערפּערונג פון זיינע חלומות; די פאַרפירערישע פרוי העלפט דעם מאַן צו דער פאַרקערפּערונג פון דעם צייטלעכן אין אים איבער דעם אייביקן... זי איבערזעצט זיין תאווה צו לייב אין תאווה צו מאַכט. ווען ביידע זיצן געשמידטע אין קייטן אין דער תפיסה, און זי וואַרפט זיך אין שרעק פאַרן טויט, און ער גיט נאָך אַלץ די האָפענונג נישט

אויף, גליכצייטיק גרייט מקבל־פּנים־זיין דעם טויט אין אומדערשיטערלעכן מוט — באַשולדיקט זי אים אין פאַראַט, און מיט דעם אַנשטעל, אַז זי גיט זיך איבער דעם תליון פאַר אים אין די אויגן, רייצט זי אין אים אויף די אייפערזוכט, און ער צערייסט די קייטן...

און איבערזעצנדיק תאווה אין תאווה אַמביציע, העצט זי אים קעגן משיחן; וואָס הייסט איבערגעבן די גדולה צו דעם הייליקן, בעת ער, בן־יוסף, זאָל נאָר דערפאַר זיין דער אומהייליקער, ווייל ער איז געגאַנגען דורך פייער און בלוט צו דער פאָלקס־דערלייזונג?...

אַזוי ווערט ביי בן־יוסף די פאָלקס־דערלייזונג צונויפגעשמאָלצן מיט תאווה צו מאַכט. — נישט פאַרגינערישקייט, גאווה, קנאה, שנאה...

אַמביציע איז פאַרוואַנדלטע תאווה. און תאווה צום לייב (ביים גולם) און תאווה צו מאַכט (ביי בן־יוסף) זענען די צוויי סיבות פון פאַרראַט. אָבער בעת דער גולם קומט איבער זיין תאווה און ווערט געלייטערט שטעלט ער זיך איין פאַר משיחן קעגן בן־יוסף, גייט אין תפיסה צו אים און טיילט זיין מאַרטירער־שאַפט, ווייל אים נישט פאַרשעלטן ווען מען רייסט אים מיט צוואַנגען זיין פלייש — און ער ווערט אַזוי אַרום ראוי צו פאַרנעמען משיחס אָרט; די מאַכט־תאווה, אָבער ביי בן־יוסף ווערט קיינמאָל נישט געשטילט, אַפילו ווען דאָס זאָל אים קאָסטן דאָס לעבן; ער האָט משיחן ליב — זיין חלום פון זיינע יונגע און העל־דישע יאָרן — אָבער גיט נישט נאָך; ער צווינגט משיחן אים צו טויטן, אַבי צו פאַרבייטן משיחן, אויף זיך אָנטאָן זיין הייליקייט און אים צווינגען ער זאָל אַליין זיך דאַרפן אָפּראַמען פון וועג...

דאָס דעקט דעם קאָמעדיע־עלעמענט אין דער גאולה־קאָמעדיע.

די איינציקע וואָס בלייבן משיחן געטריי, בעת אַלע פאַרראַטן — זענען אליהו־הנביא און דבורהל — די אידעאַלע פּרוי...

אַ טשיקאַווע געשטאַלט איז דאָ אַליהו. דער אַלטינקער. אַזוי עובר זיין אויף דער לעגענדע, ווי לייוויק טוט דאָ, וועט זיכער פאַרשריבן ווערן אין הימלס פּנקס. מען וועט אים דאָרט זיכער געדענקען אָט דעם צוגאַנג זיינעם צו דער לעגענדע, אַ תל האָט ער פון אים געמאַכט. בלינד און שטום האָט ער אים געמאַכט. פאַר־וואָס האָט עס לייוויק געטון? ווייל זינט די מעשה־פּראַג זענען אַזויפיל פאַלשע בשורה־ברענגער געקומען, אַז לייוויק האָט זיך מייאש געווען אין זיי אַלעמען? ווי נאָר עס מעלדעט זיך אַ נייער בשורה־ברענגער, ווערט לייוויק אַ פּאַרציטערטער

— דערפאַר אפשר? און אפשר דענקט ער, אַז אליהו הנביא איז געווען איינער פון זיי?

ער לאָזט משיחן אליין אליהו־הנביא בלינד מאַכן, ער פאַרוועדט אים זען. נאָך דער מעשה פראַג איז דאָס געווען. איז משיח אין כעס געוואָרן, וואָס ער האָט אים צוריקגעשלעפּט אין מדבר אַריין. אָדער נאָך דער מעשה פראַג, איז אליהו אַליין אַזוי דערשיטערט געוואָרן — איין קליינקייט, אַ גרויסער רב, אַ מנהיג בישראל זאָל זיי אַרויסטרייבן! — און נאָכדעם אויף זיינע וואַנדערונגען האָט ער אַזויפיל זיך אָנגעזען, אַזוי אָנגעזעטיקט געוואָרן מיט ביטערע דערפאַרונגען, אַז ער איז פאַרצווייפלט געוואָרן אין מענטשן. און אָנשטאָט אַ פאַר־לייפער פון משיחן, אַ בשורה־אָנזאָגער, איז ער גאָר געוואָרן אַ פאַרהאַלטער פון דער גאולה. עס גייט אים אין לעבן איינצוהיטן דאָס לעבן פון משיחן און לאָזט אים נישט פון מדבר אַרויס, אַזוי אַז עס קומט אויס, אַז משיח איז פון משיחס וועגן, נישט פון מענטשנס וועגן.

אָבער משיח וויל מער אין מדבר נישט זיצן. ער רייסט זיך צו מענטשן. און ער וויל נישט געלערנט זיין פון ביטערע דערפאַרונגען. טראָץ אַלע דערפאַ־רונגען, וויל ער אויסלייזן די מענטשן. זאָל קאָסטן וואָס עס קאָסט. האָט ער דעם אַלטן בלינדן געמאַכט. זאָל ער בעסער נישט זען וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, זאָל ער נישט קומען יעדעס מאָל מיט אַ נייער ווילדער מעשה וועגן מענטשן.

און די צונג האָט לייוויק געלאָזט בן־יוספן אים אויסשניידן. אויף בן־יוספן איז קיין קשיה נישט. אליהו האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיין האַדעוואַניק. אָבער פאַרוואָס האָט משיח עס דערלאָזט? אַלץ דיזעלבע מעשה. ער וויל נישט מען זאָל זיך פאַר אים איינשטעלן. ער וויל נישט באַשיצט און געזיכערט זיין. ער וויל טיילן דעם גורל פון יעדן מענטשן און פון אַלע מענטשן. ער וויל דורכמאַכן אַלע זייערע יסורים און דורכגיין אַלע זייערע פורעניותן.

אָבער כאָטש בלינד און שטום, — משיחן, און אַלץ וואָס איז שייך צו אים און זיין שוץ, זעט ער; און אַפילו אָן אַ צונג פאַרשטענדיקט זיך מיט אים. אין גאולה איז אליהו מער נישט פאַראינטערעסירט; גיי דערלייז גזלנים — זיי פאַרדינען עס? — אים גייט וועגן דעם לעבן, זיכערקייט און ווילזיין פון זיין גרויס קינד, וואָס פאַר אַזעלכן באַטראַכט ער חנינהן, משיח־בן־דודן. פאַר קינדער האָט דער אַלטער נאָך נשמה און האַרץ. פאַרצווייפלט איז ער אין מענטשן, די דערוואַק־סענע, אָבער פאַר קינדער, די צוקונפטיקע מענטשן ווערט ער נאָך אַלץ נתפעל.

וועגן זיי זאָרגט ער זיך. און אין די גרויסע הונגערן, ערב־משיחס צייטן, טראָגט ער פאַנאַנדער עסנוואַרג פאַר זיי אין אַ טאָרבעלע.

האָט אַ ליבע צו זיין גרויס קינד, אַ טאַטעשן אָדער זיידישן געפיל, מיט גאולה נישט צו טון. אָבער די געטריישאַפט פון מהר״לס אור־אור אייניקל דבורהל צו חנינהן האָט שוין גאָר מיט דער גאולה צו טון, און עס פאַרדינט אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג.

**
*

האָבן מיר געזען, אַז עס איז פאַראַן ענלעכקייט און אונטערשייד אין דער באַהאַנדלונג פון דעם געוואַלט־פּראָבלעם אין „גולם״ און אין „גולם חלומט״. אָבער וויניקער ענלעכקייט און אַ סך מער אונטערשייד וועלן מיר געפינען אין דער באַהאַנדלונג פון אַן ענין, וואָס פאַר די מערסטע היינטוועלטיקע לייענער איז עס קיין פּראָבלעם נישט — נעמלעך, אין דער באַהאַנדלונג פון נסים. און דער אונטערשייד וועט אונדז צופירן צו דער פאָרם, אין וועלכער די נייע דראַמע איז אויסגעגאָסן.

דער „נס״ אין „גולם״ איז דיכטונג. לייוויק קאָן נישט פאַרבייגיין דעם נס גלייכגילטיק; ער מוז אים מאַכן פאַר זיין אייגנס. ער נעמט אים נישט פאַרטיקערהייט, ווי ער וואָלט פון עמעצן אָוועקגעלייגט געוועזן און געוואָרט מען זאָל אים נעמען. ער נעמט אים נישט אַלס „פאַקט״ — ווייל אַזוי גלייבן מענטשן, אַזוי פאַרזיכערט די לעגענדע. לייוויק איז דעמאָלט געווען יונג, און יונגטלעך געוויסנהאַפט. און האָט ער זיך צוגערירט צו אַ נס, האָט ער געדאַרפט נעמען אַ שטעלונג צו דעם; דאַרף ער עס באַרעכטיקן, פאַרענטפערן; דאַרף ער עס פּאָעטיש דערווייזן, דערקלערן און אילוסטרירן. האָט ער דעם נס אין זיך אַריינגענומען, אויסגעטראָגן, אויסגעהאָדעוועט און געבוירן. מיט איין וואָרט: אין „גולם״ ווערט דער נס אויסגעדיכטעט.

און וואָס נאָך מאָדנער, עס מערקט זיך אַ מערקווירדיקע געזעצמעסיקייט אין דער אויסדיכטונג פון די נסים, ווי לייוויק וואָלט דערביי אָפּגעהיט די געהיימע געזעצן פון דער מאַגישער פּסיכאָלאָגיע.

דער הויפּט־געזעץ פון דער מאַגישער פּסיכאָלאָגיע איז, אַז געדאַנקען זענען זאַכן. יעדער פּיצעלע געדאַנק וואַרפט אָפּ פון זיך אַן אָפּשטראַלונג, פון אַזאַ ריינפיינער וויברירונג, אַז עס בלייבט אומזיכטבאַר פאַרן פּשוטן אויג. אָבער ערגעץ

ווי פאַר אַן אויסגעאיידלטן זע־אינסטרומענט, אַ לעבעדיקן אָדער מעכאַנישן, איז דאָס דער אָנהייב פון אַ זאַך. און ערגעץ־ווו אויף אַ פּליין, ווו עס באַוועגן זיך געלייטערטע באַשעפענישן, ווי מיר זענען, צייכנט זיך דאָרט אָפּ יעדער מענטש־לעכער געדאַנק, ווי אַ פּאַרטיקע זאַך.

דאָס איז וועגן אַ צופעליקן, פאַרבייפליענדיקן געדאַנק. נאָכמער — ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ חלום, וואָס איז אָנגעוואָרעמט; וועגן אַ פאַנטאַזיע, וואָס איז אָנגעהיצט און וועגן אַ זעונג, וואָס איז ווי לעבעדיק אין אונדז, — בפרט ווען דער חלום, די פאַנטאַזיע, די זעונג זענען פּערמאַנענט אין אונדז און מיר וואַרעמען זיי כסדר.

און יעדער מענטש טראָגט דאָך פּערמאַנענט אַ חלום, אַ פאַנטאַזיע וועגן זיך, אַ זעלבסטזעונג, וואָס ווערט כסדר דערוואָרעמט דורך דער ליבע, וואָס איז גלויבן, וואָס אַ מענטש פילט צו זיך. יעדער מענטש איז אָנגעטאָן אין אַן אומ־זיכטבאַרן לבוש, וואָס איז אַ בעסערער, שענערער רעפלעקס פון אים אַליין. — אין אונדזער חלום און פאַנטאַזיע וועגן זיך, אין אונדזער זעלבסטזעונג זענען מיר אַוודאי בעסערע און שענערע ווי מיר זענען. אין חלום און פאַנטאַזיע שפּיג־לען מיר זיך אָפּ, ווי מיר וואָלטן געוואָלט זיין, ווי מיר האָבן און גלייבן, ווען עס איז צו ווערן.

די ספּיריטואַליסטן רופן אָט די אומזיכטבאַרע געשטאַלט, וואָס שטראַלט זיך פון אונדז אַרויס און רינגלט אונדז אַרום ווי אַ לבוש — „אוירא״, און פאַר־זיכערן און באַווייזן עס מיט מאַגישע פאָטאָגראַפיעס. צווישן די ספּיריטואַליסטן זענען פאַראַן מעדיומס וואָס זעען די „אוירא״ מיטן נאַקעטן אויג, און האָבן נאָך דערצו דעם כוח, אַז אין זייער אָנוועזנהייט זאָל אַ פּשוטע פאָטאָגראַפישע קאַ־מעראַ אויך די „אוירא״ זען. און נישט נאָר דאָס — נישט נאָר זיינע זעלבסט־זעונגען, נאָר די זעונגען פון זיין פאַנטאַזיע, די „גייסטער״ פון אים אַליין גע־שאַפענע, לאָזן זיך פאָטאָגראַפירן.

און עס זענען פאַראַן פיזיקער, דערוויל נאָך נישט אָנערקענטע, וועלן מיר זיי דערווייל רופן אומלעגאַלע פיזיקער, וועלכע גיבן זייער וויסנשאַפטלעך וואָרט, אַז זיי, נישט זייענדיק קיין ספּיריטואַליסטן און קיין מעדיומס, וועלן מיר פּשוטע מעכאַנישע אַפּאַראַטן פאָטאָגראַפירן אי די „אוירא״, אי די אָפּגעוואָרפענע שאָטנס פון חלומות, פאַנטאַזיעס און זעונגען.

גלייבט אין דעם נישט בוכשטעבלעך. דאָס איז נישט ריכטיק. נעמט עס אָן אויפן וואָרט. זאָגט, לאָמיר אָננעמען, אַז עס איז אַזוי. און האַלט אין זינען, אַז

לויט דער מאַגישער פּסיכאָלאָגיע מאַכט יעדער זעונג אין אונדז פּראָבע אויף צו פאַרזאַכלעכן זיך, אויף צו מאַטעריאַליזירן זיך אויסער אונדז.

אויב אַזוי, האָבן מיר אין „גולם" אַ מאַטעריאַליזאַציע פון מהר"לס אַ זעונג, וואָס ער האָט אַזוי געדיכט געמאַכט ביז צו אַ וויזיע. איז ליים נישט לייב; זאָל זיין, אַז דער ליים איז בלויז דער רוי־שטאָף פון זיין פאַנטאַזיע, דער כאַאָס פון פאַרן באַשאַף, וואָס ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך און געדיכט געמאַכט ביז האַלב ־מאַטעריאַליזאַציע אין זיין ערשטער אָנשטרענגונג צו מאַטעריאַליזירן זיין גולם־וויזיע.

לייענט נאָך אַמאָל די ערשטע ליים־סצענע פון „גולם" — ווי עס מיניען זיך געשטאַלט נאָך געשטאַלט — דאָס זענען די געשטאַלטן פון דעם נאָך נישט־באַשאַפענעם; דאָס איז דעם מהר"לס ווידערהאַלטע באַמיִונגען צו מאַטעריאַלי־זירן זיי, האַלטן זיי זיך כסדר אין מאַטעריאַליזירן און ווערן צעפלאָסן. און זיי זענען לעבעדיק — לויט די דינים פון דער מאַגישער פּסיכאָלאָגיע. אַלץ וואָס פליסט זיך אַרויס פון אַ לעבעדיקן גייסט, פון אַ לעבעדיקן מוח — לעבט; ווייל עס האַלט אָן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט דעם לעבעדיקן גייסט, וואָס האָט אים אַרויסגערופן; און זיי בעטן זיך ביי אים: באַשאַף מיך נישט! — דאָס מיינט, אַז מהר"לן איז זייער שווער אָנגעקומען דער שאַפונגס־באַשאַפונג־פּראָצעס. אַפילו די געשטאַלטן, וואָס דער מהר"ל האָט דעמאָלט אין זינען, — נישט די גולם־געשטאַלט בלויז, מאַכן פּראָבע צו מאַטעריאַליזירן זיך — די געשטאַלט פון טאַדעאוש, צום ביישפּיל.

ענדלעך, מיט אַ געוואַלדיקער ווילן־און גלויבן־אָנשטרענגונג, מיט אַ פאַר־צווייפלטן אויסגעשריי צו גאָט, געלינגט דעם מהר"ל צו דערפירן דעם פּראָצעס ביז צו דער פּערמאַנענטער אויספירונג פון דער גולם־געשטאַלט.

וואַרפט אַוועק דעם כישוף, וועט איר האָבן אין דער סצענע אַן אויסגע־צייכנטע שילדערונג פון דעם שאַפונגס־פּראָצעס בכלל. דאָרט איז די פּסיכאָלאָגיע פון פּאָעטישער שאַפונג. די פאַרשידענע עטאַפּן, וואָס דעם פּאָעטס פאַנטאַזיע מאַכט אין דער אויספירונג און אויסגעשטאַלטונג פון אירע זעונגען.

אָבער דער מהר"ל איז נישט קיין פּאָעט בלויז; ער איז אַ פּאָעט־מכשף, אַ פּאָעט־מאַגיקער, מיט דעם מאַגישן כוח צו רעאַליזירן און צו מאַטעריאַליזירן זיינע אויסגעחלומטע געשטאַלטן.

דער קענער, וואָס קוקט זיך צו אויפמערקזאַם צו די פאַרשידענע געשטאַל־טונגען, מיט וועלכע דער „גולם" שוויבלט און גריבלט, ווערט איבערראַשט, ווי

וווּנדערלעך עס פֿאַלט צענויף די געזעצמעסיקייט פֿון דעם דערשיינען פֿון די געשטאַלטן מיט די דינים פֿון דער מאַגישער פּסיכאָלאָגיע. מען וואָלט געקאָנט שרייבן אַ טראַקטאַט וועגן מאַגישער פּסיכאָלאָגיע, שטיצנדיק זיך בלויז אויפֿן „גולם״. — אַלע אירע כּללים זענען דאָרט אָפּגעהיט. ווי קומט עס צו לייוויקן? — אפשר איז די גאַנצע מאַגישע פּסיכאָלאָגיע אָפּגעשריבן פֿון פּאָעטישן שאַפֿונגס־פּראָצעס, און מעדיומס זענען אַ ספּעציעלער מין פּאָעטן, וואָס זעען בפּועל־ממש זייערע זעוּנגען?

אַזוי גיך ווי דער גולם טראַכט אָדער חלומט אַ געשטאַלט — ווייזט זי זיך, די געשטאַלט פֿון מהר״ל קומט צו אים — יעדעס מאָל, ווען ער פֿאַרשעמט דעם מהר״ל מיט אַ בייזער אָדער גוטער כּוונה. דער גולם איז זיין צווייטע ,אומזיכט־באַרע געשטאַלט — וואָס טוט פֿאַר אים אַזויפֿיל אַרבעט, האָט צוטריט ווו ער וואָלט נישט צוגעקומען. — איז דער גולם זיין אייגענע „אוירא״ — די אויסשטראַלונג פֿון אים אַליין. דער רואה ואינו נראה איז אַ געשטאַלט, וואָס דער גולם האָט באַשאַפֿן אויפֿן וועג צום משיח־חלום (ווייל דער גולם אַליין איז פֿון מהר״לן פֿאַרחלומט אויף דער משיח־געשטאַלט, האַלב־וועגס צו איר, אַ במקום־משיח, וואָס דאַרף אים פֿאַרלויפֿיק פֿאַרבייטן מיט זיין פֿיזישער גבורה. טראָגט דער גולם אַ ניצוץ פֿון משיחן אין זיך, און עס חלומט זיך אים כּסדר משיחיסטישעס. (מעגלעך, אַז דער בן־יוסף פֿון „דער גולם חלומט״ איז דער מאַטעריאַליזירטער אינו נראה פֿון דער ערשטער גולם־דראַמע. און אָפּחלומענדיק 400 יאָר, פֿאַלט דעם גולמס אויסגעחלומטע משיח־געשטאַלט צענויף מיט דער חלום־געשטאַלט פֿון פֿאָלק וועגן משיחן אין מדבר. דעמאָלט דערשיינט די געשטאַלט, — אָדער ווי עס הייסט אין דער דראַמע: דער גולם גייט אין מדבר, ברענגט זי).

דער גולם כאַפּט זיך אויף פֿון הינער־פּלעט און לייענט מהר״לס חלומות, וואָס יענער האָט געזען אין שלאָף. לויט דער מאַגישער פּסיכאָלאָגיע איז דער גולם דעם מהר״לס מעדיום, און ער איז געלעגן אין טראַנס.

און ווען דער גולם גייט זוכן און געפֿינט דאָס אונטערגעלייגטע פֿלעשל בלוט, וואָס אַרום דעם פֿלעשל דאַרף זיך אָפּשפּילן אַ דראַמע צווישן יידנטום און קריסטנטום, אַ דראַמע וואָס ציט זיך שוין זייט קריסטוס איז געקרייציקט געוואָרן — ווערן צוגעצויגן אַלע הויפּט־געשטאַלטן ,ביי־געשטאַלטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער דראַמע, — דער טאַנץ פֿון מזומן: פֿון גולם, משיח און קריסטוס, נישט אין זייערע אייגענע פּערזאָנען, נאָר אין זייערע אויסשטראַלונגען־אָפּשפּיגלונגען: די געשטאַלט פֿון מהר״ל, די געשטאַלט פֿון טאַדעאוש און די כּוחות, די

אונטערערדישע — די פּערזאָניפיצירטע בייזע געפילן און אינסטינקטן, וואָס רודערן זיך אין דער פינצטערער דראַמע צווישן ייִדן און קריסטן.

עס איז אַן אויסמאַטערנדיקער סעאַנס, פון וועלכן דער גולם בלייבט אָן כּוחות.

פון וואַנען איז דאָס אַלץ געקומען צו לייוויקן? — אינטויִטיוו. ווייל לייוויק, אין זיין יוגנטלעכער געוויסנשאַפטיקייט, ווען ער האָט זיך צוגערירט צו נס, האָט ער געדאַרפט דעם נס איבערלעבן. האָט ער פון געדיכטן כאַאָס־נעפּל פון פאַרן באַשאַף, וואָס איז אין אים געווען, אַרויסגעריסן שטיקער און זיי „פאַר־געדיכט" און פאַרדיכטעט. און משמעות זענען די געזעצן פון דער מאַגישער פּסיכאָלאָגיע דיזעלבע, וואָס די געזעצן פון פּאָעטישן שאַפן און געשטאַלטן.

לייוויק אין „גולם" איז געווען הויפּטזעכלעך אַ דיכטער.

אין „דער גולם חלומט" איז לייוויק מער קינסטלער, ווי דיכטער. אָפּגע־קילטער, געניטער קינסטלער. אַ פּאָעט מיט דערפאַרונג. ער האָט הנאה מער פון ליד ווי פון דער בשורה, וואָס דאָס ליד טראָגט. אין „דער גולם חלומט" שרייבט ער העלע, ליכטיקע, מונטערע פּאָעזיע, אַפילו ווען דער אויספיר פון משיחיס־טישן שטאַנדפּונקט איז אַ פּעסימיסטישער.

און דער נס? און די נסים? ער נעמט זיי פּאַרטיקע. ער האָט זיי געפינען גרייטע אין דער לעגענדע.

דער הויפּט־נס מיט משיחן, דער משיח־נס איז צוגעקלעפּט צו אים פון גאָט, פון דעם פאָלקס־גלויבן, פון דער לעגענדע, דאָס איז זיין משיח־פּאַספּאָרט. אַליין אָבער איז ער נישט קיין בעל־נס, נישט קיין בעל־מופת, נאָר אַ לעבעדיקער מענטש, מיט אַ האַרטן כאַראַקטער, מיט זיינע אייגענע שוואַכקייטן, וועלכע ער האָט באַדאַרפט איבערקומען — ווערן מער מענטש. אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, און זיך דערהייבן צו אַ העכערן מין מענטש.

אייגנטלעך אויך אין „גולם" איז דער מהר"ל געווען מער מכשף, ווי די צוויי בעטלער: משיח און אליהו. און אין זיין ערשטער פאָררעדע צו „דער גולם חלומט" — געדרוקט אין „צוקונפט" און געענדערט פאַרן בוך — האָט לייוויק בפירוש געזאָגט, אַז משיח איז אַ מענטש לויט דעם פאָלקס־באַגריף, און ביי דעם האָט ער זיך געהאַלטן, און אַז האַנדלענדיקע פּערזאָנען אין „גולם חלומט" זענען מענטשן.

אין „גולם חלומט" איז משיח נאָך מער מענטש ווי אין „גולם". דאָרט איז ער געווען אַ באַשיידענער, אַן איידליטשקער, עניו. אַ ליידנדיקער, אַ דערשראָקע־

נער. דאָ איז ער אויסגעוואַקסן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט באַשלוס אַרויסצוגייִן מיט זיין שליחות. ער וויל מיטליידן און מיטמאַטערן זיך מיט אַלע מענטשן, און נאָך מער זיך מאַטערן ווי זיי אַלע. ער דאַרף פאַרדינען זיין משיחות.

דער הויפּט־נס מיטן גולם האָט פּאַסירט איידער די דראַמע האָט זיך אָנ־געהויבן, גלייך אין אָנהייב פון ערשטן אַקט — דאָס, וואָס אַפּשלאָפנדיק אין חלומות גאַנצע 400 יאָר, כאַפּט ער זיך פּלוצלונג אויף, אָן מהר״לן און אָן זיין שם־המפורש. איינס־צוויי איז ער אין מדבר, און אין ווייניקער פון אַ שעה צייט, ברענגט ער משיחן אין ישוב. און אויך דאָס, וואָס ער האָט אַ ווונדערלעכן חוש צו געפינען וואָס ער וויל, בעת אין מקובלס הויפּטשטאָט איז אַ טריקעניש, און אַלע זענען דורשטיק, און דבורהלס ייִנגעלע פון שלאָף און משיח פון וועג בעטן אַ טרונק. ער האָט כוח אָפּצושעלן די האַק פון תליון, ווען יענער פאַרמעסט זיך אויף בן־יוספן. און דער נס פון גולמס אויפשטייונג, נאָכדעם ווי אויף בן־יוספס באַפעל איז ער אומגעבראַכט געוואָרן פון תליונס מוראדיקע פייניקונגען; וואָס צוזאַמען מיט דעם גייט די דערוואַרטונג פון באַלדיקן תחית־המתים פאַר אַלע פאַרפייניקטע, דערהרגעטע און געשטאָרבענע.

ווי אַזוי דאָס אַלץ? — פרעגט די לעגענדע ,זי וועט אייך זאָגן: עס פּאַסירט און וועט פּאַסירן! —

און נסים מיט דעם נביא אַרמילוס: דאָס וואָס ארמילוס שפּירט אין פאַר־אויס דאָס אָנקומען פון יאָסעלען און חנינהן — דער גולם און משיח — און דעם באַלדיקן נצחון פון בן־יוספן, ווען יענער זיצט נאָך אין תפיסה, און אַרמילוסעס געבורט און טויט — זיין געבאָרן ווערן פון שטיין און זיין צעפאַלן ווערן אין שטיין.

און דער קול פון דער שטיינערנער סטאַטוע — אַרמילוסעס מוטער — וואָס הינטער אירע פאַלדן באַהאַלט זיך משיח פון די רדיפות פון בן־יוספן, און זי זוכט אים אָנצושטעקן מיט דער תאווה, מיט וועלכער די הפקר־ייִנגן האָבן זי אָנגעשטעקט.

און דער נס מיט משיחן אַליין, ווען צוויי מאָל באַווייזן זיך בלוט־פלעקן אויף זיינע הענט, אַלס צייכן פון זיין מיטשולדיקייט אין דעם בלוט־פאַרגיסן.

די אַלע נסים זענען אין תוך נישט קיין נסים פון דער דראַמע „דער גולם חלומט״. — זיי זענען באַגלייטנדיקע סימנים פון משיחס קומען, ווייל די לע־גענדע וויל אַזוי.

דער אייגנטלעכער נס, וואָס געהערט צו דער דראַמע גופא — איז דאָס,

וואָס דאָס פֿאָלק מאַכט דעם אויפֿשטאַנד. דער הויפּט־נסים־מאַכער איז דאָס פֿאָלק. נייִן, נישט דאָס פֿאָלק אַליין. אַ שותּף צו דעם פֿאָלק, דעם הויפּט־נסים־מאַכער, איז משיח. דער נס איז דאָ, וואָס משיחן געלינגט אַזוי שנעל — ער קלאַפּט אין די לאָדנס אָן — אַרויסצורופֿן דעם אויפֿשטאַנד פֿון פֿאָלק. דאָס איז דער אמתער נס, אויף וועלכן די דראַמע איז געבויט, אויף דער שותּפֿות, אויף דער באַרירונג פֿון משיחן מיטן פֿאָלק. דאָ ליגט דער שווערפּונקט. די גאַנצע מיסטעריע איז צוגעוואָרפֿן געוואָרן דעם אויפֿשטאַנד פֿון פֿאָלק. פֿון פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד דאַרף מען אַלץ דאָס גוטס דערוואַרטן, — זאָגט לייוויק אין הסכּם מיט אַלע גלייביקע אין פֿאָלק.

און אויב איר ווילט, איז דאָס גאָר קיין מיסטעריע נישט. דער נס קאָן דאָ זייער לייכט פֿאַרנאַטירלעכט ווערן. אַנשטאָט משיחס איין נאַכט קלאַפּן אין די לאָדנס, זאָלן געוויינלעכע בשר־ודמס, נישט משיחים, קלאַפּן אין די לאָדנס אַ יאָר, צען יאָר, הונדערט יאָר. דער משיח־נס איז דאָ — די געוואַלדיקע פֿאַרקירצונג אין צייט — אין איין נאַכט. און אַז איר ווילט גאָר שטאַרק, האָט עס שוין פּאַסירט: נישט אין איין נאַכט, נאָר אין איין טאָג — אין אַ געוויסן טאָג פֿון אָקטאָבער אין דעם איצטיקן לענינגראַד.

יאָ, עס האָט גענומען הונדערט יאָר צו דערפֿירן ביז צו דעם איינעם טאָג.

פֿון דעם שטאַנדפּונקט גענומען, איז דאָס קלאַפּן אין די לאָדנס בלויז אַ סימבאָל פֿאַר אַ געשעעניש, וואָס דאַרף נעמען אַ יאָר, צען יאָר, הונדערט יאָר.

עס ווערט דאָך נישט געוויזן, ווי אַזוי דאָס קלאַפּן אין די לאָדנס ווירקן אויפֿן פֿאָלק — דער איבערגאַנג פֿון דעם קלאַפּ אין די לאָדנס צו דעם קלאַפּ אין האַרצן. די מיסטעריע פֿון דעם „ווי אַזוי" ווערט נישט אויפֿגעדעקט. דער „ווי אַזוי" ווערט נישט געוויזן ביי דעם אויפֿשטאַנד, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן פֿאַר דעם נצחון פֿון בן־יוספֿן איבער מלך מגוג. אויף אַ צווייטן אָרט אָבער — ביים אויפֿשטאַנד פֿאַר משיחס נצחון איבער בן יוספֿן — איז דער „ווי אַזוי" יאָ געוויזן. און דאָרט איז דער פֿאָקוס פֿון דער גאַנצער דראַמע. דער איינציקער אמתער נס. דער נס איבער אַלע נסים. משיח ווערט געמאַטערט אין תּפֿיסה פֿון בן־יוספֿן. און ער נעמט עס אָן אין ליבשאַפֿט און מסירת־נפֿש. ער שטייט אויס דעם פֿיינלעכסטן פֿיזישן לייד — און בלייבט אַלץ דערזעלביקער קינדישער, תּמימותדיקער, ליבעפֿולער, רחמנותדיקער מיט־מענטש מיט אַלע מענטשן. ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער זיין מענטשלעכער שוואַכקייט. פֿון מענטש איז ער געוואָרן אויבער־מענטש.

און דאָס ווירקט, אַז דאָס פאָלק, אַן דעם קלאָפּן אין זיינע לאָדנס, זאָל מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן בן־יוסף פון משיחס וועגן.

און דאָס ווערט סימבאָליזירט דערמיט, וואָס דער גולם, וועלכער האָט נאָר־וואָס געהאַט זיך צעבונטעוועט קעגן משיחן און איז צוגעשטאַנען צו בן־יוספן, ווייל משיח דערלויבט אים נישט צו שטילן אַלע הונגערס און צו זעטיקן אַלע פאַרלאַנגען פון זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן, — קומט ער פריייוויליק אין תפיסה אַריין, לייגט זיך אויף דער האַרטער באַנק צוזאַמען מיט אים, און לאָזט זיך פאַרפייניקן אין טויט אַריין פאַר זיין נישט וועלן אָפּזאָגן זיך פון אים — כדי נאָך אין דערזעלביקער נאַכט אויפצושטיין תחית־המתים.

און אַזוי ווערט חנינה משיח. ווייל ער איז אַ מענטש, קאָן ער משיח ווערן, זיין מענטשישקייט איבערזעצט זיך אין משיחות.

פון דער מאַגישער פסיכאָלאָגיע אין „גולם” איז לייוויק אין „גולם חלומט” איבערגעגאַנגען צו מאָראַל־פסיכאָלאָגיע. מאָראַלישע גבורה איז דער קוואַל פון אַלע משיח־נסים.

הײנט צו וואָס דינען אים די אַלע נסים פון דער לעגענדע? צו וואָס האָט ער זיי געדאַרפט אין „גולם חלומט”? — זיי זענען דאָס רעמל, אין וועלכן ער פאַסט איין זיין מענטשלעכע, מענטשלעך־פּאָעטישע דראַמע. די אַלע נסים זע־נען נאָר אויסריידן, געלעגנהייטן פאַר לידער — פונקט ווי די גאַנצע דראַמע איז נאָר אַ גרויסע געלעגנהייט פאַר אַ לידער־יום־טוב. די דראַמע איז אַ לידער־קראַנץ — אַ זאַמלונג פון לידער, וואָס אין שיינקייט קאָנען זיי זיך פאַרמעסטן, און אפשר איבערשטייגן זיי מיט די שענסטע לידער פון דעם פערטן טייל פון זיין דריטן לידער־בוך, וואָס איז אַרויס אין 1932, — לידער וואָס זענען אַרויפ־געזונגען אויף אַ סימבאָל פון אַ פרוי.

דאָ זענען די לידער אַן אַרומרינגלונג אַרום אַ גרויסן לייוויקישן אמת — אויף דעם מאָראַלישן העראָיזם — דעם סוד פון משיחות.

„שוין ווידער חנינה — דער בן דוד?
ווו נעמט מען כוח צו פאַרטראָגן אַזאַ חרפּה!
בן יוסף זאָל דערגיין צו אַזאַ ירידה
צו אָנהענגען דאָס גליק פון מענטשן און פון זיך
אַן איינעם, וועמען קיינער קען ניט, קיינער זעט ניט,
אַן איינעם, וואָס איז גאָר אַן אויסגעטראַכטער חלום,
אַ ווייטע, אַ פאַרפירערישע האָפענונג”.

משיח־בן־יוסף:

„אויך איך בין — איידער מענטשן האָבן מיך דערקענט —
א חלום נאָר געווען, אַן אויסגעטראַכטע האָפענונג".

די האַנדלדיקע פּערזאָנען אין „גולם חלומט" זענען מענטשן, נישט לעגענדאַרישע געשטאַלטן, וואָס זייער עקזיסטענץ איז נס. אָבער וואָס פאַר אַ מענטשן זענען זיי?

גאָר אַנדערש ווי די פּערזאָנען אין „גולם", וועלכע זענען איינגעפונדעוועטע רעאַלע מענטשן — אַפילו די מכשפים, נאָכדעם ווי זיי האָבן אין זייער חלום־לעבן אָפּגעטון זייערע נסים און מופתים, זענען אין זייער וואָכעדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן רעאַל — דער מהר"ל, באַסאווי, די רביצין, דבורהל, אַפילו דער גולם, — זענען דאָ די מערסטע האַנדלענדיקע פּערזאָנען פּאָעטן, וועלכע לעבן אויס אויף זייערע הויכן די אַנצוהערענישן וואָס זענען פאַראַן אין רעאַלע מענטשן. אַזוי זענען חנינה (משיח־בן־דוד) יאָסעלע (דער גולם), בן־יוסף, אליהו, דבורהל, לילית, אַרמילוס, אַפילו דער תליון, גאָר אַ סך דער לץ, און אַביסעלע אויך דאָס פאָלק.

אַ צענדליק פּאָעטן האָבן זיך פאַרזאַמלט און זינגען פאַנאַנדער אין פּאָעזיע די אמתן וואָס זענען פאַרזיגלט אין די פאַקטן פון דערווירקלעכקייט. — אין „גולם חלומט" זענען עס די געשעענישן פון דער היינטיקער צייט אַן אַסיפה פון פּאָעטן. אַוודאי דאַרף לייוויקס נייע משיח־דראַמע אויסנעמען. איך וועל נישט זאָגן, אַז די דראַמע איז געשריבן געוואָרן צו געפעלן, אָבער אַ הנחה איז געגעבן געוואָרן: יעדער פּאָעט קען מיינען, אַז ער איז גערעכט מיט זיין באַהויפּטונג, אַז דער עיקר פון אַלע עיקרים איז פּאָעטישער געזאַנג.

אָבער דאָס וועט זיין נישט אינגאַנצן ריכטיק. לייוויק קאָן אויף לאַנג נישט אָפּווייכן פון דער גרונט־טענדענץ פון זיין לעבן און שאַפן — פון דעם נישט־אויסוואָרצלענדיקן גלויבן זיינעם, אַז דער עיקר פון אַלע עיקרים איז דער לעבנס־אמת, די העכערע דערפאַרונג פון זיין נשמה, די מאָראַליש־העלדישע איבערלעבונג. אָט דער גלויבן איז דאָס געווען, וואָס האָט געהיצט יעדע שורה אין „גולם"; דאָס זענען עס די שטיקער האַרץ, מיט וועלכע עס האָט געשמעקט יעדע זייטל אין „גולם". — דער גלויבן איז דאָס געווען וואָס האָט צעשמאָלצן די נסים אין אַ שטראָם פון זעונגען און געלאָזט הערן דעם ערנסטן גלאָקן־טאָן פון דיכטונג אין „גולם".

אין „גולם חלומט" האָט לייוויק געפּרוווט מאַכן אַ פּשרה צווישן דעם פּאָע־טישן עיקר פון עיקרים און זיין דיכטערישן עיקר פון עיקרים — עס איז גע־שריבן געוואָרן אַלס אַ פּאָעטישע אָפּשפּיגלונג פון די משיח־ווייען און משיח־ראַנגלענישן פון אונדזער צייט, וואָס לייוויק שפּירט זיי מיט אַן אָפענער ווונד אין זיין האַרצן.

וואָס האָט לייוויק געווונען פון דער פּשרה? — אַ בעסערן אַדרעס פאַר זיין דראַמע, אַ סך אַ בעסערן, ווי ער האָט עס געהאַט פאַרן „גולם". דער גולם איז אַדרעסירט צום שול־הויף פון מיטלאַלטער, און די צוויי גרויסע טעמעס פון „גולם" — די משיח־טעמע און די גולם־טעמע, ווו גולם מיינט פולשטענדיקע מענטש־באַשאַפונג „אַ יש מאין" — די צוויי גרויסע טעמעס פון „גולם" זענען אַרויסגעקומען פאַרווינקלט, פאַרבית־מדרשט, פאַרוויקלט אין טלית. און ווער האָט עס געקענט באַנעמען? דער געוועזענער בית־מדרש־ייִד. און וואָס האָט ער געקענט אויפטון דערמיט? — עס האָט אים בלויז דערמאָנט אָן אַ פאַרשוווּנ־דענער פרומער וועלט.

„דער גולם חלומט" איז אַדרעסירט צום היינט, צו די געשעענישן פון היינט, צום היינטיקן מענטשן, צו אונדז.

אַ גוטער אַדרעס מיינט אַ סך. נאָך אין פּראָצעס פון שאַפן הערט ער דעם אָפּרוף פון זיין אוידיענץ; הילכט עס שוין אָפּ אין אים צוריק מיט אַן אָפענערן, ברייטערן קלאַנג; זינגט זיך אים פרייער; נעמט זיך פאַנאַנדער זיין האָריזאָנט אָפענער און ברייטער, — קאָן ער זיך שוין ריכטן אויף נאָך אַ בעסערן אָפּרוף; וועט זיין ווערק וויר קן; און עס וועט זיך צוריק אָפּווירקן מיט אַנטקעגנווירקונג אין אים.

אויף אַזויפיל, וויפיל דער אַדרעס איז אַ בעסערער, עס איז אַדרעסירט צום היינט, צו אונדז, צו היינטיקע מענטשן און אונדזערע געשעענישן — אויף אַזויפיל איז „דער גולם חלומט" אַ סך מער קאָנקרעטיזירט, ווי דער „גולם" (קאָנקרעט מיינט נישט דווקא רעאַליזם; עס מעג אַפילו זיין סימבאָליש, נאָר עס דאַרף אָנווענדבאַר זיין אויף דער ווירקלעכקייט) אָבער ווי ווייט איז „דער גולם חלומט" אַוועק צו קאָנקרעטיזאַציע? ווי ווייט לאָזט ער זיך מיט אַלע זיינע ביי־זינען זיך אָנווענדן אויף די מענטשן און געשעענישן וואָס באַוועגן זיך פאַר אונ־דזערע אויגן?

די דראַמע איז געשריבן אויף שיינקייט און חן, — אויף פרויען־סימבאָל־שיינקייט. אָט דער שיינקייט־סימבאָל אין דער דראַמע אינספּירירט משיחן. זי

רופט זיך אויף דעם נאָמען פון מהר״לס אייניקל פון פאַר פיר הונדערט יאָרן — דבורהל. אָבער די דבורהל איז אַ סך מער פון יענע: יענע איז אַ פרומע, כשרע איידל־ציטערדיקע צנועה, ווי יענע ריינע יידישע פרוי אין דער יוגנט. די אָבער אין „גולם חלומט״ איז שוין אַ מאַמע, זי האָט אַ יינגעלע, און האָט קענטיק גע־האַט אַזעלכע דערפאַרונגען, וואָס דערהייבן זי איבער אַלע פרויען. זי איז אַפילו מער פון משיחן אַליין. ער רופט זי מוטער, באַשיצערין. און אַזוי טיטולירט זי אויך לייוויק אין דעם צעטל פון פערסאָנאַל — דבורהל, משיחס באַשיצערין.

און דאָס דערמאָנט אונדז אָן אַ פרוי, וואָס לייוויק טיטולירט פונקט אַזוי: מוטער, באַשיצערין, אויף וועלכער עס זענען אַרויפגעזונגען די פּרעכטיק־שיינע לידער פון דער פערטער אָפּטיילונג פון זיין לידער־בוך פון 1932. אָט דער פרוי־סימבאָל אין יענע לידער און דאָ אין דער דראַמע, איז די זעלביקע פאַר־הערלעכונג פון דער מוטער־באַשיצערין — כמעט מיט די זעלביקע ווערטער — אין די לידער און אין דער דראַמע. און דיזעלביקע קעגנזייטיקע באַציונגען זענען איינגעשטעלט צווישן משיחן און דבורהלען, וואָס צווישן פּאָעט און זיין סימבאָל; די וווּנדער־באַרירונג מיט די שפּיץ־פינגער; אירע הענט, וואָס פאַר־וואַנדלען דעם אָרום, באַהעלן די ווירקלעכקייט, מיט דער ליכטיקייט פון אויסגע־חלומטער שיינקייט און חן.

דאָס זענען פּאַראַלעלע ביישפּילן פאַר אילוסטראַציע.

פון בוך לידער:

„אָ, מוטער, מוטער,\
וויפיל נעמען איך האָב פאַר דיר\
אַנדערע —\
אַנדערע, אַנדערע, אַנדערע —\
פרוי מוטער״. — — —

וועגן פינגער און הענט:

„אַזוי מאָדנע, אַזוי ווונדערלעך צו שפּירן\
פון ווייטן דיינע פינגערס באַריר...״

און אַ בעסערער ביישפּיל:

„לייג אַרויף דיין האַנט און בענטש מיך מיט באַרירונג,\
דיין ברכה וועט זיך טראָגן דורך צייט און רוים,

ב. ריווקין

און וועט קומען און וועט אַנקלאַפּן אין די ווייסע טירן
פון מיין זונס, פון מיין אייניקלס און אוראייניקלס היים"

דאָס זעלביקע נאָך האַרציקער:

„דיין האַנט ווי אַ ברכה האַלט אויף מיין אַקסל, —
און גוט איז מיר דערנאָך צו קומען צו מענטשן,
אָון זען, ווי אַלעמענס האַרץ נעמט וואַקסן,
און הערן, ווי אַלעמענס וואָרט נעמט בענטשן"

זי איז דאָך שוין מער ווי אַ מוטער: זי בענטשט די צייט, דעם רוים, די אייניקלעך, אוראייניקלעך און אַלע מענטשן. און אין דער דראַמע צעוואַקסט זי זיך צו דער מוטער פון דער וועלט. און אָנהייבן הייבט זיך דאָס אָן מיט דער באַרירונג פון איר האַנט. חנינה, משיח־בן־דוד, האַלט דבורהלס האַנט.

„אַ האַנט אַ וואַרעמע, אַ ליכטיקע;
און מיינע פינגער זענען צוגעוויינט געווען
צו אָנרירן דעם זאַמד פון מדבר נאָר...
— — — — — — — — — — — — — — — —
געוואָרט אויף נס יאָרן יאָרן,
און — נס געשעט".

און איצט לייענט כסדר, נישט אָפּשטעלנדיק זיך, שטיקער פון פאַרשידענע דיאַלאָגן צווישן דבורהלען און משיח.

משיח צו דבורהלען:

„פון איצט אָן וועל איך היטן
די ריינע מוטער פון דער וועלט.
לייגט אַרויף אויף מיר די הענט אייערע,
דבורהל. —
הענט פון אַ מוטער,
הענט פון אַ שוועסטער,
הענט פון — דבורהלען.
דבורהל: אַט זענען מיינע הענט אויף אייער קאָפּ.
חנינה: הענט ציטערדיקע, שעמעוודיקע,
הענט פאַרוויגנדיקע, לויטערע, —
הענט פון דבורהל — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

דבורהל: פרייד און שמייכל אויף די ליפּן פון אַ קינד.
וועמענס קינד? — דער וועלטס.
חנינה: און דבורהלס,

דבורהלס איז די וועלט,
טראָג דאָס קינד אין דיינע אָרעמס, וועלט,
דבורהל וועט עס וויגן, וויגן...״

דאָס קינד, דאָס גרויסע קינד פון דער וועלט, דאָס איז משיח אַליין.

אויפמערקזאַם לייענענדיק די ציטאַטן פון דעם לידער־בוך, וועלן מיר מערקן, אַז דער פרוי־סימבאָל (סימבאָל, ווייל זי פאַרטרעט פאַר אים אַלע פרויען, זי איז דער פרוי־פּרינציפּ אין געשטאַלט־פאָרעם) איז שוין דאָרט מער ווי פרוי־מוטער, מער וויפיל דער רעאַלער באַגריף פון פרוי נעמט אַריין אין זיך: זי לייגט אַרויף די האַנט און בענטשט, און איר ברכה שפּרייט זיך אויס דורך צייט און רוים, גיט זיך איבער צו די דורות און פאַרוואַנדלט די מענטשן — „אַלעמענס האַרץ נעמט וואַקסן, אַלעמענס וואָרט נעמט בענטשן״. זי טיילט איין יעדערן מיט געבענטשטקייט און בענטשונגס־קראַפט.

וועמענס פונקציע איז דאָס? — מיר וועלן באַלד דעם ענטפער האָבן — טאַקע פון די לידער גופא.

„— נו, אַזוי זאָל זיין — איך קלייב אויס איינעם
פון אַלע מיליאָנען מענטשן פון שטאָט,
און צו אים זינג איך, נאָך אים בענק איך, און איך קרוין אים
פאַר מיין אויסדערוויילטן גאָט.

ניט צו באַליידיקן און ניט צו צעשטערן
מיין בונד מיט אַנדערע, — נאָר פאַרקערט;
איך געהער איינעם — טו איך אַלעמען געהערן,
און ליב ווערט מיר אַלץ וואָס אויף דער ערד

מיין אויסדערוויילטער מענטש איז סיי ווי פון ווייטן,
און מיר איז גענוג אַרויסזאָגן זיין נאָמען ווען, —
אַז איך זאָל קענען, קומענדיק צווישן לייטן,
אין יעדן איינעם אויסדערוויילטקייט זען״.

עס איז קלאָר, אַז דער פּאָעט טיילט איר צו די משיח־פונקציע. „איר״ — אין ליד איז זי אַן „ער״. דער פּאָעט ווענדט זיך אָפּט צו איר בלשון „ער״. זי

איז „מענטש״, זי — דער אויסדערוויילטער גאָט, און דורך איר ווערט יעדער מענטש — אין זיינע אויגן — אַן אויסדערוויילטער. ווי אַזוי קומט עס? — ער אַליין באַשטימט אַזוי. אַזוי זאָל זיין! — זאָגט ער, איך קלייב אויס איינעם — זיין פּריוויליקער באַשלוס. וואָס איז די פּעולה דערפון? — הייבט ער אָן זען אַפילו אין דעם געוויינלעכסטן מענטשן — „קומענדיק צווישן לייטן״ — אויס־דערוויילטקייט. די פּעולה איז אין זיינע אויגן. די פּעולה איז פאַר אים. זי איז אים אַ צייכן פאַר משיחן. אַליין אויסדערווילט. זי איז אַ במקום־משיח.

פונקט ווי דער גולם אין „גולם״ איז געווען במקום־משיח, צו פאַרבייטן די אמתע דערלייזונג דורך אים מיט פיזישער גבורה; איז דער פרוי־סימבאָל פון די לידער אַ במקום־משיח, צו פאַרבייטן די אמתע דערלייזונג דורך שיינקייט. דערלייזונג דורך שיינקייט. וואָס מיינט דאָס? דער אמת ווערט נישט געענדערט. די שיינקייט פאַרבייט דעם אמת. שיינקייט במקום אמת.

אָבער פונקט ווי דער גולם, אַריבערוואַנדערנדיק פון „גולם״ אין „גולם חלומט״ האָט פּראָגרעסירט און איז ראוי געוואָרן צו פאַרנעמען משיחס אָרט, אַזוי איז אויך דער פרוי־סימבאָל, אַריבערוואַנדערנדיק פון די לידער אין דער נייער דראַמע, נתעלה געוואָרן. פון פרוי־סימבאָל איז זי געוואָרן פרוי־אידעאַל, פרוי־מוטער, נישט פאַר אַ קאָמפּלימענט וועגן, נאָר פרוי־מוטער, וואָס גיט משיחן זיין צווייטע געבורט, ווען ער דאַרף פון מדבר־מענטש וועלט־דערלייזער ווערן.

אין וואָס דריקט זיך אויס אָט די ענדערונג צום גוטן? — לויט אַלע סימנים ברענגט דער פרוי־סימבאָל פון די לידער קיין קרבן נישט. דער איינציקער קרבן־ברענגער איז ער, דער פּאָעט. ער פּייניקט זיין גוף, ער צאַמט זיין תאווה. און פון זיין געפּייניקטן גוף און פון זיין געצאַמטער תאווה שעפּט ער אַרויס די זעונג, דאָס פאַרבלענדעניש, וואָס ער וואַרפט אויף דעם סימבאָל אַרויף און נעמט עס צוריק פון איר מיט אַ דאַנק.

אָבער דאָ, ביי דער דבורהל פון דער משיח־דראַמע, איז דאָ קרבן: איז דאָ מסירת־נפש. זי האָט אַ חלק אין משיחס מאַרטירערשאַפט. זי לייגט זיך נעבן אים אויף דער מאַרטער־באַנק, און אונטער די מאַרטער־אינסטרומענטן פון תליון, מישט זי איר בלוט מיט זיינעם. — די פרוי איז איבערגעגאַנגען פון אַ פּאַסיווער צו אַן אַקטיווער ראָל אין דערלייזונגס־אַקט.

אַ וווּנדערלעכער איבערגאַנג.

דבורהל, מיט איר צניעות, וואָס איז גרייט צו קרבן, וואָס איז ווייליק און

גייט אויף מסירת־נפש — זי הייליקט אַפילו און פאַרטייערט דעם גוף. און חנינה־משיח — דורך וועלכן דער פּאָעט לאָזט אונדז זיך הערן — איז דאָס דער יעניקער, וואָס באַהאַרט אין זיין אָפּגאָטישער מדבר־פרומקייט.

אדרבא, הערט זיי ביידן אויס. נישט נאָר זיין גוף איז איר הייליק, נאָר אויך דער דיל, אויף וועלכן זיין פוס איז געטראָטן.

„דבורהל: איך זע אייך סיי ווי, פון דעמאָלט אָן,
אַ זיצנדיק שטענדיק אויף מיין דיל;
כ'ריר אָן מיט די הענט דעם דיל און איך גלעט אים,
אַזוי ווי איך וואָלט געגלעט אַ לעבעדיקן גוף.
חנינה: איר זאָלט עס ניט טאָן מער (קאָרטשעט זיך צוזאַמען)
דבורהל: פאַרוואָס?
חנינה: מיין גוף טאָר ניט זיין גוף.
ער טאָר ניט.
ער איז פאַרמשפט.
ער איז אַן איבעריקער.
דבורהל: ער איז אַ ווונדערלעכער.
איר רעדט שלעכטס אויף זיך.
ער איז אַ באַגערטער.
חנינה: ער איז אַ מדבר־גוף.
ער איז אַן עלנט־גוף.
צו אַ קייט געשמידט געווען.
דיין גייסט ליכטיק.
גייסט פון דער וועלט.
דבורהל: גייסט פון דער וועלט,
אויך — גוף פון דער וועלט,
ליכטיק און געבענטשט.
די וועלט איז פול מיט ווונדער.
אויך גוף — ווונדער.
און גוף פון חנינה —
נאָך ווונדערלעכער.
גייט, פרעגט ביי מיין דיל,
גייט, פרעגט ביי מיין פענצטער".

אין אַ ווײַלע שפּעטער:

„חנינה: דבורהל האָט גערעדט וועגן לעבעדיקן גוף.
און וואָס טוט ער, דער לעבעדיקער גוף?

דבורהל: ער ליגט אויף דער שוועל, אַזוי ווי אויף אַ מזבח.
חנינה: צינדט אָן דעם מזבח,
לייזט אויס דעם גוף,
פאַרברענט אים.
דבורהל: ניט פאַרברענען אים — נאָר הייליקן.
חנינה: לייזט אויס אויך מיך פון גוף.
דבורהל: ער איז אויסגעלייזט, —
ער איז אויסדערוויילט — — —"

און מען האָט געדאַרפט האָבן אַ תליון צו עפענען די אויגן פון מדבר־פרוש אויף דבורהלס ליב:

„חנינה: אויפן נאַקעטן לייב — דעם תליונס בייטש.
אָבער מערער ווי בייטש־ליכט:
ליכט האָט געשטראָמט פון דבורהס לייב.
דבורהל: מיין לייב האָט געוואַרט אויף דעם.
חנינה: אויף דעם תליונס בייטש?
דבורהל: אויף חנינהס אויגן".

דער תליון האָט זיי אַנטפּלעקט די סודות פון זייערע לייבער. אַז ער ווערט געוואָר פון זיין געפיל, אַז דבורהל איז די וועלט און טראָגט דאָס קינד פון דער וועלט — אים אַליין — אין אירע אָרעמס, און דבורהל וויגט עס, פרעגט ער:

„ווער איז דער וואָס עס אַלץ אַנטפּלעקט? — ענטפערט זי: דער תליון
חנינה: (הייבט אויף דעם קאָפּ ווי אין שרעק) — ווער?
דבורהל: (רויק): דער תליון".

דער תליון האָט זיי באַהעפט. געצאַפּט פון זיי דאָס בלוט און אויסגעמישט זייערע בלוטן. און דורך אָט דער באַרעכטיקונג אין בלוט זענען זיי מאַן און ווייב געוואָרן. און דבורהל חלומט, אַז זי איז טראָגעדיק געוואָרן פון די זאָמען פון זיין בלוט. — זיין בלוט. — ווען נאָך משיחס נצחון איבער בן־יוספן, פאַר־שפּאַרט ער זיך אין תפיסה־צעל, און דבורהל און יאָסעלע (דער גולם) שטייען ביי זיין טיר, רופנדיק אים אַרויסצוקומען — קומט פאַר צווישן זיי אַ געשפּרעך. וואָס זאָגט אפשר אָן די געבורט פון משיחס זון:

„דבורהל: אויף מיינע דינע פּלייצעס איז געפאַלן
דאָס פייער פון זיין בלוט אין טעג פון פּייניקונג;

פאַרגאָסן ס׳גאַנצע לייב מיינס האָט זיין בלוט,
און דורך דער הויט איז עס אַריין צו מיר
אין טיפעניש פון לייב —

יאָסעלע: האָסט אָפּגעדעקט דיין לייב פאַר אים?
דבורהל: ס׳איז אָפּגעדעקט געווען אַליין.
יאָסעלע: און ער האָט אָנגערירט דיין לייב?
דבורהל: און איך — זיינס.

— —

איך טראָג אין זיך די זאָמען פון זיין בלוט.
יאָסעלע: (לאָזט זיך אַראָפּ צו דער ערד, צו אירע פיס)
איך וויין פון פרייד, פון גרויסער פרייד,
וואָס איך קאָן זיך אָפּזאָגן פון דיר, וואָס איך האָב ליב —
דבורהל: שטיי אויף. איך בעט דיך״.

דבורהל און יאָסעלע זענען אויף דו. אָבער דבורהל און חנינה „אירצן״ זיך. — נאָך אַלץ אַ מחיצה.

„יאָסעלע: (שטייט אויף, רעדט אין טיר אַריין)
חנינה,
ס׳איז אַלץ נאָך אַ מחיצה דאָ צווישן דיר און וועלט.
די מחיצה זאָל ניט זיין מער.
האַלב גאָט — האַלב מענטש —
מוזט ווערן מענטש אין גאַנצן;
צי ביסטו דאָס נאָך נישט געוואָרן
דורך בלוט, דורך לייב, דורך דבורהלען? —
אָ, קום אַרויס״.

יאָסעלע־גולם איז גערעכט. אַט די ווערטער דעם גולמס האָב איך אויך געוואָלט אַרויסשרייען משיחן, און דורך אים זיין באַשעפער, לייוויקן: זאָל ער ווערן אַ מענטש אין גאַנצן! — צו פולער קאָנקרעטיזאַציע!

עס איז נאָך נישט קאָנקרעטיזאַציע פאַר משיחן. ער איז טאַקע שוין אַ מענטש, אָבער נאָך אַלץ נעענטער צו גאָט, ווי צו די חי־וקימס. — איז ער נישט מער אַ פּרוש אין מדבר, איז ער צדיק אין שטיבל. מער גופיקייט פאָדערט זיך פון אים — אין גוטן זין פון וואָרט — ממשותדיקייט. דבורהל האָט געטון אַלץ וואָס זי האָט געקענט, דער תליון האָט געטון אַלץ, וואָס ער האָט געקענט, אָבער משיח האָט זיך נישט געגוג מיטבאַטייליקט.

האָט ער דאָך צוליב זיין אחריות־געפיל געהאַלטן פאַר זיין חוב מיטצו־באַטייליקן זיך אין מענטשלעכער רציחה מיט בלוטפאַרגיסן — ער האַקט אַליין אָפּ בן־יוספן דעם קאָפּ, — האָט ער צוליב דעמזעלביקן אחריות־געפיל געדאַרפט זיך באַטייליקן אין מענטשלעכער תאווה. נאָך אַלעמען, האָט דער גולם, אונטער בן־יוספס היפנאָז, געהאַט אַ גערעכטע טענה: אַלע חובות מוזן באַצאָלט ווערן! ווער וועט באַצאָלן די חובות, וואָס קומען זיין לייב פאַר די נישט־געשטילטע הונגערס און נישט־געזעטיקטע תאוות — דער חשבון מוז אויסגעגליכן ווערן. האָט ער מיט זיין באַטייליקן זיך אין בלוט פאַרגיסן עס אויסגעקויפט און איבער־געקומען, און דערמיט איינגעשטעלט אַ גערעכטע אָרדענונג. — וואָלט ער מיט זיין באַטייליקן זיך אין דער תאווה און איבערקומען עס — נישט מעשה פּרוש, וואָס דערשטיקט די תאווה, נאָר דערפילנדיק די תאווה, מקיים זייענדיק די תאווה, זי אויסקויפן — וואָלט ער דורך דעם געהאַט איינגעפירט אַ געלייטערטע אָרדענונג.

די משיח־געשטאַלט, אַלס פאָלקס־לעגענדע, האָט לאַנגזאַם דורך יאָרטויזנ־טער דעם נס געטון — געפורעמט און געשטאַלטיקט און געשאַפן דאָס פאָלק; דער פּאָעט־דיכטער דאַרף דעם נס באַווייזן אין משך פון פיר אַקטן אָדער עלף בילדער פון אַ דראַמע.

הייסט עס, אַז לייוויק האָט נאָך אַ דריטע משיח־דראַמע צו שרייבן, וואָס צוזאַמען מיט די ערשטע צוויי וועט עס אויסמאַכן אַ טרילאָגיע.

ס'איז פאַראַן אַ ספּעציעלע ליד־פאָרעם אין דער דראַמע, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון דוכענען, פון בענטשן. עס איז ווי אַ צערעמאָניאַל־שפּיל: משיח רעדט און דער נס געשעט. דאָס איז דאָס אמתע משיח־ליד.

„בריקן“, 1935.

לייוויקס סאָציאַל־פּאָעטישע דראַמע אין קונסט־טעאַטער 1921

(די ערשטע אויפפירונג פון ה. לייוויקס „שמאַטעס" אין מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער, 1921)

איך שרייב לויטן איינדרוק פון דער ערשטער אויפפירונג און מוז אָנהייבן פון אַ לויב אויף מאָריס שוואַרצן, וועלכער האָט ווידער אויפגעטון אַ זאַך, וואָס קיין אַנדער טעאַטער־דירעקטאָר וואָלט זיך אַפילו נישט געחלומט צו טון: ער האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו און די ריזיקע אַרויסצופירן דעם דראַמאַטישן ערשטלינג פון ה. לייוויק, וועלכן די יידישע ליטעראַטור שעצט אַלס איינעם פון אירע בעסטע.

מאָריס שוואַרץ גיט אָפּ כבוד דער ליטעראַטור — קומט אים דערפאַר אַנערקענונג.

און אַ לויב אויף שוואַרצן און זיין קאָמפּאַניע וועלכע האָבן גלייך פון ערשטן אויפטריט זייערן באַוויזן, אַז עס איז פון זייער זייט נישט בלויז אַ שיינער זשעסט געווען. זיי האָבן זיך באַצויגן צו זייער אויפגאַבע מיט ליבע, ערנסט און דרך־ארץ.

און מאָריס שוואַרץ איז שוין באַלוינט געוואָרן: ער האָט אַריינגעקראָגן אַ ראָל — אַ גרויסע פיגור — אַ גרויסן יידן — וואָס נאָר איינמאָל אין צען יאָר איז אַ יידישער אַקטיאָר זוכה צו אים.

איך שרייב נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג מיט דעמזעלביקן געפיל, ווי נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „דבוק" — אַז איך, דער קריטיקער, וועל מוזן באַגלייטן די דראַמע און אַזוי צו זאָגן מיטשפילן מיט די אַקטיאָרן.

עס איז צוגלייך אי אַ סאָציאַלע, אי אַ שטימונגס־דראַמע. אָבער פריִער פון אַלץ אַ דראַמע, און דאָס איז דער ערשטער פריילעכער גרוס פון לייוויקס „שמאַטעס". אַ פּיעסע, וואָס איז נאָך נישט קיין דראַמע, מעג זי זיין ווי קינסט־לעריש אויסגעאַרבעט, האָט זי נאָך נישט קיין פולע רעכט אויף דער בינע. אַז לייוויק איז אַ קינפטיקער דראַמאַטיקער האָט מען נאָך געקענט אַרויסזען פון זיין ערשטן בוך לידער. זיין יעדעס ליד איז אַ באַוועגונג צווישן אַ געשטאַלט און אַ געשטאַלט. דער זין פון „גולם" איז אויך אַ דראַמאַטישער: געשטאַלטן, יוֹאָס קענען אויסגעלייזט ווערן נאָר אין קאַמף צווישן זיך. דער „גולם" וואָלט געפאָ־דערט אַ העכערע בינע, מיט נייע בינען־אַנטדעקונגען, און זיין אויפפירונג וואָלט געווען אַן אַנטפּלעקונג — אַ שטיק צוקונפט־טעאַטער.

די „שמאַטעס" זענען פאַר דער פּראַקטישער בינע.

די דראַמע איז געבויט אויף אַ גרונט־קאָנפליקט. נשמה־ראַנגלעניש איז איר קערן. און עס איז גלייכצייטיק אי אַ פּערזענלעכער קאָנפליקט אין איין מענטשן — אי אַ סאָציאַלער קאָנפליקט: דאָס וואָס צערייסט די נשמה פון דעם הויפּט־העלד מרדכי מאַזע צערייסט אויך די מענטשן אַרום אים.

האָט איר געהערט פון דעם פיינלעכן פּראָבלעם פון יידישן פּראָלעטאַריער? עס איז אַ טראַגי־קאָמעדיע מיט אים. ער איז אַ פּראָלעטאַריער אויף צו־פּלייסנד. מיט איין פוס אַ פּראָלעטאַריער, מיט דעם אַנדערן ערגעץ אַנדערש. נעכטן אַ באַלעבאָס אָדער אַ באַלעבעסל — היינט אַ פּראָלעטאַריער — מאָרגן ווידער אַ באַלעבאָס אָדער אַ באַלעבעסל. אין דער צווישן־צייט מאַכט ער אַ רעוואָלוציע אָדער אַ שטרייק. און מאַכנדיק די רעוואָלוציע אָדער שטרייקנדיק, פילט ער די גאַנצע צייט, אַז ער איז נישט מיט אַלעמען.

פאַר אָט דער טראַגי־קאָמישער אומזיכערקייט פון יידישן פּראָלעטאַריער, פאַר דעם גרויסן ספק אין זיין פּראָלעטאַרישקייט האָט לייוויק געפונען אַן אויס־דרוק: דער ערשטער שטרייק אין אַ שמאַטע־שאָפּ. שמאַטעס סימבאָליזירן דאָ די יידישע „טריידס". די שטרייקער זענען יידן מיט בערד — באַלעבאַטישע מיושב־דיקע יידן, — וועלכע שטייען ווי שאָטנס הינטער אַלע יידישע שטרייקער, די הונדערט טויזנט שניידער באַבערדלטע און געגאָלטע.

אום צו באַטאָנען און פאַרשאַרפן דעם יידיש־פּראָלעטאַרישן קאָנפליקט, האָט לייוויק דעם הויפּט־העלד געמאַכט פאַר אַ למדן אַ ייִד, וועלכן עס וואָלט זייער געפּאַסט צו זיין ערגעץ אַ ראש־ישיבה. דאָ איז ער אַ שמאַטע־קלייבער.

האָבן מיר דאָ די עסענץ פון ייִדישער פּראָלעטאַרישקייט אין אַ שטאַרק־דראַמאַטיזירטער פאָרעם.

דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם פאַרוואַנדלט זיך דאָ אין פּערזענלעכן ווייטיק. כל־זמן מען האָט געאַרבעט, האָט מען געאַרבעט. האָט מען עס באַטראַכט פאַר גאָטס שטראָף, פאַר אַ ירידה: באַשערט אויף דער עלטער צו זיין אַ שמאַטע־קלייבער אין אַמעריקע.

אָבער אָט קומט דער אַנטשיידענער מאָמענט — אַ שטרייק פון די שמאַטע־קלייבער ווערט גערופן. די פּראָבע, דער נסיון. דער למדן, דער שטאָלצער אין זיין דערנידערונג, דאַרף זיך איבערברעכן אין אַ פּראָסט־פּשוטן פּראָלעטאַריער, וואָס זיין ערשטער מודה־אני איז, אַז שמאַטעס־קלייבן איז אויך אַן ערנהאַפטער עסק.

עס פּאַסט אים נישט. עס שטייט אים נישט אָן. ער פילט אַ פּחיתת־הכבוד. אַ שטרייק איז ייִנגלשקייט... שקאָצעריי. און אַז מען וועט שוין געווינען דעם שטרייק און אַ הוספה פון אַ האַלבן דאָלער און אַפילו פון אַ דאָלאַר, וועט מען שוין גליקלעך זיין, דאַרף מען שוין צופרידן זיין? דערהייבן געוואָרן, יאָ? ניין, דאָס וועט הייסן צוגעבן די דערנידערונג, ניין, בעסער באַהאַלטן אין דער דערנידעריקונג. דאָס איז שטאָלצער. שטיף־געבליבן אין גדלות.

מיר זענען שמאַטע־ייִדן געוועזן און לאָמיר בלייבן שמאַטע־ייִדן!...

אין דריטן אַקט — דער בעסטער פון אַלע פיר — אַ זעלטענע מאַסן־סצענע — ברעכט מרדכי מאזע דעם שטרייק, ער גייט נישט אַראָפּ. און די ייִדן, אין וועלכע עס ראַנגלען זיך דיזעלביקע געפילן און ספיקות, דער אַלטער ייִדי־שער שטאָלץ מיט דעם נייעם פּראָלעטאַריש־אַמעריקאַנישן שטאָלץ, וואָס ביי מרדכי מאזע אין האַרצן — נאָר ראַנגלען זיך צעריסענערהייט, שטיקערווייז, אַ פּונקט אין דעם, אַ פּונק אין יענעם — די ייִדן גייען אַראָפּ אין שטרייק און קערן זיך באַלד אום צוריק. דער למדן, וועלכער איז געבליבן ביי זיין זאַק־שמאַטעס און וועלכן זיי באַטראַכטן פאַר זייער נאַטירלעכן פירער, ציט זיי צוריק אַריין.

דאָ האָט איר מרדכי מאזעס פּערזענלעכע טראַגעדיע איבערזעצט אין סביבה.

אַז לייוויק האָט עס געטון מיט אַ כוונה — צו מאַכן די סביבה פאַר דעם שפּיגל פון דעם הויפּט־העלדס נשמה — איז צו זען דערפון, וואָס ער האָט אַ ייִדעלע, וואָס שטייט אין מיטן צווישן דעם הויפּט־העלד און דער מאַסע; אַ האַל־בער למדן און אַ האַלבער שטרייקער; דאָ צינדט ער זיך אָן מיט אַרבעטער־

שטאָלץ און דאָ מיט יידישן שטאָלץ; ער וואַרפט זיך אַהין און אַהער, האַלט מיט דעם און מיט יענעם און וויל שלום מאַכן צווישן אַלעמען.

אָט ווי אַזוי ער פּרוּווט איבעררעדן דעם הויפּט־העלד צו דער נייער אַמע־ריקאַנער מצווה:

— אויב עס איז אַ חרפּה שטרייקן — טאָרן מיר נישט אָפּשטיין פון אַ יידישער חברה.

עס איז אַ יידעלע אַן אויסנאַם, ער הייסט ר׳ אליהו און שפּילן שפּילט אים מאַרק שווייד.

דאָס איז דער דראַמאַטישער קערן אַרום וועלכן עס וואַקסט אַן די דראַמע. עס איז דאָ אַ קאָנפליקט, אויף וועלכן די דראַמע קען זיך בויען. דער אַלטער יידישער פּנים וויל נישט אָנקוקן דעם נייעם יידישן פּנים.

אָבער דער נייער יידישער פּנים איז צוויי־פּנימדיק. די סכנה, מיט וועלכער דער ייד ראַנגלט זיך אין שאַפּ — די אַמעריקאַניזאַציע — באַגעגנט ער ביי זיך אין הויז גופא, אין זיין פאַמיליע. מרדכי מאַזע האָט זיך אַרומגעזען, ווי זיינע יינגערע קינדער — זיין זון און יינגערע טאָכטער האָבן זיך „אַמעריקאַניזירט" און עס דוכט זיך אים, אַז זייערע צוויי פּנימער שטעקן אים אַרויס צוויי אַמע־ריקאַנער צונגען.

עס קומט אים אויס צו ראַנגלען זיך אויף צוויי פראָנטן אין שאַפּ און אין הויז; און עס דראָט אים אַ טאָפּלטער צוזאַמענברוך: צו בלייבן איינער אַליין, סיי אין שאַפּ און סיי אין הויז.

די צוויי טראַגעדיעס — די שאַפּ־טראַגעדיע און די הויז־טראַגעדיע, זענען נישט געוואָרן איינס: זיי פאַלן נישט צענויף; זיי זענען נאָר געבונדן אין דעם יידנס צעווייטיקטן האַרץ; נאָר אין איין פּונקט זענען די ביידע באַזונדערע טראַ־געדיעס באַהעפט: די יינגערע טאָכטער האָט חתונה מיט דעם באָס׳ס זון — דעם באָס פון שמאַטע־שאַפּ און דער באָס פּרוּווט רעדן אַלס שווער און די טאָכטער מיטן איידעם פּרוּוון אים מיטהעלפן.

אַזוי אָבער קומען די ביידע טראַגעדיעס אָפּבייטן איינע די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן איינע די אַנדערע נישט געקענט. באַזונדערס פילט זיך דאָס אין צווייטן אַקט, וואָס איז טעכניש דער שוואַכסטער: דער הויפּט־העלד זיצט ביים טיש און ביידע טראַגעדיעס קומען ווי דעלעגאַציעס אָפּצוגעבן באַריכטן.

דאָס איז די שוואַכע זייט פון דעם געבוי — אַ טעכנישער פעלער, וואָס

איז זייער נאַטירלעך אין אַ טעאַטער־ערשטלינג און וואָס וואָלט פּאָרט געקענט אויסגעמיטן ווערן, ווען אַ געניט אויג וואָלט פריִער דורכגעגאַנגען דעם טעקסט.

עס קען נאָך אויסגעבעסערט ווערן. די ביידע טראַגעדיעס לאָזן זיך לייכט קאָמבינירן.

איצט, ווען מיר האָבן פאַר זיך די ראַם און דעם דראַמאַטישן געוועב, וואָס איז אין איר אָנגעצויגן, קענען מיר לייכט איבערגיין צו דעם סוזשעט.

II

פריִער האָב איך געגעבן אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער ה. לייוויקס דראַמע „שמאַטעס״ און האָב זי כאַראַקטעריזירט אַלס אַ סאָציאַלע דראַמע, וואָס גייט איבער אין פּערזענלעכער טראַגעדיע.

עס איז די דראַמע פון היימישן ייִדן, וועלכער ווערט מיט געוואַלט איבער־געבראַכן אין אַ פּראָלעטאַריער. ער ווערט זיך און זיגט, צוזאַמענברעכנדיק,

וועל איך זיך צוקוקן נעענטער צו דעם געבוי פון דער דראַמע.

די דראַמע איז געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון בילדער. עס לאָזט אַ סך געשען אויסער דער סצענע. יעדער אַקט איז אַ לעבעדיק בילד, וואָס שליסט אָפּ יענע הינטער־קוליסן געשעענישן.

עס איז אָבער אַנדערש ווי ביי בערקאָוויטשעס „לאַנדסלייט״, וואָס זייערע דריי אַקטן זענען אויך דריי לעבעדיקע בילדער. אַנדערש ווי דאָרט, האַלט דער דראַמאַטישער קאָנפליקט די גאַנצע צייט אין שטייגן.

אַזוי אָבער ווי דער קאָנפליקט שטייגט הויפּטזעכלעך אין דער נשמה פון דעם הויפּט־העלד און איז נישט צו־שאַרף אויסגעדריקט אין קאָנקרעטע בולטע געשעענישן, אַ חוץ דער גרויסער מאַסן־סצענע אין דריטן אַקט, איז דער עפעקט פון שטייגנדיקן קאָנפליקט אַ סך אָנגעוויזן אויף דער שטימונג, וואָס די אַקטיאָרן שאַפן מיט זייער שפּילן. די אַקטן שליסן זיך אין שטילן אינערלעכן דראַמאַטיזם, און ווען די אַטמאָספערע זאָל פריִער נישט געשאַפן ווערן, זענען די אַקט־שלוסן אין געפאַר פאַרשלונגען צו ווערן פון לײדיקע פּויזעס.

עס איז אַ סאָציאַל־פּאָעטיש־בילדער־דראַמע; אַ טשעכאָוו־הירשביין־דראַמע, אָבער מיט אַ שטאַרקן סאָציאַלן הינטערשלאַק.

דער הויפּט־העלד, מרדכי מאַזע, אַ שיינער ייִד, אַ למדן פון דער היים, וועלכער האָט געקענט זיין אַ ראש־ישיבה, און דאָ איז ער אַ שמאַטע־קלייבער.

דערצו נאָך: זיין יינגערע טאָכטער קלייבט זיך חתונה האָבן מיט זיין באָס זון.

דאָס ערשטע בילד — דער וואָס האָט געזאָלט זיין אַ ראש־ישיבה, קערט זיך אום פון שמאַטע־שאָפּ. ביים עסן דערוויסן מיר זיך פון דעם געשפּרעך צווישן דער עלטערער טאָכטער און דעם באָרדער, אַז אין שאָפּ גרייט זיך אַ שטרייק. דעם טאַטנס „אַזוי, אַזוי" — זאָגט אונדז אָן, אַז ער איז נישט מסכים מיט דער נייער אַמעריקאַנער מצווה. מיר ווערן צוגעגרייט. די יינגערע טאָכטער קומט מיט דער בשורה, אַז איר חתן האָט איר שוין „איינגעפּיקסט" אַ הויז — זי ווינט נישט ביים טאַטן — און זי לאַדט איין דעם טאַטן אויף אַ „פּאַרטי".

אַ פּאַרטי? אַזוי, אַזוי — דער טאַטע איז ווידער נישט מסכים. ניין, ער וועט צו אַן אַמעריקאַנער פּאַרטי, צו וועלכער אַ טאָכטער, די צוקונפטיקע שנור פון זיין באָס, לאַדט אים איין, נישט גיין.

די מוטער בלייבט מיט אים אַליין. אַ וויינענדיקע אַנטלויפט זי אין קיך. — „יידענע, וואָס וויינסטו?" — שליסט דעם אַקט.

הינטער די קוליסן איז געשען, אַז די יינגערע טאָכטער האָט חתונה געהאַט. דער טאַטע איז אַנטלאָפן. אים איז נישט אָנגעשטאַנען צו זיין אַ מחותן אויף אַ פרעמדער חתונה. ציינדט אָן אַ ליכט און זעצט זיך צו דער גמרא. די מוטער, די כלה, דער שווער קומען און ווילן זיך ביי אים איינבעטן. ער בלייבט שטייף. איין כמאַרע האָט זיך אָנגערוקט.

אַ דעלעגאַציע פון שאָפּ — ער איז אויסגעקליבן געוואָרן צו רעדן מיטן באָס — זיין נייעם מחותן — דורכצוקומען מיט אים מיט גוטן.

ניין. ער איז נישט מסכים! — רעדט ער אַרויס צום ערשטן מאָל אין דער הויך. קיין פּשרה, צו כשרן די שמאַטע־קלייבער פּרנסה.

אַ חרפּה זאָל בלייבן אַ חרפּה!

אַ צווייטע כמאַרע האָט זיך אָנגערוקט, און זי פּלאַצט אין דריטן אַקט. דער בעסטער, סיי אין טעכניק און סיי אין דראַמאַטישן אינהאַלט — דער בעסטער אַקט נישט נאָר אין לייוויקס פּיעסע, נאָר, דאַכט זיך מיר, דער בעסטער מאַסן־אַקט אין אַ יידישער דראַמע. עס קאַכט און עס שטורעמט, עס פאַלט אַרויף און אַראָפּ, צוואַנציק קולות אין איין שוונג, יעדער מיט זיין כאַראַקטעריסטיש וואָרט, וואָס רעדט דאָ פּאָר דעם טיפן אין דערנירריקונג יידישן שטאָלץ און דאָ פּאָר דעם נייעם לייכטן אַמעריקאַנער שטאָלץ. און אַלע ווערטער פאַלן אַריין —יעדעס וואָרט אין זיין ריכטיקן פּלאַץ.

עס איז אויך דער בעסט־געשפּילטער און בעסט־אויסגעשטעלטער אַקט.

אַ פאָרשלאָג צו דער רעזשי: דער הויפּט־העלד איז דאָ אָן אַ זייט פון דער מאַסן־סצענע. און כאָטש דאָס ייִדעלע וואָס מאַרק שווייד שפּילט, פאַרבינדט אים, אָבער נישט גענוג. די ייִדן קוקן אויף אים אַרויף ווי צו זייער נאַטירלעכן פירער און זיין נישט מסכים זיין צום שטרייק — אַ שטרייק איז נאָך אַ גרעסערע חרפּה! — נאָך אַ גרעסערע פּשרה מיט די שמאַטעס — זיין „נישט מסכים" דאַרף זיך צענויפגיסן מיט זייער געשריי.

און נאָך: ווען די ייִדן זענען אַראָפּ און אונדזער ראש־ישיבה באַשליסט צו טיילן מיט זיי די חרפּה און וויל זיי נאָכגיין פּונקט ווען זיי קערן זיך אום מיט געבויגענע קעפּ.

דאַן ערשט זאָל ער אַ געשריי טון: — קומט, אַז מיר האָבן שוין גענומען אויף זיך די חרפּה — און זיי פאָלגן אים נישט, און דער פאָרהאַנג פאַלט.

דאָס וואָלט געווען אַ שטייגערונג און וואָלט אויפגעהויבן דעם אינערלעכן דראַמאַטישן ווערט פון דעם עפעקט.

צווישן דריטן און פערטן אַקט געשעט, אַז די קינדער האָבן אַראָפּגענומעי דעם טאַטן אויף קעסט. און ער איז נאָך מער איינער אַליין. אַ גרויסער יתום. דאָס אַמעריקאַנער טעכטערל קומט מיטן צענערל חודש־געלט, ר' אליה — דאָס ייִדעלע, וואָס שטייט אינמיטן — ברענגט אים אַ גרוס, אַז דער שאָפּ האָט אים מוחל געווען און בענקט נאָך אים.

ער פּרוּווט זיך איבערבעטן מיט זיין זינדל דעם בייזבאָל־שפּילער און עס קומט אַרויס נאָך אַ גרעסערער ברוגז. ער אַנטלויפט אין צווייט צימער — מען מיינט ער וועט זיך אַ מיתה אָנטון. ניין, ער קומט צוריק אָן איבערגעטאָענער אין זיינע אַרבעטס־קליידער. צוריק אין שאָפּ, צו די שמאַטעס וועט ער גיין, צוריק צו זיין שטאָלץ אין פרייוויליקער דערנידעריקונג.

ראַבאַי האָט מיר געגעבן אַן אידעע. ער האָט מיר דערציילט וועגן אַן ענ־לעכן פאַל אין לעבן, ווו אַ ייִד האָט פאַרענדיקט זיין פּראָטעסט קעגן זיינע אַמע־ריקאַנער קינדער אין אַמעריקע מיט אַ שטרייק פון שטומעניש — ער האָט זיך געגעבן אַ נדר נישט צו רעדן.

אויך דאָ, ווען די ייִדענע וואַרפט צוריק אַרויף אויף אים זיין יום־טובדיקן בגד פון אַ לײַדיק־גייער און ער בלייבט זיצן אַן אומבאַהאָלפענער, מיט זיין נישט־אויסגעדריקטן צער, — זאָלן זיינע אויגן נעמען רעדן, ווי ביי אַ שטומען — זיין מויל רעדט מער נישט.

ב. ריווקין

די דראַמע וואָלט געבראַכט געוואָרן צו איר העכסטן שטיינפּונקט און צו אַ טאָפּלטער טיף.

וועגן שפּילן וועט מען נאָך דאַרפן רעדן, אָבער שוין איצט איז דאָס שפּילן שוין אָנגעשטימט אין ריכטיקן טאָן. מיט די ווייטערע אויפפירונגען וועט דאָס שפּילן נעמען זינגען.

עס דאַרף זינגען. די פּראָזע איז פון אַ פּאָעט, די ווערטער רייך מיט מיין און וואָגיק, הויכן אַן אַטמאָספערע.

דער דריטער אַקט וועט זיך פאַרציִען אויף אַ ריזיקן טאָן.

שוואַרץ, ווען ער איז געקומען צום פערטן אַקט, האָט שוין געהאַלטן פעסט דעם נייעם גרויסן שיינעם ייִדן אין זיך. איך צי צוריק, וואָס איך האָב וועגן שוואַרצן אין דער רעצענזיע אויף די „לאַנדסלייט“: אַז ער נעמט כאַראַקטער צוערשט דורך אויסערלעכער אימיטאַציע, וואָס גייט מיטן שפּילן אַריבער אין אינערלעכער דורכלעבונג פון דער געשטאַלט.

שוואַרץ האָט דאָ דערשמעקט דעם ייִדן. דער ייִד איז דאָ אַ שמעקעוודיקער. זיין נשמה האָט אַראָמאַט. דאָס איז די אייביקע ייִדישע נשמה, וואָס ווערט צע־קלאַפּט אין אַמעריקאַנער שטויסל און גיט אַרויס איר לעצטן ריח.

די אַלטע ייִדישע וועלט, וואָס שטויסט זיך אָן אויף אַמעריקע און לאָזט זיך נישט צערייבן.

דער ייִד איז דאָ אַ גרעסערע פיגור, ווי אין „שווער צו זיין אַ ייִד“. יענער איז די ייִדישע וואָך, דער — דער ייִדישער יום־טוב.

שוואַרץ האָט דעם ייִדן געפּאַקט: איר דערקענט עס נאָך דער ווירדיקייט פון זיין קול, נאָך דעם יום־טובדיק־ווירדיקן טראָפּ, נאָך דעם לענגלעך־קיילעכ־דיקן זשעסט.

שוואַרץ האָט דאָ אַ ראָליע, וואָס מיט יאָרן שפּעטער וועט מען אים מקנא זיין.

מאַרק שווייד איז דאָס מאָל גאָר מזלדיק. ער האָט זיין ייִדעלע רב אליה גלייך געפונען. אַזוי אַלץ, וואָס איך האָב נעכטן געזאָגט וועגן דעם ייִדעלע, וואָס שטייט אינמיטן, האָב איך אַראָפּגעלייענט פון שווידס שפּילן. עס איז אַ ייִדעלע אויף חידושים. אַזאַ ייִדעלע איז נאָך קיין מאָל נישט געווען. ער איז נאָר־וואָס באַשאַפן געוואָרן.

בינע אַבראַמאָוויטש וועט זיכער אויסגעפינען, וואָס פאַר אַ ספּעציעלן סאָרט ייִדענע לייוויק האָט געגעבן זיין ייִדן פאַר אַ לעבנס־באַגלייטערין. לייוויק, דוכט

מיר, האָט ספּעציעל די ייִדענע נישט געצייכנט. אָבער פאַר בינע אַבראַמאָוויטש דאַרף מען קיין ראָלן נישט שרייבן. זי דאַרף זיך נאָר באַקענען מיט איר סיטואַציע. פאַר איר איז גענוג אַן אָנצוהערעניש. ווען זי וועט אַ צוויי־דריי מאָל דורכשפּילן איר ראָל, וועט זי האָבן אַ נייע ווייבערשע באַשעפעניש.

אָן איר הענגט אָפּ זייער פיל. זי שליסט מיט שוואַרצן דריי אַקטן. זי שפּילט אויסערלעך די טראַגעדיע, וואָס דער ייִד, לויט לייוויקס כוונה, דאַרף דורכלעבן אין זיך. בינע אַבראַמאָוויטש דאַרף שאַפן אַרום דעם ייִדן די לופט, וועלכע ער אָטעמט.

איך שרייב דאָך דאָס אַלץ לויט דעם איינדרוק פון דער ערשטער פאָרשטעלונג.

חנה אַפּעל האָט זיך אָנגעהויבן אָנצייכענען די עלטערע טאָכטער. די ייִנגערע, די פוסטע אַמעריקאַנערקע,איז שוין אָנגעפונקטירט אין בעסי מאָגולעסקאָ.

היימאַן מייזעל — אַ גלאַנציקער, אַטלאַסענער, קעציש־ווייכער באַס — עס שטימט.

יחיאל גאָלדשמיד, יוליוס אַדלער, יצחק האָניגמאַן, יהודה בלייך — אַלס די טאַנגעבער פון דער מאַסן־סצענע — האָבן געטון טיכטיקע כאַראַקטעריזירונגס־אַרבעט. די שילער פון דער דראַמאַטישער שולע האָבן געמאַכט גרויסן פאָרשריט, ווען שוין ביי דער ערשטער אויפפירונג האָבן זיי געגעבן אַן איינהייטלעכע מאַסן־סצענע.

סקולער, אַלס אַמעריקאַנער באַי, שפּילט נישט שלעכט דעם שלום־ברוגז מיטן טאַטן — מען גלויבט אין זיין אויפריכטיקייט.

מען דערקענט ביי אַלעמען אויפמערקזאַמע ליבע צו די ראָלן.

די פּיעסע האָט עטוואָס אין זיך פון דעם הירשביין־מין: ווען שוואַרצס רעזשי זאָל די פּיעסע קענען דערהייבן צו דער מדרגה פון „פאַרוואָרפענעם ווינקל״, וועט עס זיין אַ פּיעסע צום שטיין.

און שוואַרץ וועט האָבן דעם פאַרדינסט, וואָס ער האָט גענומען ביי דער ייִדישער ליטעראַטור אַן אָנערקענטן טאַלאַנט און אים אַריינגעפירט אין טעאַטער, און דערמיט טאָפּלט באַרעכטיקט זיין טיטל דירעקטאָר פון „קונסט־טעאַטער״.

***

נאָכבאַמערקונג: צו דער צווייטער און דריטער אויפפירונג האָט לייוויק

ב. ריווקין

אַריינגעבראַכט ענדערונגען ,ענלעך צו די, וואָס איך האָב פאָרגעשלאָגן. די סיטואַציע אין די שלוס־סצענעס זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן. דעם הויפּט־העלד זענען געגעבן געוואָרן וואָרט און האַנדלונג, וואָס זאָגן אָן, באַטאָנען, אונטערצייכענען, שטעמפּלען אָפּ די עטאַפּן פון דער אַלץ־שטייגנדיקער אינערלעכער דראַמע. די אינערלעכע דראַמע איז געוואָרן אויסערלעך, די נשמה איז געוואָרן קאָנקרעט. איצט דאַרף עס זיין אַ דראַמע פאַר דעם גאָר־ברייטן פּובליקום — דאָס פּובליקום, וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן, און וואָס די בענעפיטן ברענגען אין טעאַטער, נישט בלויז פאַר דעם געקליבענעם עולם, וואָס לייענט ליטעראַרישע קריטיקן.

(„די צייט“, 1921)

אַן אייגנאַרטיקע דראַמע — „באַנקראָט“

אַן אייגנאַרטיקע דראַמע צוליב צוויי טעמים — צוליב דעם כאַראַקטער פון דעם הויפּט־העלד, אורי דאַן, און צוליב דעם געבוי פון דער פּיעסע.

ערשטער טעם:

אורי דאַן האָט לכתחילה באַלאַנגט צו דער סעריע פון לייוויקס פאַרשוויגענע און שטומע העלדן, ווי מאָזע פון די „שמאַטעס“ אַ שטייגער. נאָר אַנדערש פון מאָזע, איז אורי דאַן, אונטער צוואַנג און נשמה־נויט באַריידעוודיק געוואָרן, און באַריידעוודיקייט טראָגט אַ שאַרפע אויסגעשרפאָכענע סאָציאַלע טענדענץ — אַ טענדענץ, וואָס מאַכט אַ שווערע אָנקלאַגע, פון וועלכער עס דאַרפן באַזונדערס זיך פילן שטאַרק געטראָפן די ציטונגס־לייט. און עס איז פאָרויס קלאָר פאַר יעדן טעאַטער, אַז לייוויקס פּיעסע „באַנקראָט“ וועט נישט אויסנעמען ביי די ציטונגס־לייט, ביי די ציטונגס־קריטיקער...

אָבער ווו טרעפט „באַנקראָט“ די ציטונגס־לייט? דאַכט זיך, קיין איין העלד איז דאָרט אַ ציטונגס־מאַן — אָבער דאָס איז בלויז אויפן ערשטן קוק. אדרבא, לאָמיר זען:

„באַנקראָט“ איז די טראַגעדיע פון אַ היימישן אידעאַליסט, וואָס אָנקומענדיק קיין אַמעריקע, אַנטדעקט ער אַז ער קאָן דאָ נישט אָנהייבן אָטעמען, סיידן ער וועט ענדערן זיין גאַנץ וועזן. ער דאַרף פאַרבייטן זיין נשמה און איינגיין אויף אַ גרונט־קאָמפּראָמיס: ער דאַרף באַשליסן ליב צו באַקומען וווילטאָג און הנאה צו האָבן פון וווילטאָג. פריִער פון אַלץ דאַרף ער מקיים זיין דעם הויפּט־געבאָט פון אַמעריקאַנער לעבן: „אַרויפאַרבעטן זיך!“ — אַניט וועט ער זיין אַ דורכפאַל און אַפילו די נאָענטסטע וועלן זיך באַציִען צו אים מיט גרינגשעצונג.

דאָס איז געוועזן נאָך פאַר דעם גרויסן קראַך, ווען „סוקסעס“ און „פּראָס־

פּעריטי״ זענען נאָך געווען די צוויי גרויסע געצן, צו וועלכע גאַנץ אַמעריקע האָט געדינט.

דער גאַנצער לעבנס־סדר דאָ אין לאַנד איז דעמאָלט אָנגעשטעלט און אָנ־געצילעוועט צום „אַרויפאַרבעטן״ זיך; איז פאַרגלאָצט געווען מיט טויזנט אויגן צום מיליאָן־דאָלאַרדיקן שמאַלץ־טאָפּ, דעם אָפּגאָט און אויבער־געץ פון באַלע־בעסל און באַלעבאָס. אין יענע גוטע „פּראָספּעריטי״־יאָרן — היינט מסתמא אַ סך ווייניקער — האָבן אַפילו אָרעמע לייט, האַלב־הונגעריקע, געטיילט דעם געצן־גלויבן פון זאַטן באַלעבעסל און איבערזאַטן באַלעבאָס...

טויזנטער אַזעלכע אַריבערגעקומענע היימישע אידעאַליסטן האָבן דיזעל־ביקע דערפאַרונג געהאַט, האָבן דורכגעמאַכט אַ שטיקל קריזיס אין דער נשמה, זענען דעם קריזיס בשלום איבערגעקומען און האָבן שלום געמאַכט מיט דער מדינה און מיט איר געצנדינערישן לעבנס־שטייגער.

וואָס־זשע טוט אָבער אורי דאָן? — אַנדערש פון די טויזנטער זיין גלייכן, באַשליסט ער נישט שלום מאַכן מיט דעם אַמעריקאַנער געצנדינסט.

און וואָס איז דער רעזולטאַט פון אַזאַ באַשלוס נישט שלום צו מאַכן? ווער וועמען איז גובר? און וואָס וועט זיין דער ווייטערדיקער גורל פון אורי דאָן? — קיין גענויעם ענטפער אויף די אַלע פראַגן גיט די דראַמע נישט, אָבער אָט וואָס אורי דאָן טוט: ער וואַרפט אַוועק די סטאָר, אין וועלכער די קרובים האָבן אים אַריינגעזעצט; זאָגט זיך אָפּ פון פרוי, וועלכע איז גוט און פיין און וועלכע האָט אים ליב, און ער זי אויך; שטויסט צוריק די ליבע פון אַ יונגער שיינער מיידל, וועלכע ער האָט נאָך ליבער, ווי זיין אייגענע פרוי און וועלכע פאַרגעטערט אים, געדענקענדיק אים נאָך אַלס דעם העלד אורי פון דער היים, און וועלכע איז גרייט אים נאָכצוגיין. ועל כולם: איבערגעבנדיק די שליסלען פון הויז צו אַ „פריינט״, אַן אַמאָליקער קאָנקורענט זיינעם פאַר זיין פרויס ליבע, וועמען זי האָט צוריקגעוויזן צוליב אורין — אויך אַן אידעאַליסט פון דער היים, וועלכער אָבער האָט זיך שוין אין אַמעריקע „באַרויקט״ — דאָס אָפּטועענדיק, פאַרשווינדט אורי דאָן, ער ווערט נישט, ווי דער „לעבעדיקער מת״ אין טאָלסטאָיס דראַמע.

איז דאָ נאָך אַמאָל די פראַגע: ווי קומען אַהער די ציימונגס־לייט? און וואָרעם זאָלן זיי זיך פילן געטראָפן פון אַזאַ מעשה?

אָט דאָס איז דער בריק, איבער וועלכן די ציימונגס־לייט קומען אַריבער אין דער דראַמע:

אַנדערש פון די טויזנטער געוועזענע אידעאַליסטן, וואָס פון נאַטור זענען זיי געווען אימיטאַטאָרס — נאָכזאָגער פון פראַזן; נאָכטוער: רעוואָלוציע איז געווען אין דער מאָדע; אַלע זענען געווען רעוואָלוציאָנערן, געליאַרעמט, געשומעוועט, האָבן זיי נאָכגעטון — אַנדערש פון די אַלע „געוועזענע" איז אורי דאָן נישט געווען קיין פראַזן־דרעשער; ער איז גרייט געווען אויף אמתע קרבנות; און רעוואָלוציע איז ביי אים געווען אַ חלום, וואָס ער האָט אויסגעטראָגן אין דער טיפעניש פון זיין האַרצן; ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער פאַר דער נשמה זיינער. און ער, דער אמתער אידעאַליסט פון דער היים, קומענדיק קיין אמעריקע, איז ער מער פון אַלץ געקרענקט געווען פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער די „געוועזענע" האָבן זיך איבערגעקוליעט. איינס צוויי און זיי האָבן שוין פאַרראַטן! די ערשטע און הויפּט־מצווה איז פאַר זיי אויך דאָ גלייך געוואָרן — דער קאָמפּראָמיס, די פשרה, די נשמה־פאַרבייגונג. אידעאַלן אָן אַ זייט, פריִער פון אַלץ לעבן, און לערן זיך הנאה האָבן פון לעבן, פאַסמאַקעווע זיך באַצייטנס מיטן זאַטן ביסן. און וואָס גרעסער די הנאה און וואָס זאַטער דיין ביסן, אַלץ אַ בעסערער אַמעריקאַנער ביסטו. און פאַר דער גרעסטער עברה איז ביי זיי אויך פאַררעכנט געוואָרן צו בלייבן אַן אָרעמאַן. נישט „אַרויפצואַרבעטן" זיך. דאָס איז שוין גאָר אומאַמעריקאַניש — גרינהאָרן־צושטאַנד.

און מעגסט און מוזט טון אַלץ — אַפילו אָנשפּייען זיך אַליין אין דער נשמה איז דיר דערלויבט — אַבי צו דערגרייכן דעם צושטאַנד פון געהייבענער שמאַלציקער אַמעריקאַנישקייט. און ביסטו פון דער היים אַן אידעאַליסט און ווילסט אויך נאָך דאָ גילטן פאַר אַן „אידעאַליסט", טראַכט זיך דיר דיינע אידעאַלן בסוד פון דעם קאָמפּראָמיס; נאָכן פעטן מאָלצייט, וואָס דער טריפהנער „דזשאַב" האָט דיר צוגעשטעלט, „דרשן" זיך דאָ דיינע אידעען — פאַר אַ געשמאַקן צוביס. סיידן דאָס ווערט דיין פרנסה, ביסט אַ פּראָפעסיאָנעלער בעל־דרשן — אַ פּאַרטייטוער, אַ יוניאָן־טוער, צייטונגס־מאַן. דעמאָלט מעגסטו שיסן מיט פראַזן, וויפיל דיין האַרץ גלוסט.

דאָ קומט דער צעבויפשטויס פון אורי דאָן מיט די צייטונגס־לייט.

די מעשה איז, וואָס אורי דאָן אין זיין קאַריערע אין אַמעריקע, האָט שוין אויסגעפּראָבירט די אַלע „דזשאַבס" — אין אַמעריקע, בפרט אין אַמעריקע פון די „פּראָספּעריטי"־יאָרן, זענען דאָס מערסטנס געווען „דזשאַבס" — און ער, אורי דאָן האָט מיט עקל זיך אָפּגעוואָרפן פון זיי, פאַלן זיינע ביטערסטע פאָרווורפן

אויף די קעפּ פון אָט די „דזשאַבס־האָלדערס". אָ, „סטיקן" זיי צו זייערע דזשאַבס! אָ, „ענדזשאַיען" זיי זייער גוטן ביסן — דאָס „ביססען" ווילטאַג!...

גראַדע אין דעם מאָמענט, ווען די דראַמע הייבט זיך אָן, איז אורי דאָן אין זיין גרימיגסטן געמיט. ער האָט דערפילט, אַז דער אַמעריקאַנער לעבנס־סדר וויל שוין אים אויך אַריינצײַען אין שפּאַן. האָט ער זיך געשטיקט, געשטיקט, אָבער מער קאָן ער שוין נישט. דער לעצטער טראָפּן, וואָס האָט איבערגעפילט דעם כוס, איז געווען אָט יענער סטאָר, אין וועלכער זיינע קרובים, בראש מיטן רייכן אָנקל, אַ בילדינג־קאָנטראַקטאָר, האָבן אים אַריינגעזעצט. וואָס־זשע דען טוט מען מיט אַזאַ „שלימזל", וועלכער קלעפּט נישט, וועלכער „סטיקט" נישט און וואַרפט דזשאַבס, וואָס זענען אים נישט צום האַרצן? האָבן זיי אים געעפנט אַ סטאָר, אויסגעהאָנגען אַ שילד מיט זיין נאָמען „אורי דאָן" אין באַגילדעטע אותיות און אַרומגערינגלט מיט בלישטשענדיקע עלעקטרישע לעמפּעלעך. זיי אַ ייִד אין אַמעריקע און האַנדל! — האָבן זיי אים אָנגעזאָגט.

ער האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט פּראָסט־פּשוט פאַרשלאָסן די סטאָר און מער וויזט ער זיך נישט דאָרטן. אַן אַרבעטער וויל ער ווערן. אָבער גראַדע אַרבעט וויל מען אים נישט געבן. עפּעס דערקענט מען אָן זיין פּנים, אַז קיין אַרבעטער איז ער נישט. וואָס דאַרפט איר מער — זיין אייגענער אָנקל, וועלכער באַשעפטיקט אַזויפיל מענטשן ביי זיינע הייזער, ווען אורי דאָן איז געקומען צו אים בעטן אַרבעט, נאָך זיין געזעגענען זיך מיט פּאַרטייען, יוניאָנס און צייטונגען — זיין אייגענער אָנקל האָט אים אָפּגעזאָגט: אַ סטאָר וועט ער אים עפענען, אָבער אַרבעט וועט ער אים נישט געבן!

איז אורי דאָן פאַרצווייפלט — אַ ווייב, און אַ קינד און אַן אַלטע מוטער, נאָר־וואָס פון דער היים אַראָפּגעבראַכט — און אין זיין פאַרצווייפלונג רעדט ער גאַליקע, פאַרסמטע רייד קעגן דעם קויף־פאַרקויף וואָס גייט דאָ אָן מיט האַרץ און נשמה. און פון אַלע זיינע פּראָטעסטן דער שאַרפסטער איז געווענדט, ווי געזאָגט, קעגן די פּאַרטיי־טוער, יוניאָן־טוער און צייטונגס־לייט, — ספּעציעל די צייטונגס־לייט. אורי דאָן מאַכט זיי נישט פאַר קיין אויסנאַם פון פאַרדאָרבנ־קייט — אָבער די פּאַרטיי־טוער רעדן דאָך אויך דורך דעם צייטונגס־מאַן. ער איז זייער מליץ־יושר, זייער גוט־זאָגער. ער פאַרטרעט זיי. רופן די צייטונגס־לייט זיך אָפּ. זיי זענען די עמפּינדלעכסטע. זיי האָבן אַ בייזן גע־ויסן — די צייטונגס־לייט, זיי, וואָס האָבן זיך אַ פּראָפעסיע געמאַכט פון בייגן זייער פּען צו זייער דזשאַב. די לינק־געשטימטע, די לינק־באַרעדעווודיקע צווישן

זיי זענען נישט ווייניקער בייגעוודיק מיט דער פען. נאָכן פאַרזוכן דאָס שטי־קעלע דבר־אחר, ווישן זיי אָפּ די וואָנצעס און לאָזן זיך ווילגיין מיט לינקע פּראָזן — צווישן אייגענע מענטשן.

איז דען אַ וווּנדער, וואָס זיי זענען אויפגעבראַכט אויף זייער אַמאָליקן קאָלעגע אורי דאָן?

אייגנטלעך פאַרנעמט זיך נישט אורי דאָן צופיל מיט דעם — בלויז צוויי אויסדריקן האָט ער אַזעלכע — אין דער גאַנצער דראַמע, און אַ דריטן מאָל, ווען דער פריינט, וואָס איז געקומען פון דער וועסט, פרעגט, פאַרוואָס זעט מען נישט אורי דאָן אין די צייטונגען און פאַרוואָס הערט מען נישט וועגן זיינע טור־אונגען אין דער פּאַרטיי און אין די יוניאָנס? — און ער באַקומט אַן ענטפער: אורי דאָן האָט איבערגעריסן יעדן פאַרקער מיט זיי:נישט ער צו זיי, נישט זיי צו אים שמעקן אַרייך, אָפּגעשניטן און אויס!

אָבער דער גאַנצער צאָרן פון דער דראַמע קעגן קאָמפּראָמיס, פּשרה, און נשמה־פאַרקויף, איז אַדרעסירט צו זיי. אַפילו ווען זיי ווערן נישט דערמאָנט. עס איז געצילט ערגעץ אין דער לופטן, טרעפט עס זיי. ווייל דער „קאָמפּראָמיס איז אַ מאָראַלישער קאָמפּלעקס פון די געוועזענע אידעאַליסטן". נאָך מער: עס איז אַ ריין שרייבערישע איבערלעבנוג. די נישט־אידעאַליסטן, די פּשוטע בשר־ודמס אין דעם לעבנס־סדר, זעלטן ווען זיי שפירן דעם קאָמפּראָמיס. זיי זענען פאַרזונקען אין אים — איז דאָס זייער נאַטירלעכער צושטאַנד. ערשט ווען מען טראָגט אַריבער אָט די שרייבערשע קאָמפּראָמיס־איבערלעבונג אין לעבנס־סדר אַריין, ווי לייוויק שילדערט עס אין דער דראַמע „באַנקראָט" — דערזעט מען, ווי שטאַרק עס הערשט און געוועלטיקט דאָרט דער געמיינער קויף־פאַרקויף.

אורי דאָן טראָגט זיי אונטער זייער אייגענעם קאָמפּראָמיס צו שמעקן. ער שטעכט זיי אין די אויגן; קראַצט זיי אין די פּנימער און גראָבלט זיי אין די הערצער מיטן קאָמפּראָמיס. רייצט ער זיי און רעגט זיי. דער גאַנצער טיפּ מענטש איז זיי דערווידער, ער דענערווירט זיי. אורי דאָן איז זייער פאַרלייקע־נונג. יעדער איינער פון זיי זעט אין אים אַ פּערזענלעכן שונא. אויב זיי באַ־טראַכטן אים נישט פאַר אַן אויסוווּרף, האַלטן זיי אים פאַר אַ בטלן, אָדער פּשוט פאַר אַ משוגענעם — אָ, דער צעדרייטער פּאָעט! — אויס דעמזעלביקן טעם, וואָס די קרובים: וואָס הייסט אַ מענטש וואַרפט זיך מיט דזשאָבס? — און אַ ווייב און אַ קינד און אַן אַלטע מאַמע דערצו! — אָט די אַלע שיינע תירוצים פאַר יעדן

מיאוסן קאָמפּראָמיס. און אַלס משוגענעם פאַרמשפּטן זיי אורי דאַן אונטער די אויגן צום טויט — און מיט אים אויך לייוויקס דראַמע אַרום אים.

איז מיר טאַקע אַ חידוש, פאַרוואָס לייוויק (דער רעזשיסאָר קאָן עס טון פאַר אים) — האָט נישט אַריינגעפירט אַ ציימונגס־רעפּאָרטער אין דעם געזעמל פון די שכנים, וואָס קומען אין פערטן אַקט פּראָווען אַ לוויה איבער דעם נאָך לעבעדיקן אורי דאַן, מיינענדיק אַז ער האָט זיך געהאַנגען. — אַ ציימונגס־מאַן וואָלט זיך זייער געפּאַסט אין דעם געעזמל פון די פאַראורטיילער צום טויט. ער וואָלט געקאָנט ווערן אורי דאַנס הויפּט־אָנקלעגער.

און אַ צווייטע אייגנאַרטיקייט פון „באַנקראָט" איז איר געבוי. דאָ מיין איך נישט די אויסערלעכע טעכניק. טעכנישע שוועריקייטן לאָזן זיך בייקומען. נאָר די פּיעסע האָט אַן אייגנאַרטיקן אינערלעכן געבוי. די מעשה איז, וואָס די גע־שעענישן אין דער דראַמע זענען נישט קיין דירעקטע אָנטרייבער פון די האַנד־לונגען און באַשלוסן פון דעם הויפּט־העלד. אויף אַן אַנדערן וואָלטן זיי גאָר נישט אַזוי געווירקט. קיינער טרייבט אים נישט, קיינער יאָגט אים נישט אין קאַרק, קיינער שטופּט אים נישט מיט געוואַלט אין אַן אָפּגרונט אַריין. פאַרקערט:

זיין פרוי רעי, איז גוט און געטריי, און נעמט אָן פאַר ליב אַלץ וואָס ער טוט. האָט ער פאַרשלאָסן די סטאָר, מסתמא האָט ער געדאַרפט אַזוי! — פאַר־שטייט זי אים יאָ אָדער פאַרשטייט זי אים נישט. אַלץ וואָס ער טוט, איז גוט. זי איז גרייט אַליין צו גיין אַרבעטן אין שאַפּ — און זי גייט, נישט פערגנדיק ביי אים. געפעלט אים נישט, איז ביי איר אויך רעכט. וועט זי נישט גיין.

און ווען עס קומט פון דער וועסט דער אַמאָליקער לוריא — דערזעלביקער, וועלכער איז געווען פאַרליבט אין איר, און וועמען זי האָט פאַרבראַקירט צוליב אורי דאַן — האַלט זי אים פעסט אין די גרענעצן. אורי קאָן צו יעדער מינוט אָננעמען לוריאן ביים קאָלנער און אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּן, אויב ער וואָלט עס פאַרדינט. ער ווייס, אַז ער קאָן אויף זיין פרוי זיך פאַרלאָזן.

און רעי איז שטאַלץ און טאַקטפול גענוג נישט צו ווייזן קיין שום איי־פערזוכט, ווען אָן איר ווילן באַשטעלט ער זיך צו גיין אין טעאַטער מיט דער נאַרוואָס־אַראָפּגעקומענער יונגער שיינער קוזינע זיינער — סאָפיע, וואָס וווינט ביי זיי.

און אָט די קוזינע זיינע — זי געדענקט אים נאָך פון איר קינדהייט, אַלס דעם העלד אורי, און איר קינדערשע התפעלות טראָגט זי אַריבער אויף דעם איצטיקן אורי דאַן. סאָפיעס ליבע האָט געקאָנט פירן צו אַ טראַגעדיע, האָט גע־

קאָנט מאַכן אַ געוואַלט־ריס ביי אים און ביי רעי אין די הערצער — אָבער אַז ער הייסט איר גיין אין טעאַטער מיט רעי, נישט מיט אים — גייט זי; און אַז ער הייסט איר אין גאַנצן פאַרלאָזן דאָס הויז, פאָלגט זי.

און אַפילו די משפחה, וועלכע קומט זיך צונויף אין דריטן אַקט, מיטן רייכן אָנקל בראש, צו מאָנען פון אים חשבון פאַר דער סטאָר — און וואָס אונ־טער די אויגן דוכט זיך, אַז זיי וועלן אים אויף שטיקער צערייסן — אַפילו אָט די משפחה, ווען אורי קומט אַריין, צייגט איינגעהאַלטנקייט און דרך־ארץ, און זיי שטעלן זיך צופרידן דערמיט, וואָס אורי דערקלערט זיי אָפן, אַז ער האָט זיי פיינט — זייער! — און וואַרפט זיי צו די שליסלען פון סטאָר — און גוד באַי!... זיי מאָנען חלילה פון אים קיין חובות נישט, זיי זעצן אים נישט אין געפענגעניש. די שרעקלעכע משפחה איז אויך קיין אומגליק נישט.

און איז עס אַ געוואַלדיקער אומגליק, וואָס די שכנים און מענטשן פון גאַס, אין לעצטן אַקט, אויפגערודערטע פון דעם פאַלשן קלאַנג, אַז איינער, אַן אורי דאַן, האָט זיך אויפגעהאַנגען אין קעלער — זענען זיך צונויפגעלאָפן ביי אים אין דירה און באַרעדן אים, ווען ער הערט עס, און וועבן אויס אַ גאַנצע רכילות־נעץ אויף זיין קאָפּ, אַז ער איז געווען אַזאַ און אַזאַ, — וואָס פאַר אַ געוואַלדיקער אומגליק איז דאָס! — נאַרישע שכנים, נאַרישע רייד; אַזוי ווי זיי ווייסן נישט, וועט עס אים נישט שאַדן — גענומען און אַרויסגעטריבן זיי און פאַרטיק!

צוליב די אַלע אומגליקן, וואָס זענען קיין אומגליקן נישט, זאָל אַ מענטש באַשליסן אָפּצוטרעטן זיין פּלאַץ אין דער פאַמיליע צו דעם פריינט און אַליין נישט ווערן — פאַרשווינדן — ווי דער „לעבעדיקער מת" אין טאָלסטאָיס דראַמע?

נישט די מענטשן, נישט די געשעעענישן אַרום אים צווינגען אים צו אַזאַ שריט. אַלא וואָס דען? — און דאָס איז די אייגנאַרטיקייט פון דעם געבוי פון דער דראַמע. פאַראַלעל צו די געשעעענישן דרויסן פון אים, גייען אַנדערע געשעע־נישן אין אים. און די לעצטע באַווירקן זיינע באַשלוסן און האַנדלונגען. די אויי־טערלעכע געשעענישן זענען נאָר געלעגנהייטן, וואָס רופן אַרויס די אינערלעכע געשעענישן — די מעשה איז אין דעם, וואָס אורי דאַן לעבט אין אַ צושטאַנד פון זעלבסט־צעשטערונג. ער איז אונטער שווערע קלאַגעס פאַר זיין אייגענעם געוויסן. ער באַשולדיקט זיך, אַז ער איז אַליין נישט בעסער פון די אַלע אַנדערע. האָט ער איז דאָך דערפרייט, ווען דער אָנקל האָט אים אָנגעבאָטן צו עפענען אַ סטאָר. אדרבא, ער וויל זיך שוין באַרויקן, — „סעטלען". נאָך מער: אין די ערשטע

יאָרן, באַלד נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע, ווען ער איז נאָך געווען אורי דער העלד — איז ער שוין גרייט געווען איינצוגיין אויף דעם קאָמפּראָמיס מיט דעם אַמעריקאַנער שמאַלץ־טאָפּ. אַפּילו חתונה־געהאַט האָט ער מיט אַן אויג אויפן קאָמפּראָמיס. ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ ווייב — אַ גוטע, פיינע, געטרייע ווייב, אָבער דאָך אַ וואָכעדיקע ווייב, וועלכע האָט אים דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, פונקט ווי זי פאַרשטייט איצט נישט געניוי, וואָס אייגנטלעך טוט זיך דאָ מיט אים. — זי פאַרשטייט נישט, אַז ער איז אַ מענטש, וואָס דאַרף לעבן פאַר דער נשמה זיינער — אַז זיין נשמה פאַרטראָגט נישט, שטויסט אָפּ פון זיך יעדן קאָמפּראָמיס.

זיין געהיימע האָפענונג איז דעמאָלט געווען, אַז איינקנעטנדיק זיך אין וואָכעדיקן ווייב־לייב, וועט ער זיך איינקנעטן אין טייג פון אַמעריקע. — אמת, זי האָט פאַרגעצויגן אים צו לוריען, ווייל אַפּילו אַ וואָכעדיקע ווייב וויל אַ ביסל אַ יום־טובדיקן מאַן...

אָבער אָט איז סאָפי, די קוזינע זיינע ,זי איז דאָך יאָ אַ יום־טובדיקע; אינ־טויטיוו שפּירט זי, וואָס אין אים קומט פאָר; זי באַוווּנדערט די שיינקייט פון זיין פּראָטעסט. זי האָט ליב יענעם, דעם אמתן אורי. — אָבער דאָס טייג טאַקע נישט. אין זיין זעלבסט־באַשולדיקונג האַלט ער יענעם אורי פאַר אַ פאַררעטער. ווער־זשע דען האָט דעם ערשטן קאָמפּראָמיס געמאַכט — נישט יענער אורי? ער איז מלא־חמה אויף יענעם אורי. דער איצטיקער אורי וואָלט יענעם אורי אָנגעכאַפּט ביים האַלדז און אים דערוואָרגן. יענער אורי זאָל נישט געדאַכט ווערן. איז לכתחילה ווערט ער טאַקע פאַרכאַפּט פון סאָפיס ליבע, אָבער באַלד כאַפּט ער זיך צוריק. ער צערייסט דעם ליבעס־בריוו, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין אַ בוך, וואָס ער האָט איר געגעבן צו לייענען, און טרייבט זי אין גאַנצן אַרויס. — יענער אורי איז נישט ווערט קיין תחית־המתים! עפּעס אַ גרינדלעכערע אָפּעראַציע דאַרף ער מאַכן איבער זיך — אינגאַנצן אַרויסשניידן זיך פון דעם קאָמפּראָמיס־לעבן — עס זאָל קיין צוריקקער נישט זיין.

נאָר פאַר דעם איז ער נאָך נישט פאַרטיק — דווקא ווייל די פרוי איז גוט און נאָכגיביק — די קוזינע אויך, און אַפּילו די משפּחה — קאָן ער קיינעם נישט באַשולדיקן. פאַלט די גאַנצע משא פון זעלבסט־באַשולדיקונג אויף אים אַליין. ווערט ער צעשטויסן און צעריבן אונטער דער משא. פילט ער, ווי זיין נשמה דאַרט און קוואַרט און שטאַרבט אָפּ ווי די וואַזאָנע דאָ. — ווען זיי וואָלטן געווען שלעכט, ווען די פרוי וואָלט אייפערזיכטיק געוואָרן אויף דער קוזינע,

אָדער וואָלט אים אייפערזיכטיק געמאַכט אויף דעם פריינט — אַזוי צי אַזוי וואָלט ער אַ געלעגנהייט געהאַט אין כעס צו ווערן און אַן אויסרייד געהאַט צו אַנטלויפן פון הויז.

אָדער ווען די קוזינע איז נישט אַזוי הייליק פאַרליבט און וואַרפט זיך אויפן האַלדז, און רופט אומישנע אַרויס אייפערזוכט ביי דער פרוי און נעמט אים מיט כוח אַוועק פון הויז — וואָלט ער זיך אויך אַרויסגעריסן פון פּלאָנטער, און ווייניקסטנס אויף צוויי־דריי יאָר וואָלט ער געראַטעוועט געוואָרן, ביז די קוזינע וואָלט געוואָרן אַ ווייב, ווי אַלע ווייבער...

אַזוי אָבער, ווען אַלע זענען גוט און נאָכגיביק, קאָן ער ערגעץ נישט לויפן; דאַרף ער וואַרטן ביז די דרויסנדיקע געשעענישן וועלן גענוג פאַרטיק ווערן. ער זאָל דערפילן, ער זאָל איבערצייגט ווערן, אַז ער איז אַ זייטיקער, אַ פרעמדער, אַן איבעריקער, אַן אַרויסגעשטויסענער.

דערוויל דריקט און פרעסט אויף אים די שולדיקייט זיינע. און עס דוכט זיך אים, אַז וואָס אַ טאָג ברעכט ער אַלץ מער צוזאַמען; אָבער גלייכצייטיק שפירט ער, אַז עפּעס גרויסעס וואַקסט אין אים אַן; ברעכן ברעכט צוזאַמען די קאָמפּראָ־מיס־נשמה, וואָס ער האָט געלאָזט אין זיך אָנהאָדעווען; און וואַקסן וואַקסט אין אים דער גרויסער באַשלוס איבערצוררייסן, אַלץ אויפצוגעבן. ער וועט מער נישט אויסבייטן די נשמה זיינע אויפן ביסן ברויט. אַרבעטן יאָ, אָבער נישט פעלשן, נישט קרימען; נישט פאַרבייגן די נשמה זיינע צוליב אַ פּסולער פּרנסה. וויל ער ווייטער לעבעדיק בלייבן, מוז ער דערקלערן אַ בונט קעגן דעם גאַנצן אַמערי־קאַנער קאָמפּראָמיס, מיט וועלכן די יידישע קליינבירגערלעכקייט פּרוווט נאָכ־טאַנצן דער אַמעריקאַנער גרויס־בורזשואַזיע.

געדויערט עס. זיין אינערלעכער באַשלוס וואַרט אויף דעם אָנשטויס פון די געשעענישן דרויסן. און אַזוי גייט די אַנטוויקלונג פון דער דראַמע. דער דרוק פון די דרויסנדיקע געשעענישן — קלייבט זיך פּאַוואָליע אָן. נישט איין סיבה, נאָר אַלע צוזאַמען. די פרוי, די קוזינע, דער פריינט, די משפּחה — אַלע צוזאַמען פּרעסן.

אָבער אויף צוויי הויפּט־געשעענישן האָט אורי געוואַרט — ערשטנס, אַז רעי און לוריע זאָלן פאַרטיק ווערן איינס פאַרן אַנדערן. ליבן האָט זי ליב אוריין — אַ יום־טובדיקן מאַן! — אָבער פּסיכאָלאָגיש זענען רעי און לוריע אַ פּאַ־סיקערע פּאָר — זי איז זיכער נישט חושד, וואָס פאַר אַ טייער פּאָר־פּאָלק זי און לוריע זענען — און אַז אורי איז אַ זייטיקער צו זיי. אָבער אינסטינקטיוו

האַנדלט זי, ווי זי וואָלט עס יאָ געוווסט. — זי איז טאַקע אַפּגעהיט — זי איז פאָרזיכטיק נישט צו געבן לוריען קיין שום האָפענונג, אָבער חבר און פריינט וויל זי מיט אים זיין; און נעמט ביי אים אין דער שטיל הלוואות; און וואָס נאָך ערגער — ביידע זענען זיי מסכים, אַז ער, אורי, איז נישט קיין אַרבעטער פאַר אַ שאָפּ; און נישט פרעגנדיק ביי אורי, לאָזט זי זיך פון לוריען אַרויפנעמען אין שאָפּ ווו ער אַרבעט.

ביידע האָבן זיי איין הסכם וועגן אים, אורין!...

דאָס איז געווען גראַדע אין יענעם טאָג, ווען אורי האָט אַוועקגעשיקט סאָ־פיען פון הויז אויף שטענדיק, האָט ער עס זיך דערוווסט. קומענדיק אַהיים פאַר־נאַכט, נאָך אַן אומזיסטער אַרומזוכעניש נאָך אַרבעט, געפינט ער אויס, אַז רעי איז אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג — וווהין? — געריכט האָט ער זיך אויף אַ הונ־געריקער וועטשערע, ערשטע די מאַמע האָט געמאַכט אַ פיינעם מאָלצייט. פון וואַנען? — רעי האָט איר איבערגעלאָזט געלט. — פאַרדעכטיקט געלט! — און אָט קומט רעי מיט דער בשורה, אַז זי האָט געאַרבעט, און גלייך נאָך איר אויף דער שמחה, לוריע מיט אַ פלאַש וויין, — נישט נאָר הסכם האָבן זיי וועגן אים, אורין, נאָר זיי האָבן שוין שותפותע שמחות. — אַ פּאָר, אַ פּאָר!

לוריע, פון זיין זייט האָט עס שוין לאַנג געוווסט, די גאַנצע צייט געוווסט, אַז רעי איז מער זיינע ווי אוריס, — און אורי איז אַן אוזורפּאַטאָר. דערפאַר זיין העזה; זיין אויסגעשריי: „געמיינהייט״ — צום שלוס פון צווייטן אַקט, ווען ער מיינט, אַז אורי קריוודעט רעי מיט אַ ליבע צו סאָפיע; און נאָך אַ חוצפּהדיקער דערקלערונג אין דריטן אַקט, אַז ער קומט מאַנען רעיס חוב — אורי איז שולדיק אַ גוט לעבן וואָס ער, לוריע, האָט דאָס געקענט פאַרשאַפן... אַוודאי האָט ער עס איר פאַרויסגעזאָגט, ווען זי האָט אים אַוועקגעשיקט פון זיך!...

און אין פערטן אַקט, אין דעם טומל, ווען לוריא דערזעט אורין צוריק אַ לעבעדיקן, און אורי לאָזט אים נישט לויפן אָנזאָגן די פריילעכע נייעס צו רעי, רייסט זיך ביי אים אַרויס אין זיין אויפרעגונג: ביסט אַלעמאָל געווען אַן אומ־מענטש, ביסט איצט אַן אוממענטש — אַן איבעריקער, אַ פרעמדער, פאַרנעמט אומזיסט אַ צווייטנס פלאַץ, זיין, לוריאס, נאַטירלעך!... דערויף האָט אורי גע־וואָרט מיט זיין באַשלוס. — וואַרפט ער אים צו די שליסלען פון הויז.

און נאָך פריִער האָט רעי דעם צושויער געוויזן, אַז אונטערבאַוווסטזיניק האָט זי אויך געוואָרט דערויף. און דערפאַר אפשר האָט זי אַזוי לייכט זיך איינ־געגלויבט, אַז אורי איז טויט, ווייל אונטערבאַוווסטזיניק האָט זי עס געוווּנטשן.

אָט, ווען זי איז שוין ביי זיך זיכער געוועזן, אַז אורי איז טויט, איז זי צוגע־פאַלן צו לוריען, איינגעקלאַמערט זיך אָן אים: איצט טאָרט איר נישט אַוועק־גיין! — פאַרלאָזט מיך נישט! — — — מאַן און ווייב האָבן זיך געגומען...

און די צווייטע הויפּט־געשעניש אויף וועלכער ער האָט געוואַרט — איז דאָס באַגעגעניש פּנים־אל־פּנים מיט דעם אַמעריקאַנער קליינבירגערטום. — האָט ער צוויי אַזעלכע באַגעגענישן: איינע אין דריטן אַקט, ווען די משפּחה פאַלט אַריין, מיטן אָנקל בראש. נישט וואָס זיי פאָדערן און מאָנען איז אים שרעקלעך, נאָר וואָס צוזאַמען פּערזאָניפיצירן זיי די קאָלעקטיווע אַמעריקאַנישע חיה, וואָס שטעלט פּרעס העכער פון מענטש, העכער פון נשמה. וואָס מיר נשמה! — פּרעס און געלט צום פּרעס! זיי פאַרקערפּערן די קליינבירגערלעכע חיה, וואָס איז פאַר־גלאָצט, מיט יראת־הכבוד, אויף דעם מיליאָן דאָלאַר. און זיי מאַכן אַ חיהשן געוואַלט־געשריי: ער האָט פיינט דאָס לאַנד, ער האָט פיינט אַמעריקע. און ווי־באַלד אַזוי, וויבאַלד ער בוקט זיך נישט צום דאָלאַר — איז ער באַנקראָט! דער מענטש איז דאָך פּשוט באַנקראָט! — שרייען זיי און דער אָנקל באַקרעפטיקט עס נאָך: ער האָט בייזוויליק געטריבן די סטאָר צום באַנקראָט.

אָט די חיה־רעה האָט דאָס אים געהאַלטן אין פּלען. אָט די חיה־רעה האָט דאָס אים געוואָלט פאַרצוקן. אין דער געשטאַלט פון זיין משפּחה שטעלט זי אים אַרויס אויסער די גרענעצן פון לאַנד. ער געהערט נישט אַהער. אַ פרעמדער.

אָבער נאָך וויכטיקער איז אוריס באַגעגעניש מיט דער חיה־רעה אין פערטן אַקט, ווען ער קומט צוריק אויפן צווייטן טאָג נאָך זיין ערשטן פאַרשווינדן, און ער טרעפט די גאַס באַלאַגערט פון מענטשן און ביי זיך אין שטוב אַ געזעמל פון ווילד־פרעמדע — די שכנהשאַפט פון הויז און גאַס.

גרויסע קבצנים מסתמא די מערסטע פון זיי, אָבער נאָך מער ווי די משפּחה זענען זיי די קליינבירגערלעכע אַמעריקאַנער. דער דלות, וואָס לייגט זיך הונ־געריק, און חלומט אַ שמאַלץ־טאָפּ; געעצנדינעריש צום דאָלאַר, וועלכן זיי פאַר־מאָגן נישט. נאָך מער ווי די משפּחה זענען זיי די פאַרקערפּערונג פון דעם לעבן אונטער דעם אַמעריקאַנער קאָמפּראָמיס, וואָס פאַרקויפט די נשמה נישט פאַר אַ טאָפּ, נאָר פאַר אַ לעפעלע שמאַלץ.

די קרובים זענען דאָך אייגענע, קענען זיי האָבן פּרעטענזיעס, אָבער זיי פרעמדע זענען זיי, די אומפּערזענלעכע עפנטלעכע מיינונג.

ווי דער שטייגערס איז, טרייבן זיי רכילות; אוריס אַלע רייסענישן און ראַנגלענישן ווערן געטייטשט להיפּוך; אַ באַנקראָטשיק, אַ פוילענצער, נישט

געוואָלט אַרבעטן, די ווייב געשיקט אַרבעטן, געשפּילט אַ ליבע מיט דער באַר־דערקע, און פון זייערע רכילות־רייד וואַקסט אויס אַ קליינבירגערלעכע סטראַ־שידלע, אַ פּאַרזעניש, אַ פאַרטרעט פון אַ מענטשן, וואָס לויט זייער קליינ־בירגערלעכן קוק איז דער גרעסטער טויגעניכטס — אַ שונא פון דאָלאַר, אַ שונא פון לאַנד.

זיי מיינען בלויז צו באַרעדן און צו פּלוידערן, אָבער נישט ווילנדיק שטעלן זיי צונויף אַ גאַנצן באַשולדיקונגס־אַקט, לויט וועלכן זיי פאַרמשפּטן אים צום טויט, אונטער די אויגן .ער הערט עס.

זייער פראַגע: פאַרוואָס האָט אַ מענטש זיך געהאַנגען, ברענגט שוין מיט זיך זייער ענטפער: אָט דערפאַר — עס קומט אים. לויט זייער פּסק־דין האָט ער כשר פאַרדינט דעם טויט.

און נישט בלויז די פרעמדע — די אייגענע, די משפּחה, וואָס איז זיך צו־נויפגעלאָפן אין שטימונג פון חרטה — אַפילו די אייגענע פרוי, כאָטש זי איז אומגליקלעך און קלאָגט — זי איז דאָך די ערשטע געפאַלן אויפן חשד, אַז ער האָט זיך אָנגעטון אַ מיתה — אַלע האָבן זיי אַזוי געגלייבט, אַז ער דאַרף באַגיין זעלבסטמאָרד; איז דאָס אויך פון הינטן אַרום צוגעגעבן, אַז ער פאַרדינט דעם טויט — אַן אויסגעשפּילטער, וואָס בלייבט אים מער צו טון, ווי צו מאַכן אַ סוף צו זיך? ער געהערט נישט מער צו זייער לעבעדיקער וועלט.

איצט איז ער פאַרטיק געוואָרן מיט זיין באַשלוס. ער דאַרף שוין מער נישט רייסן, עס איז שוין במילא איבערגעריסן; עס וואָלט אים געווען שווער דער ריס, — דאָס געזעגענען זיך, זיי האָבן עס אים פאַרשפּאָרט; זיי זענען שוין גרייט, פאַר דעם — אַליין זיך צוגעגרייט. וויבאַלד זיי האָבן אים שוין אָנגענומען פאַר טויט, זאָל ער שוין בלייבן טויט פאַר זיי.

ער האָט געפאַסט זיין באַשלוס — ער וועט פאַר זיי נישט ווערן .

און אין דעם טומל, ווען דער אַמבולאַנס מיט די דאָקטוירים, פּאָליסלייט, קומט אָן, ווערט ער נישט. ווהין איז ער אַוועק? באַגיין זעלבסטמאָרד? גיכער נישט. ער דאַרף שוין נישט באַגיין זעלבסטמאָרד; ער האָט באַוויזן זיין מאַכט איבער זיך, נישט זיין אוממאַכט.

פאַר זיי, אין זייערע אויגן, איז ער באַנקראָט; אָבער אין זיינע אויגן, פאַר זיין געוויסן איז באַנקראָט, מאָראַליש באַנקראָט דאָס גאַנצע קליינבירגערלעכע

געמויזעכץ; דאָס קליינבירגערל, וואָס האָט זיך צוגעזויגן מיט מויל, האַרץ און נשמה צום נישט אַזוי אַמעריקאַנער שמאַלץ־טאָפּ, ווי צום שמאַלץ־לעפל.

באַנקראָט איז אפשר אורי דאָן; באַנקראָט איז אפשר אויך דער אַמאָליקער אורי, ווייל ער האָט נישט אויסגעהאַלטן די פּראָבע אין דעם נייעם לאַנד. אָבער דער נייער אורי איז נישט באַנקראָט. — פאַרקערט, ער קלייבט זיך ערשט לעבן; די אַלטע נשמה איז אים געשטאָרבן, אַ נייע וועט געבאָרן ווערן.

וווּהין וועט ער אַוועק? — לויט לייוויקס פּאָעטישן אויסדריק אין זײַנע לידער — אין מדבר וועט ער אַוועק, אין איינזאַמקייט, וווּ ער וועט לאָזן די נייע נשמה אָנוואַקסן אין אים — כדי אָנצוהייבן אַ ניי לעבן;אפשר אַז ער וועט צוריק־קומען, וועט ער צושטיין צו אַ באַוועגונג, וואָס ווייס פון קיין קאָמפּראָמיס נישט, וווּ מען פאַרקויפט נישט די בכורה פון דער נשמה פאַר אַ טאָפּ שמאַלץ.

און דאָס איז געווען דער גרויסער באַשלוס וואָס האָט זיך געצייטיקט אין אים: — אַוועקצוגיין...

דאָס איז אוריס אינערלעכע דראַמע, דער פאַרלויף פון די געשעענישן אין אים — מיט זייער פינאַל, אומגליקלעכן פאַר דעם אויסערלעכן אויג, אָדער גליקלעך פאַר זײַן געוויסן.

און אַזוי גייט די אַנטוויקלונג פון דער דראַמע: דער דרוק פון די דרויסנ־דיקע געשעענישן קלייבט זיך פּאַוואָליע אָן, ביז ער ווערט שטאַרק גענוג, אַרויס־צופּרעסן פון די געשעענישן אין אים אַ באַשלוס. נישט איין סיבה, נאָך אַ סך סיבות צוזאַמען. די פרוי, די קוזינע, דער פריינט, די משפחה — אַלע צוזאַמען פּרעסן.

פאַר אַ קורצן איבערבליק טיילן זיך די אַקטן אין אַזוי:

זײַן געמיט־צושטאַנד, ערב די דראַמע הייבט זיך אָן אין פאַרלויף פון ערשטן אַקט — מיד, אויסגעמאַטערט פון צען יאָר דחקות. ער האָט זיך גע־וואָרפן מיט דזשאָבס. ער האָט נישט געקאָנט איינשטיין אין דער פּאַרטיי, אין דער יוניאָן, אין דער צייטונג. זײַן האַרץ איז געזעגט געוואָרן פון דעם קאָמפּראָ־מיס, דורך וועלכן זײַן נשמה איז פאַרהאַנדלט געוואָרן פאַר ברויט. ער האָט זיך ביז אַהער געצווונגען, אָבער די סטאָר האָט אים דערלאַנגט דעם ענדגילטיקן קלאַפּ. „סטאָר דאָס איז אייביק״ — פּילט ער — אויף אַלעמאָל. צו יעדן קונה פאַרהאַנדלט ער אַ שטיק נשמה פאַר אַ ביסן ברויט. אויב ער וועט ווייטער אַזוי אָנגיין, וועט ער זיך אָנווערן אין גאַנצן. פאַר דעם האָט ער זיך דערשראָקן. און ער באַשליסט: נישט מער. נישט מער נשמה־האַנדל. אויס קאָמפּראָמיס, אַ סוף

זאָל עס נעמען. פּראָסטע אַרבעט וועט ער טון, אַבי נישט שאַכערן. אָבער גראָדע פּראָסטע אַרבעט איז פאַר אים נישטאָ. טאָ וואָס זאָל ער טון? ווו איז דער אויס־וועג? הענט און פיס געבונדן. מאַמע, קינד, ווייב.

יאָ, דאָס ווייב — וואָס ווייס זי דערפון? זי טרויט אים בלינד. זי טיילט גע־טריי זיין שלימזל מיט אים. אָבער צי טיילט זי זיין נשמה־פּראָטעסט. זי ווייס ער איז אַנדערש, אָבער מיט וואָס איז ער אַנדערש? אַז ער איז אַ מענטש, וואָס קאָן אַנדערש נישט, ווי נאָר לעבן פאַר דער נשמה זיינער, נישט אויף באָרג און אוודאי נישט אויף פאַלשער וואָג און מאָס — זי ווייס נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. זי האָט קיין אַנונג נישט, וואָס פאַר אַן איבערברוך איז עס פאָרגעקומען אין אים. און נישט ווילנדיק און נישט וויסנדיק, טרייבט זי אים צוריק אין דעם קאָמפּראָמיס־לעבן אַריין. אָט קאָן זי נישט באַנעמען פאַרוואָס זאָל ער טאָקע זיך נישט דורכגיין צו די קרובים און זיך דורכשמועסן מיט זיי.

אָבער אָט איז סאָפיע —די נאָרוואָס אַריבערגעקומענע יונגע קוזינע — בעת רעי טענהט כסדר, אין איר אומשולד פון נישט וויסן, אַז זי פאַרשטייט אים נישט, האָט יענע אין התפעלות פאַר זיך אַליין אויסגערופן ווי גליקלעך זי איז, וואָס זי פאַרשטייט אים אַזוי גוט... און נישט צו לייקענען, לכתחילה איז ער טאָקע פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר. נעכטן ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט איר אַריינגע־רעדט. און אָפּגערעדט זיך, מיט איר צוזאַמען אין טעאַטער גיין. און היינט — אַ בריוועלע אַריינגעלייגט אין דעם בוך וואָס זי לייענט, אָבער היינט אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפנדיק פון שאַפּ צו שאַפּ אין זוכעניש פון אַ דזשאָב, האָט ער גע־לאַכט פון זיך אַליין: אַ ליבעס־בריוועלע צו אַ קליינשטעטלדיקער מיידל האָט ער זיך פאַרגונען אָנצושרייבן. אַן אויסוועג האָט ער זיך געפונען! יענע איז פאַר־קאָכט אין דעם אורי, וואָס זי געדענקט, פון אַמאָל, אָבער ער איז שוין לאַנג נישט יענער אורי. אורי דאָן דער קאָמפּראָמיס־מענטש איז ער!

און אַפילו יענער אורי — איז יענער נישט דער אמתער פאַררעטער געווען — ווען נישט יענער, ווער־זשע דען? ער ווערט אין כעס — נישט נידער מיט יענעם אורי! אָט וועט ער זיך אַריינלאָזן אין אַן עסק מיט דער קליינשטעטלדיקער מיידל, כדי אָפּצולעבן יענעם אורי — מיט וואָס איז ער גאַראַנטירט, אַז יענער אורי וועט אים נישט נאָכאַמאָל פאַרראַטן? און מיט וואָס איז ער גאַראַנטירט, אַז די התפעלותדיקע סאָפיע, ווערנדיק זיין ווייב, וועט נישט ווערן דיזעלביקע וואָס רעי? זי איז נאָך נישט געפּרוווט געוואָרן. דאָס יוגנט־פייער וועט זיך אויסבלאָזן אין איר...

אמת, רעי איז נישט קיין פּאָר אים, אַ פרעמדער מענטש אין גאַנצן, אָבער וואָס איז זי שולדיק? שולדיק איז דאָך ער אַליין.. ער האָט דווקא אַזאַ ווייב זיך אויסגעקליבן — אַן ערלעכע, כשרע, איידעלע ווייב לייב...

און ער האָט באַשלאָסן אַז ניין. קיין ליבעריי מיט סאָפיע! אָ, דאָס בריוועלע, — פאַרדאַמט זאָל עס ווערן!...

ווען ער קומט פאַרנאַכט אַהיים, אַ צעבראָכענער פון אומזיסטער אַרומלויפעניש און אַ צעשמעטערטער פון זיינע אייגענע געדאַנקען, קומט אים סאָפיע אַנטקעגן מיט דער שמחה, אַז זי האָט שוין איינגעקויפט בילעטן פאַר היינט אָוונט צו גיין מיט אים אין טעאַטער — און כאַפּט זיך ערשט צו פרעגן: ווער רעי פאַריבל האָבן?

אַך, די נאַיווע קליינשטעטלדיקייט! זי ווייס אַפילו נישט, אַז זי איז פאַרליבט און ווייס נישט, אַז רעי מעג פאַריבל האָבן... אָבער מעג רעי יאָ פאַריבל האָבן אָדער נישט פאַריבל האָבן, — פון זיין זייט, אָפּצוטון איר אַזוינס — פע, מיאוס!

סאָפיע לאָזט אים נאָך וויסן, אַז זיין אַלטער פריינט לוריע איז דאָ. — לוריע — דאָס וואָלט געווען אַ פּאָר מיט רעי. גליקלעך וואָלט ער זי געקאָנט מאַכן. און ער, אורי, האָט עס זי ביי אים אויסגעכאַפּט. עס איז אין גאַנצן זיין שולד. רעי איז זיין קרבן, און ער וויל נאָך זי פאַר אַ גרעסערן קרבן מאַכן — פע, געמיין!

ער געפינט דאָס ליבעס־בריוועלע אין בוך, וואָס סאָפיע, צום גליק, האָט עס נאָך נישט געעפנט. ער צערייסט דאָס בריוועלע אויף פּיץ־פּיצלעך פאַר סאָפיען אין די אויגן. פון דעם שניט, וואָס דאָס האָט איר דערלאַנגט איבערן האַרצן, ווערט ערשט די נאַיווע געוואויר, אַז דאָס איז ליבע ביי איר אין האַרצן. זי פאַלט אַריין אין אַ היסטעריקע. און אורי בלייבט שטיין איבער איר, ווי אַ קאַלטער גזלן. דאָס שליסט דעם ערשטן אַקט.

דער ערשטער אַקט לאָזט איבער אַלץ נאָכן אַלטן, נאָר אורי אַ נאָך מער אויפגערודערטן, מיט אַ קאַלטן שטיין אויפן האַרצן...

מיט אַ שעה שפּעטער. די קוזינע האָט ער לייכט אָפּגעפּטרט. דאָס הייסט, די ליבע זייערע האָט ער געפּטרט. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער איז אורי דאָן, און יענער אורי איז שוין נישטאָ מער. איז אויס מיט איר אויך, מיט זיין ליבע צו איר, און מיט איר ליבע צו יענעם אורי. אויף אורי דאָן ווי ער איז איצט, האָט זיין פרוי מער רעכט, ווי זי.

מיט זיין פרוי איז אים שוין נישט אַזוי לייכט פאַרטיק צו ווערן, ווי מיט

דער קוזינע. אָט ווייס זי שוין, זיין פרוי, אַז ער קלייבט זיך היינט גיין מיט דעם מיידל אין טעאַטער — און נישט דער מינדסטער פאַר וווּרף, אדרבא, זאָל ער גיין. איז זי גאָרנישט חושד? פילט זי גאָר קיין אייפערזוכט נישט? אפשר יאָ. נאָר מיט איר שטאָלץ, מיט איר טאַקט, איז זי עס גובר אין זיך — דערשטיקט עס אַזוי, אַז עס דערגייט אַפילו נישט צו איר באַוווּסטזיין — נישט חשד און נישט די אייפערזוכט, איז דאָך מער מענטש פון אים. איז זי דאָך שטאַרקער פון אים. ער איז באַזיגט. צווינגט ער זי זי זאָל גיין אין טעאַטער אָנשטאָט אים. זי פאָלגט. זי וועט דאָך נישט אַרויסווייזן קיין אומצופרידנקייט. ער קאָן נאָך וואָס איבערדענקען.

זי וויל נישט זיין אייפערזיכטיק, אָבער די אייפערזוכט ברעכט זיך פאָרט דורך. זי אַנטלויפט פון סאָפיען אין מיטן וועג צום טעאַטער. ווי נישט איז דער־פילט זי, דאָס האַרץ זאָגט איר — אַז צווישן סאָפיען און אורין איז דאָ אַ נעענטערע שייכות, ווי צווישן אורין און איר, וואָס זענען מאַן און ווייב. קערן זיי זיךביידע אום — נישט צוזאַמען.

און ווידער אַמאָל קיין פאָרוווּרף — זי איז נאָך שטאַרקער, ווי ער האָט געדענקט. אַפילו ווען די אייפערזוכט צערייסט איר דאָס האַרץ, גלייבט זי זיך אַליין נישט. זי איז אָן אַ שיעור מער מענטש, ווי ער. זי איז די גיבורטע, נישט ער. ערשט שפּעטער, וועט זי זיך קלאָגן פאַר אים, אַז ס'איז איר קאַלט, ס'איז איר אומעטיק. — נישט מער. ער מוז די סאָפיען אַרויסרייסן פון האַרצן מיטן וואָרצל, אינגאַנצן זי אַרויספּטרן פון הויז — באַשליסט ער ביי זיך. ער איז אין גאַנצן רעיס.

סאָפיע און רעי קומען אָן — נישט צוזאַמען — פּונקט אין צייט, ווען דער פריינט לוריע האַלט אין מאָנען פון אים אַ חוב — נישט אַ חוב וואָס אים קומט — וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער, רעי האָט דאָך אים נישט ליב! — נאָר אַ חוב וואָס קומט רעי. אורי האָט רעי נישט ליב — נעמט זיך יענער די חוצפה צו זאָגן. עס איז דאָך אמת! אָבער עס איז דאָך נישט אמת. האָט ער דען נישט נאָר־וואָס געמאַכט אַ סוף צו דעם ליבע־שפּיל צווישן אים און סאָפיען. אָבער יענער נעמט זיך נאָך מער חוצפה: עס איז אַ „געמיינהייט“ — שרייט ער אויס, ווען די צוויי פרויען, נערוועזע, צעטראָגענע, אומגליקלעכע קומען אָן. „געמיינהייט“ — און אַ קלאַפּ מיט דער טיר. און דאָס דערמאָנט אורין, אַז רעי: איז אין עצם מער לוריעס ווי זיינע. און דאָ איז אַן אומשולדיק מיידל, וואָס ער צעברעכט אפשר איר גאַנץ לעבן. וואַרפט ער זיך צווישן סאָפיע און רעי און צוריק...

קומט אָן דער אָנקל, ווען ער איז שולדיק אַזאַ גרויסן חוב פֿאַר דעם לעצטן גרעסטן קאָמפּראָמיס — מיט דער סטאַר — דער אָנקל, וועלכער פֿאַר־קערפּערט זיין קאָמפּראָמיסלעכן לעבן הונדערטפּאַך — זיינע צען יאָר פֿאַרקויפֿט־קייט און צוגעבודנקייט קוקן אים אָן אין דער געשטאַלט פֿון אָנקל.

בלייבט ער שטיין אַ פֿאַרלאָרענער, אין אַ קלעם, אין אַ דרייפֿאַכן קלעם. צווישן רעי, סאָפֿיע און אָנקל — ער איז שטום, ער קאָן קיין וואָרט נישט אַרויס־רעדן — דאָס שליסט דעם צווייטן אַקט.

ער האָט סאָפֿיען אַרויסגעטריבן. אַ שמאַכטנדיקע לײַדיקייט, אַ בראַנדיקע וווּנד בײַ אים אין האַרצן — נאָר רעי זאָל אים בלײַבן פֿאַר אַן אָרעמען לעבנס־טרייסט. — דאָס איז געווען אין יענעם טאָג, וואָס ווי עס איז שוין אויבן דער־ציילט געוואָרן, רעי איז צו דער אַרבעט אַוועק, אָן זײַן וויסן, און זי קומט צוריק מיט איר שותּפֿותדיקן הסכּם מיט לוריען וועגן אים אורין, און וועגן זייער שות־פֿותער שׂמחה — פֿאַר אַ באַשטעטיקונג, אַז צווישן זיי איז דאָ אַ פּאַקטישע, פּסי־כאָלאָגישע צוזאַמענגעהעריקייט — כאָטש אָן דעם מינדעסטן סימן פֿון אומ־טרייהייט מצד רעי קעגן אים, אורין — אויב אים געפֿעלט נישט, וועט זי נישט גיין אַרבעטן; ער קאָן איר גאָרנישט אויפֿוואָרפֿן...

און נאָר־וואָס האָט ער אַזאַ שאַרפֿן האַרצנס־קרבן געבראַכט פֿון רעיס וועגן און רעי איז פּאַקטיש אַ פֿרעמדע, און נאָך פּאַקטישער זײַנע.

אָ, אין וואָס פֿאַר אַ לעבנס־ליגן ער איז דאָ אַרײַנגעפּלאָנטערט — אַ לעבנס־ליגן, וואָס דאַרף שוין אויף שטענדיק בלײַבן זײַן גורל...

און נאָר־וואָס איז דער אָנקל מיט דער משפּחה געווען — אַ טויזנטפֿאַכע פֿאַרקערפּערונג פֿון זײַן לעבנס־קאָמפּראָמיס — אַ הילכיקער פּאַטש אים אין פּנים, מיט אַ שפּיי אויף זיך אַליין באַגלייט. — איצט ווייס ער שוין אַזוי זיכער ווי ער לעבט, אַז ער וועט שוין אויף שטענדיק אָפּגעשניטן ווערן פֿון זײַן לעבנס־ליגן — אָפּגעשניטן ווערן. ער וועט פֿיזיש נישט קענען ווידערהאָלן דעם קאָמ־פּראָמיס ליגן — עקספּערימענט, — איז ער צוגעשטויסן צו זײַן לעבנס־ליגן, איז ער אָפּגעשטויסן פֿון זײַן לעבנס־ליגן; צוגעשטויסן, צוריקגעשטויסן — רונד אַרום אומבאַהאָלפֿנקייט, און לוריע, דער סאָלידער, זיכערער, רעיס מאַן און איינציקער אויסלייזער, שטייט מיט אַ פֿלאַש ווײַן אים קעגנ־בער און שטשירעט אויף אים מיט די ציין.

עס הייבט אים דער מוח! ער פֿאַרלירט שיעור נישט דעם זינען. ער טרינקט לחיים אויף לוריען, דעם פֿרייען וואַנדערפֿויגל, וואָס גאַנץ אַמעריקע איז זײַנע,

מיט רעי צוזאַמען. און אויף זיין פרויס ערשטן טאָג אַרבעט, און אויף דער וואָזאַגנע, וואָס דאָרט און קוואַרט און שטאַרבט, ווי די נשמה זיינע.

— איז ער שיכור, צי משוגע? — ניין, דאָס האָט זיך איבערגעריסן אין אים דער נאָפּל, וואָס האָט אים געהאַלטן צוגעקניפּט צו דער חיה־רעה, וואָס הייסט לעבן, וואָס איז געווען זיין לעבן ביז אַהער.

איבערגעריסן. אָבער ווו צו גיין, ווי צו גיין, ווייס ער נאָך נישט — אין כף־הקלע אַריין. — לחיים, לחיים! — דאָס שליסט דעם דריטן אַקט.

דעם פערטן אַקט פאַרשפּאַר איך מיר דאָ איבערגעבן — דער וועג ווערט אים אָנגעוויזן — אַוועק פון דאַנען — אין „נאָ מענס לענד" — אין לאַנד פון „לעבעדיקן מת" — אין מדבר אַריין...

***

זענען דאָ פאַראַן צוויי דראַמעס — אַן אויסערלעכע און אַן אינערלעכע. די דרויסנדיקע געשעענישן זענען נישט קיין דירעקטע מאָטיוון פאַר אוריס האַנדלונגען און באַשלוס. גיכער זענען זיי פאַר אורין בילדער, סימבאָלן, רמזים, וואָס דאַרפן אים דערמאָנען, ווו עס האַלט מיט אים, און ער דאַרף וואַרטן. דאַרף לאָזן די דרויסנדיקע געשעענישן פאַרטיק ווערן, — צו אויגנשיינדיקער, איבערצייגנדיקער בולטקייט — כדי ער זאָל קאָנען פאַרטיק ווערן מיט די געשעענישן אין אים — און באַשלוסן.

דאַרף זיין אַ צוזאַמענשפּיל צווישן אינעווייניק און דרויסן; ביידע מינים געשעענישן דאַרפן צוטרעפן אַקוראַט; דאַרפן קלאַפּן צוזאַמען; דעמאָלט קריגט די דראַמע אַ זין; און פון כאַאָס האַנדלונג, און פון שטילשטאַנד באַוועגונג — און אָנשטאָט אַ האָריזאָנטאַלע ליניע, אַן אָנגעשפּאַנטע, אַ שטייגנדיקע — אַ באַרג אַרויף; און עס ווערט אַ דראַמע, וואָס לאָזט זיך צוזען מיט פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס.

נאַטירלעך, איז עס גאָרנישט לייכט אויפצופירן אַזאַ דראַמע; צוויי פּאַראַלעלע דראַמעס דאַרפן אויפגעפירט ווערן מיט אַמאָל; און עס דאַרפן געפונען ווערן וועגן און מיטלען די אינערלעכע דראַמע אַרויסצוברענגען און צו דערפירן צו דערזעלביקער בולטקייט ווי די אויסערלעכע.

.1935

דער נס פון „נס אין געטאָ“

דאַכט זיך, אַז דאָס מאָל, ביי בן־עמיס אויפפירונג פון לייוויקס „נס אין געטאָ“, האָט מיט דער פרעסע גופא פּאַסירט אַ שטיק נס. געוויינלעך צו אַ שונד־פּיעסע זענען די קריטיקער זייער גנעדיק: וואָס איז דאָ צו מאָנען און צו דערוואַרטן פון אַ שונד־פּיעסע? אָבער ווען עס קומט צו אַן ערנסטער דראַמע, דעמאָלט גיבן זיי זיך אַ כאַפּ, ווערן מיטאַמאָל שטרענג און זוכן אויס פעלערן פון אונטער דער ערד. ווי־זשע דען וועלן זיי באַווייזן מבינות? און אויב דער „נס אין געטאָ“ האָט גובר געווען אָט די איינגעפעסטיקטע רעצענזענטישע שוואַכקייט, דאַרף עס שוין פאַררעכנט ווערן פאַר אַ פאַרדינסט פון דער דראַמע און פון דער אויפפירונג.

און די טעאַטער־קריטיקער האָבן דאָך געהאַט פּאַרטיקע כלי־זיין קעגן דער דראַמע: ערשטנס, די ניי־אימפּאָרטירטע טענה פון תל־אביב, וואָס איז געטענהט געוואָרן ביי „הבימהס“ אויפפירונג פון דוד בערגעלסאָנס „לא אמות כי אחיה“ — אַז טראַגישע געשעענישן, וואָס טוען נאָך אַזוי וויי, טאָרן נישט אַרויפגעפירט ווערן אויף ברעטער און געמאַכט ווערן צו שפּיל. עס איז אַ חילול־השם!

צווייטנס, די אַלטע טענה פון די ליטעראַטור־קריטיקער, אַז געשעענישן, וואָס זענען ערשט נעכטן געשען, דאַרף מען לאָזן זיך איינשטיין לכל־הפּחות אַ יאָרצענדליק, ביז זיי קריסטאַליזירן זיך אין זכרון און פרעסן אַרויס זייער זין.

דריטנס, די טענה, וואָס דער אַמעריקאַנער יידישער עולם פרעסט אַרויף אויף די טעאַטער־קריטיקער: לאָזט אים געמאַך! ער וויל געטרייסט זיין! ער וויל זאָרגלאָז זיין! ער וויל זיך אַמוזירן — און טעאַטער איז אַן אַמוזירונגס־פּלאַץ.

און ווען די אויפפירונג פון „נס אין געטאָ“ האָט זיך געשטאַרקט איבער די אַלע טענות — דאָס אַליין באַווייזט, אַז זי איז גאָר אַ גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג — סיי מצד דעם דראַמאַטורג און סיי מצד דעם רעזשיסאָר און זיין

גאַנצן אַנסאַמבל. נײַן, זי מאַכט נישט דעם צושויער־עולם זאַרגלאָז, זי מאַכט אים צום װײנען, זי ברעכט זײַן האַרץ, אָבער זי ברעכט נישט זײַן נשמה. זי טרייסט אים מיט אַ געהויבענער טרייסט; זי לאָזט איבערן פינצטערן אומגליק, וואָס דריקט צו דער ערד, אויפגיין אַ ליכטיקע זוּנג, וואָס שטרעקט די נשמה אין דער הויך. דער עולם גייט אַרויס פון טעאַטער יום־כּיפּורדיק געשטאַרקט און באַהאַרצט מיט דער טיפער איבערצייגונג, אַז דער ייִד שטאַרבט נישט; דער ייִד איז פאַרשריבן צום אייביקן לעבן. וואָס דאָס האָט זיך געפאָדערט פון דער דראַמע. וואָס דאָס איז אָן אַ שיעור נייטיק געוועזן. ווי וואָלט אונדז געווען, ווען די מיליאָנען וואָלטן געשטאָרבן דעם טויטן טויט, נישט דעם לעבעדיקסטן טויט אין העראָיזם. מיר וואָלטן דאָך מיט זיי מיטגעשטאָרבן, נישט געקוקט אויף אונדזער גאַנצער זאָרגלאָזיקייט. וואָס פאַר אַ ייִדישן שטאָלץ וואָלטן מיר איבערגעגעבן צו די קינדער — דעם "שטאָלץ" צו באַלאַנגען צו אַ פאָלק, וואָס גיט אַוועק מיליאָנען נפשות — און גאָרנישט? דער „גאָרנישט" וואָלט געוואָרן מלאך־המוות פאַר אונדזערע קינדער...

און דאָס איז דער צווייטער נס פון דער דראַמע און פון דער אויפפירונג פון „נס אין געטאָ". דער דראַמאַטורג האָט דאָך געדאַרפט געפינען די מענטשן, און די כאַראַקטערן, און די סיטואַציעס, און די אידעען און די רייד, און דער רעזשיסאָר — די אינסצעניזירונג און די פאַרקערפּערונג, איבער דער בינע זאָל אויפשוועבן די נבואה אויף „נצח ישראל לא ישקר". צוגעגעבן, אַז דאָס איז אומגעהייער שווער. עס איז שווער צו נעמען טראַגישע געשעענישן, וואָס טוען נאָך אַזוי ווי, נעמען זיי הייסערהייט נישט אָפּגעקילטע, נישט קריסטאַליזירטע, נאָך צען יאָר איינגעשטאַנענקייט, און דערלאַנגען זיי אויף דער בינע מיט קינסטלערישן עפעקט, אָבער אַז מען מוז! אַז עס איז אַזוי נייטיק! און נויט ברעכט אייזן אַפילו אין קונסט.

און צום דריטן מאָל איז אַזאַ דראַמע שווער צו שרייבן און צום אויפפירן, ווײַל דער ייִדישער טעאַטער איז נישט געוווינט צו ווירדיקער, וואָגיקער, מיט שווערן ייִדישן גורל אָנגעלאָדענער דראַמע. און דער סעקרעט פון טעאַטער איז, אַז ער שפּילט אַריין סײַ די שפּילער, דעם רעזשיסער איינגעשלאָסן, סײַ דעם דראַמאַטורג. צום אַריינשפּילן פאָדערט זיך וואָס אָפּטערע בינע־דערפאַרונג. אויך דער צושויער־עולם דאַרף אַריינגעשפּילט ווערן. דער זעלביקער עולם, וואָס לאַכט אַ בויך־געלעכטער פון שונד, קען אַריינגעשפּילט ווערן אין אַ טראַגעדיע, וואָס מאַכט זײַן האַרץ פאַרציטערן. דאָסזעלביקע גילט אויך פאַר דעם צושויער־קרי־

טיקער. זאָג איך עדות, אַז איך בין אַריינגעשפּילט געוואָרן גלייך ביים ערשטן מאָל זען די פּיעסע — צו דער פּרעסע־פאָרשטעלונג: איך האָב געזען נישט נאָר וואָס די אויגן האָבן מיר צוגעטראָגן פון דער בינע, נאָר אויך דעם צושפּיל און דעם אויבער־שפּיל, וואָס דאָס שפּילן אויף דער בינע האָט אָפּגעגעבן פון זיך — וואָס אַזוי דאַרף זיין ביים גוטן שפּילן, וואָס דאָס רופט מען קונסט־עפעקט.

און פון שטאַנדפּונקט פון צושפּיל און אויבער־שפּיל, ווו איז דער הויפּט־נס פון „נס אין געטאָ״? — דאָס, וואָס אַלע דריי פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען — די בונדיסטן, פּועלי־ציוניסטן און קאָמוניסטן — האָבן געמאַכט יד־אחת, וואָלט געווען אַ שטיקל נס אונטער די אומשטענדן פון אַמעריקע, אָבער דאָרט אין דער טויט־סכנה איז עס געווען אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט. און דאָס, וואָס די שווערע האַרעפּאַשניקעס, די משא־טרעגער, זענען צוגעשטאַנען, איז אויך געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. אָבער דאָס, וואָס כל ישראל איז צוגעשטאַנען, די פרומע פון די פרימסטע, די איינגעוויקלטע אין טליתים, וואָס דורך טויזנטער יאָרן זענען זיי געווינט געווען צו גיין ווי שאָף צו דער שחיטה, אָן ווידערשטאַנד, אָבער אין גאולה־בטחון — זיי האָבן זיך גענומען צו די ביקסן — דאָס דער הויפּט־נס. און די טרעגער־צושטעלער פון דעם הויפּט־נס זענען צוויי:

דער וויסער יצחק (געשפּילט פון מנחם רובין) און ישראל (געשפּילט פון יעקב בן־עמי). די אָפּט זיך אָפּבייטנדיקע סצענעס, אַרויסגעשפּאַרטע פון איין הינטערגרונט, די דערוואַרטעטע ליקווידאַציע פון דער געטאָ, זענען אָנגעשפּאַנט־געבויגן צו גיין אָן עליה אויף טרעפּן צו אַ שטייגנדיקן נשמה־עקסטאַז. און די ליפעראַנטן פון דעם שטייגנדיקן עקסטאַז זענען עס די צוויי — דער וויסער יצחק און ישראל.

דער ערשטער אַקט איז באַהערשט פון וויסן יצחק. אַ פּאָלקסטימלעכער רבי, פון די בראַצלאַווער חסידים, וואָס אָפּיציעל האָבן זיי קיין רבין נישט, נאָר איי־נער פון זייערע דאַרף זיך אַנטפּלעקן פאַר אַ צדיק. אַליין אַ האַרעפּאַשניק. אין אַט דער שעה פון פּיקוח־נפש, ווען 40 טויזנט ייִדישע נפשות זענען אין סכנה אומגעבראַכט צו ווערן, שמעלצן זיך אין אים צענויף דער רבי און דער האַרע־פּאַשניק, און ער איז מתיר, אַז גאולה־בטחון זאָל שליסן אַ ברית מיט דער ביקס. און עס איז די פיינקייט פון מנחם רובינס שפּילן, וואָס מיט פּשוטער פּאָלקס־טימלעכקייט גראַדקייט מאַכט ער די געשטאַלט גלויביק. און עס זענען דאָך געווען אַזעלכע פּאָלקסטימלעכע צדיקים. זעקס רבנים פון מיר און אומגעגנט זענען צוגעשטאַנען צו די פּאַרטיזאַנען. די הערשנדיקע שטימונג פון ערשטן אַקט

איז נאָך אַלץ בטחון: אויסהאַלטן, ביז די גרויסע יידישע וועלט, ביז די יידן פון אַמעריקע וועלן דערהערן, און זיי וועלן נישט דערלאָזן, אַז דער צורר זאָל דורכפירן זיין העלישע מחשבה, געבן אַזוי לאַנג ווידערשטאַנד, ביז דער פוילישער הינטערגרונט וועט צושטיין, אָדער, לכל־הפחות, צושטעלן געווער. און דאָס איז דער ווייסער יצחק, וואָס גיט צו גאַנצקייט דעם ערשטן אַקט. מיט זיינע רייד און האַנדלונגען אָטעמט ער אַריין בטחון אין די פרומע און פרייע, זיין הויך־פונקט דערגרייכט ער צום שלוס פון ערשטן אַקט, ווען נעמענדיק זיך צו דער ביקס, הייבט ער אויף זיין עדה חסידים פון סדר־טיש, און מיט אַ ניגון אויף „געוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מייאש!" פירט ער זיי מיט אַ ריטמישן גאַנג צו די ביקסן, און עס איז דער פאַרדינסט פון בנימין צמח, וואָס ער האָט די זינגענדיקע פּראָצעסיע פון די חסידים, מערסטנס סטאַטיסטן, אומבאַמערקט פאַרן אויג, איבערגעאַרבעט אין אַ טאַנץ אויף עלית נשמה, וואָס דערלאַנגט זיך אין צושויער־זאַל מיט אַזאַ עפעקט, אַז דער גאַנצער טרויער, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די הערצער, גיסט זיך פּלוצלונג איבער אין פרייד...

אָבער שוין אין ערשטן אַקט נעמט ישראל (יעקב בן־עמי) אָנזאָגן, אַז ער וועט ווערן די צענטראַלע פיגור, וואָס וועט דערפירן דעם אָנגעהויבענעם נס ביז צו זיין לאָגישן שלוס. ער וועט אַזוי גיך נישט אויסבייטן כל ישראלס גאולה־בטחון אויף אַ ביקס. ער איז אַ תלמיד פון ווייסן יצחק און ער האָט זיך נאָר־וואָס אומגעקערט פון לובלין, ווו זיין גאַנצע משפחה — די דערוואַקסענע מיט די עופּהלעך — זענען פאַרברענט געוואָרן אין קאַלך־אויוונס. און ער פאָלגט נישט זיין רבין. ער איז אַ מקובל און משיח־דערוואַרטער, כאָטש ער זאָגט עס נישט אַרויס. אַ ביקס איז אים ווייניק. דער גרויסער נס, דער נס פון אַלע נסים, דאַרף איצט געשען. פון די רייד, וואָס ער לאָזט הערן: „וואָס טויג אייך אַ ביקס? קענט איר ווערן אַ בעסטיע ווי דער שונא? קענט איר רייסן די גערגעלעך פון קליינע קינדערלעך? זיך אויסגלייכן מיט דעם שונא אין רציחה קענט איר דאָך נישט; איז דאָס נישט דעם יידנס וועג". איבער אָט די אַרויסגערעדטע ווערטער האָב איך פון דעם אויבער־שפּיל איבער בן־עמיס שפּילן אַרויסגעהערט בן־עמי מיט זיין טאַלאַנט אויסצושפּילן נשמה־ווייטיק פון אינעווייניק אַרויס האָט עס מיר געלאָזט הערן — און אפשר דאַרף ער טאַקע אַרויסרעדן בקול־רם: דער גרויסער נס, דער נס פון אַלע נסים, דאַרף איצט געשען. איצט איז די שעה, ווען נישט איצט, ווען זשע דען? דער הימל דאַרף זיך שפּאַלטן, דער אויבערשטער, אויף וועמען יידן האָבן זיך פאַרלאָזט מיט זייער בטחון, זאָל אַראָפּנידערן און די פּולע

גאולה מקיים זיין, און פון שונא זאָל ווערן אַש מיט „פּאָראָך”, און ער ציט זיך אויס אויפן דיל, און פאַסט תעניתים גאַנצע מעת־לעתן. נישט ער עסט, נישט ער טרינקט, ביז זיין נשמה וועט דערגרייכן צום הימל און דער הימל וועט זיך שפּאַלטן.

ישראל (יעקב בן־עמי) האָט צו זיך אַ קעגן־שפּילער, לייזערן (געשפּילט פון מיכל גיבסאָנען). אים, לייזערן, איז געשען: זיין ווייב און קינד זענען אומ־געבראַכט געוואָרן. האָט ער עס נישט אויסגעהאַלטן. זיין מוח האָט געפּלאַצט. אליהו הנביא האָט זיך אים געוויזן און צוגעזאָגט, אַז ער קומט באַלד צוריק מיטן שופר של משיח, און אָט איז שוין די סדר־נאַכט און ער קומט נישט. האָט מורא, אַז עס וועלן מער קיין ייִדן נישט זיין אים מקבל־פּנים צו זיין. און מיר האָט זיך אַלץ אויסגעדאַכט, בן־עמי מיט זיין שפּילן האָט עס מיר געגעבן צו פילן, אפשר דאַרף עס טאַקע בפירוש אויסגעשפּילט ווערן, אַ איטלעך מאָל מאָל ווי לייזער־גיבסאָן ווייזט זיך אויף דער בינע, שטעלט ישראל (יעקב בן־עמי) אָן אויף אים אַ מיטליידנדיקן בליק און רירט אים אַפילו אָן מיט אַ מיטפילנ־דיקער האַנט.

צווייטער אַקט. בן־עמי נעמט איבער די הויפּט־ראָלע. ער איז דער פּאַר־ביינדער פון די סצענעס, וואָס נייטיקן זיך איצט אין אַ שטאַרקערער פּאַרבינ־דונג, כדי נישט צעשאָטן צו ווערן, וואָרעם דער הינטערגרונט, וואָס שפּאַרט זיי אַרויס, נעמט קראַכן. די גרויסע ייִדישע וועלט, וואָס האָט געדאַרפט דערהערן, לאָזט פון זיך נישט הערן. דער פּוילישער אונטערגרונט, נישט נאָר איז ער נישט צוגעשטאַנען, ער שטעלט אויך קיין געווער נישט צו. ספיקות נעמען גראַבלען דעם נס פון בטחון. אָבער מיט ישראלן אַליין קומט פּאָר אַ נס פון פאַרוואַנדלונג. ער, ישראל, —יעקב בן־עמי, — האָט זיך געראַנגלט מיט גאָט, און אים ביי־געקומען. ער האָט אויסגעפירט: דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן און גאָט האָט אַראָפּגענידערט און — זיך באַזעצט אין די נשמות פון די ייִדן. ער, ישראל, האָט זיך געהאַט פאַרוואַנדערט אויף די פרומע, ווען זיי האָבן זיך גענומען צום געווער. איצט, פאַרקוקנדיק זיך אויף די פרייע, ווערט ער נאָך מער פאַרוואונדערט: גאָט האָט זיך באַזעצט אויך אין זיי. גאָט איז אַ פרייער מענטש געוואָרן! רחל, וואָס ער, דער אַסקעט, האָט מיט דער נשמה זי ליב געהאַט, דאָס יונגע טעכטערל פון בונדיסט יחיאל, דער הויפּט־אָנפירער פון אויפשטאַנד — רחל (געשפּילט מיט איידעלן טאַקט פון מירעלע גרובער), נעמט אויף זיך מיט פריידיקן שטאָלץ פון פּאָטער אַ שליחות אַרויסצושמוגלען זיך פון דער געטאָ און אַריינשמוגלען זיך

פון דער געטאָ און אַריינשמוגלען דינאַמיט פון פּוילישן הינטערגרונט. זי קומט נישט צוריק. זי פֿאַלט אַ טויטע. אסתר, איר מוטער (געשפּילט פון בערטאַ גערס־טין מיט דער שטיל־פרומער התלהבות פון פּאַרצייטיקע יידישע מאַמעס) לאָזט זיך פון דער געטאָ אַרויס צו ברענגען רחלס קערפּערל צו קבר־ישראל. יחיאל (געשפּילט פון איזידאָר קעשיר) מאַכט זיין האַרץ פֿאַר אַ שטיק אייזן און שיקט זיין ייִנגסט קינד דודן צו פֿאַרענדיקן רחלס שליחות (מאַרק טאַפּעל, וואָס שפּילט דודלען) ווייזט באַשיינפּערלעך, אַז אַליין וואָלט ער עס אויך געטון. און יחיאל (קעשיר) מיט דער לאַסט פון צוויי עקדות, וואָס סטאַרטשען פון זיין ברייטן רוקן אַרויס, זעצט אַוועק זיך דינגען מיט דעם שליח פון פּוילישן הינטערגרונט, וועל־כער איז באַגייסטערט פאַרן יידישן העראָיזם, אָבער דעם אויפשטאַנד, פּסקנט ער, האָבן יידן פּריצייטיק אָנגעהויבן. און יחיאל האָט נאָך כוח אויסצושרייען אַ בייזע נבואה, אַז דער פּוילישער הינטערגרונט וועט נאָך אַמאָל מאַכן אַ פּריי־צייטיקן אויפשטאַנד, און די וועלט וועט זיין באַגייסטערט און לאָזן דעם אויפ־שטאַנד אומקומען.

דאָ געשעט עס, אַז ישראל מיט אַ האַרץ אויפגעריסן פון רחלס טויט, לאָזט אַריין אין זיין אויפגעריסן האַרץ גאָט אַ לעבעדיקן, אַ פּאַרמענטשלעכטן, — דעם גאָט פון די פּרייע, — ער גייט פאַרענדיקן רחלס שליחות און קומט צוריק און ברענגט דינאַמיט און באַווייזט נאָך צוריקוועגס אויפצורייסן דעם ערשטן טאַנק, וואָס די נאַציס האָבן אַרויסגעשיקט אויסצופּרובירן דעם געטאָס כוח צום ווידער־שטאַנד. ישראלס ראַנגלעניש מיט גאָט, זיין נצחון, זיין נשמה־פאַרוואַנדלונג — בינדט און פאַרבינדט דעם צוויטן אַקט און מאַכט אים קאָמפּאַקט.

דריטער אַקט. — די געטאָ־ווענט זענען צעשטערט. די באַריקאַדן זענען דורכגעריסן. אַ גאַנצער נאַצישער טאַנק־רעגימענט לאָזט זיך אויף דער געטאָ. דער פרומער בטחון אין באַלדיקן נצחון ווערט צעקראַכן. און ישראלס אַרבעט איז איצט צו פאַרבייטן דעם נס פון בטחון מיט אַ שטאַרקן נס — דעם טריומף אי־בערן טויט. ער, ישראל, און נאָך אים דער וויסער יצחק, און נאָך זיי די פּאַרטיי־פירער פירן די יידישע פּראָצעסיע צו דער לעצטער שלאַכט, מיט הערצער אָנגע־פייערט צו שטאַרבן אַן אומדערשראָקענעם טויט מיט געווער אין די הענט. ישראלס לעצטע ווערטער: ער פאַרשווערט די, וואָס ווילן זיך ראַטעווען, צו טראָגן דעם געטאָ־פלאַם צו די פּאַרטיזאַנען, און צעפלאַקערן זאָל זיך די שרפה פון אויפ־שטאַנד קעגן דער בעסטיע: ישראלס נס איבער אַלע נסים איז מקוים געוואָרן — גאָט איז מקוים געוואָרן אין דעם יידן. איבער דער בינע פלאַטערט די שכינה

— די געלייטערטע, געטובלטע אין קידוש־השם ייִדישע נשמה, אַן אָנגעצונ־דענע תפילה, אַ ליכטיקע נבואה. וואָס מער דער „נס אין געטאָ״ שפּילט זיין איך, אַלץ מער פון אויבערשפּיל איבער דער בינע ווערט אַריינגעזויגן פון שפּיל אויף דער בינע. און עס איז אַ ייִדישע מצווה צו גיין זען די העראָישע דראַמע — צו טובלען דאָס האַרץ אין הייליקן קוואַל, וואָס שלאָגט פון דעם אָרט, ווו עס איז אַמאָל געווען די העראָישע געטאָ.

װעגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך װענדן:

Editorial ''IDBUJ''

Boulogne Sur Mer 671/75 — T. E. 62-9566 — Buenos Aires

República Argentina

אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) **י. ל. פרץ** — דריי חסידישע דערציילונגען
אַלבום־פאָרמאַט, געכתיבהט פון קינסטלער משה פייגענבלום.

2) **ח. ש. קאַזדאַן** — מעטאָדיק פון יידישער שפראַך און ליטעראַטור **(אויספאַרקויפט)**

3) **י. י. טרונק** — כעלעמער חכמים
(יידן פון דער קליגסטער שטאָט אין דער וועלט)
מיט קאַריקאַטור, געצייכנט פון י. שלאָס.

4) **שלמה סיימאָן** — אַמאַליקע יידן
געקליבענע דערציילונגען פון אַ שיינער תקופה.

5) **פראָפ. ליבמאַן הערש** — אויף דער גרעניץ פון צייטן
געקליבענע אַרטיקלען אויף יידישע טעמעס.

6) **יצחק פערלאָוו** — אין אייגענעם לאַנד
דערציילונגען פון לעבן אין מדינת ישראל.

7) **י. י. טרונק** — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט

8) **ש. סיימאָן** — תוך־יידישקייט

9) **נ. ב. מינקאָוו** — זעקס יידישע קריטיקער
פרעמירט געוואָרן דורך דעם פאָנד פאַר יידישע ליטעראַטור
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

10) **אברהם זאַק** — אין אומרו פון יאָרן
פרעמירט געוואָרן דורך דער מ. סטאָלאַר־פרעמיע
פון „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס.

11) **יוסף רייך** — וואַלד אין פלאַמען

12) **מ. וו. בערנשטיין** — אין לאַבירינטן פון תקופות

13) **לעאָן קאָברין** — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע **(2 טיילן)**

14) **יצחק פערלאָוו** — דזשעבעליאַ **(ראָמאַן)**

15) **ברוך ריווקין** — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק

אין דרוק:

מלכה לי — מיט קינדערישע אויגן
יעקב פאַט — די לערערין אסתר
שלמה סיימאָן — וואָרצלען

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL 10 DE AGOSTO
DE 1955 EN LOS TALL. GRAF.
"ZLOTOPIORO HNOS.", CALLE
GASCON 1231, BUENOS AIRES.

B. RIVKIN

H. LEIVICK

(POEMS AND DRAMATIC WORKS)

*

"IDBUJ"

BUENOS AIRES

1955

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine
Copyright by:
B. RIVKIN (New York)

Hecho el Depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

B. RIVKIN

H. LEIVICK

SUS POESIAS Y OBRAS DRAMATICAS

✶

Editorial
''IDBUJ''
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina

Buenos Aires — 1955